STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00657

YIDISHE SHPRIKHVERTER

Permanent preservation of this book was made possible
by Dan & Jane Arnold
in memory of
their mother, Sylvia Saperstein Arnold, her brother Nick and sister Horty

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די דרײַ באַרימער

פֿון

דוד ראָדין





צײכענונגען פֿון

יצחק ליכטענשטײן

פֿאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

Copyright, 1940,
by
ALI LEVIN
NEW YORK, N. Y.

Printed in U. S. A.

פאָזי־שאָולזאָן פרעס
19 וועסט 21טע גאַס
ניו־יאָרק, נ. י.

255

אינהאַלט

●

1) באַקאַנט זיך 5

2) זייערע פעטערס 9

1) ווי משהס פעטער רייסט אַרויסביימער מיט די וואָרצלען
2) ווי חיימס פעטער בלאָזט אַוועק אַ העלפאַנט
3) ווי געצלס פעטער בלאָזט אַוועק די ערד פון אונטער די פיס

3) גאַסן 13

1) ווי משהס פעטער העלפט אַ פורמאַן
2) ווי חיימס פעטער העלפט אַ באַלעבאָס
3) ווי געצלס פעטער קאַטעוועט אַ קינד

4) געלייזט די פּראָבלעם 21

1) וואָס משה וועט טאָן ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער
2) וואָס חיים וועט טאָן ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער
3) וואָס געצל וועט טאָן ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער

5) די מלחמה־העלדן 29

1) דער אָנגעבלאָזענער העלד
2) דער ברעטל־העלד
3) דער הילצערנער העלד

6) ווי זייערע פעטערס שאַפן אָפּ מלחמה 57

1) ווי משהס פעטער פאַרבלאָזט די אָפּיצערן אין ים אריין
2) ווי חיימס פעטער רייסט אראָפּ ביי די גענעראַלן די קנעפלעך
3) ווי געצלס פעטער לאָזט די קייסאָרים אַליין מלחמה האַלטן

7) זייערע שוועסטערקינדער 81

1) אַ פּאָר אויערן — ווי די טויערן
2) אַ צונג ווי אַ לאָפּעטע
3) אַ נאָז ווי אַ שלאַנג צען מייל לאַנג

8) זייערע זיידעס 107
1) מיט איין שטאָך באַנייט ער אַ גאַנץ שטעטל
2) מאַכט אַזאַ פּאָר שיך, אַז אַ גאַנץ שטעטל קאָן אין זיי גיין
3) מאַכט אַזאַ בעט, אַז אַ גאַנץ שטעטל קאָן אין דעם שלאָפן

9) זייערע זיידעס און זייערע באָבעס 122
1) אין ברוינלאַנד
2) אין שוואַרצלאַנד
3) אין געללאַנד

10) אַלטעביימער 163
1) אַ בוים ווי אַ מענטש
2) אַ בוים ווי אַ פויגל
3) אַ בוים ווי אַ מנורה

11) פאַרמערשע בערד 169
1) זיין באָרד שלאָפט אין אַ באַזונדער בעט
2) אַ באָרד וואו קינדער שפּילן זיך אין באַהעלטעניש
3) אַ באָרד וואו אַ קעלבל האָט פאַרבלאָנדזשעט

12) אין „זו" (זאָאָלאָגישן גאָרטן) 199

א

1) פון פויגל־הויז
2) פון זשיראַפן־הויז
3) דער העלפאַנט און די גרויסע וואונדער וואָס ער האָט געקאָנט באַווייזן

ב

1) וועגן אַ ריזיקן היפּאָפּאָטאַמוס וואָס האָט איינגעשלונגען זיין הויז מיט זיך צוזאַמען
2) דער וואָלף, די שעפּס, און זייער קינד — שעפּסלוואָלף
3) אַ רייזע אין בויך פון אַ שלאַנג איבערן אָפּגרונט פון פּאַסיפישן אָקעאַן.

די דריי באַרימער

באַקאַנט זיך:

משה, חיים און געצל — דריי קליינע יינגלעך, אַלע דריי אין די זעלביקע יאָרן, וואוינען אויף דער זעלביקער גאַס, גייען אין דער זעלביקער שול און האָבן די זעלביקע אינטערעסן.

אַלע דריי זיינען גרויסע פאַנטאַזיאָרן און נאָך גרעסערע באַרימער. אַלע דריי האָבן ליב אַרומצוגיין אין די גאַסן, אין די פּאַרקן,ביים טייך; זען אַלץ, באַטראַכטן אַלץ, און נאָכדעם זיך פאַרטראַכטן איבער אַלץ, פאַנטאַזירן און זיך באַרימען איבער אַלץ.

משה, חיים און געצל קאָנען לייזן די שווערסטע פּראָבלעם — איינס און צוויי. פאַר זיי איז ניטאָ קיין שווערקייט. יעדע שווער־ריקייט מוז בײַ זיי באַזייטיקט ווערן. באַזייטיקט עס ניט משה, באַזייטיקט עס חיים; באַזייטיקט עס ניט חיים, באַזייטיקט עס געצל.

פאַר משהן, חיימען און געצלען עקזיסטירט ניט אַזאַ באַגריף ווי „צו ווייט" אָדער „צו הויך". די ווייטסטע ווייטקייט און די העכסטע הויך איז פאַר משהן, חיימען און געצלען אַזוי גרינג צו דערגרייכן — אָט, ווי עס איז גרינג פאַר מיר אייך די מעשהלעך צו דערציילן.

אָט, הערט:

זייערע פעטערס

1) ווי משהס פעטער רייסט אַרויסביימער מיט די וואָרצלען.

2) ווי חיימס פעטער בלאָזט אַוועק אַ העלפאַנט.

3) ווי געצלס פעטער בלאָזט אוועק די ערד פון אונטער זיינע פיס.

1

ווי משהס פעטער רייסט אַרויס ביימער מיט די וואָרצלען

משה, חיים און געצל האָבן זיך באַגעגנט און האָבן זיך גענומען באַרימען איינער פאַרן אַנדערן.

הײנטיקס מאָל האָבן זײ זיך באַרימט מיט זייערע פעטערס.

משה האָט געזאָגט: מיין פעטער האָט אָט אַזעלכע גרויסע ליפּן! און זיינע באַקן קאָנען זיך פאַנאַנדערציען אָט אַזוי ברייט! און זיינע לונגען קאָנען זיך אַזוי פאַנאַנדערשפּרייטן, אַז זיין ברוסט־קאַסטן זאָל זיך אויפהויבן אָט אַזוי הויך! און אַז ער טוט אַ בלאָז — ווערט אַזאַ גרויסער און שטאַרקער ווינט, אַז עס קאָן אַ בוים מיט די וואָרצלען אַרויסרייסן!

2

ווי חיימס פעטער בלאָזט אַוועק אַ העלפאַנט

עט! רופט זיך אָן חיים. אַ גרויס באַטרעף אַ בוים מיט די וואָרצלען אַרויסצורייסן! אָט, מיין פעטער — איז איינמאָל געגאַנגען אין אַ ווייטן וועג, איז ער אַזוי לאַנג געגאַנגען ביז ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסן און טיפן וואַלד. גייט ער זיך אַזוי דורכן

וואַלד און טראַכט פון גאָרנישט. מיטאַמאָל דערזעט ער, ווי אַנטקעגן אים קומט אָן אַ גרויסער, ווילדער העלפאַנט. מיין פעטער האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן און איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

קומט צו דער העלפאַנט צו מיין פעטער און דרייט מיט זיין גרויסן קאָפּ אַהין און אַהער, אַהער און אַהין; און מיט זיין לאַנגער נאָז — אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף. אָבער מיין פעטער האָט זיך נאָך אַלץ ניט דערשראָקן. עפנט דער העלפאַנט זיין גרויס מויל און וויל איינשלינגען מיין פעטער. אַז מיין פעטער נעמט זיך דאָס אָן מיט כּוח און טוט אַזאַ בלאָז — אַז דער העלפאַנט איז פאַרפלויגן געוואָרן אויף דריי מייל, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן אַ בוים און איז דערהרגעט געוואָרן.

און מיין פעטער איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

3

ווי געצלס פעטער בלאָזט אַוועק די ערד פון אונטער זיינע פיס

— איי, איי, איי, אַ טייערע מעציאָצע (מציאה)! רופט זיך אָן געצל.

— וואָס פאַר אַ וואונדער איז דאָס צו דערהרגענען אַ העלפאַנט, אָדער אַרויסצורייסן אַ בוים מיט די וואָרצלען? אָט, מיין פעטער איז איינמאָל געגאַנגען אין אַ זייער וויטן וועג, איז גייט ער אַזוי און גייט, און גייט און גייט, און — דערווייל זעט ער נאָך גאָר־נישט. גייט ער זיך אַזוי ווייטער, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ זייער גרויסן שטיין. דער שטיין איז געווען אַזוי גרויס — ווי זאָל איך אייך זאָגן — ווי אַ ריזיקער באַרג, וואָס גרייכט פון איין עק

וועלט ביזן אַנדערן. און הויך איז געווען דער שטיין — ביז אַרי־בער אַט יענעם ווייסן וואָלקנדל.

וואָס זשע זאָל דאָ מיין פּעטער טאָן ? ער דאַרף דאָך גיין זיין וועג ? האָט ער טאַקע קיין סך ניט געטראַכט, האָט פאַנאַנדער־געצויגן זיינע באַקן און האָט מיט זיינע גרויסע ליפּן געגעבן אַזאַ בלאָז אָן דער ערד, אַז די ערד האָט גענומען פליען פון אונטער זיינע פיס און ער האָט זיך גענומען טראָגן ווי אַ פויגל אַלץ העכער און העכער צום הימל, ביז ער איז אַרויפגעפלויגן אויפן סאַמע שפּיץ פון שטיין.

וואָס זשע דענקט איר האָט ער נאָכדעם געטאָן ? גאָרנישט. ער האָט זיך בלויז געגעבן אַ גליטש אַראָפּ צו דער אַנדערער זייט פונעם שטיינערנעם באַרג און איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

ג אַ ס ן

1) ווי משהס פעטער העלפט אַ פורמאַן.

2) ווי חיימס פעטער העלפט אַ באַלעבאָס.

3) ווי געצלס פעטער ראַטעוועט אַ קינד.



1

ווי משהס פעטער העלפט אַ פורמאַן

משה, חיים און געצל זיינען געגאַנגען צווישן די שמאָלע און בלאָטיקע גאַסן פון דער „איסט סאַיד" און האָבן זיך באַרימט.

משה האָט געזאָגט:

— איך האָב געזען אַ גאַס, איז זי אַזוי שמאָל, אַז אַפילו אַ פערד און וואָגן קאָן דאָרטן ניט דורכפאָרן. און די הייזער זיינען דאָרטן שוואַרצע און אַזוינע הויכע, אַז זיי פאַרשטעלן דעם הימל. און מענטשן זיינען אין יענע הייזער אָנגעזעצט ווי פליגן אויף צוקער. און אַ בלאָטע איז אין יענער גאַס — ביז אַריבער די קני! וואָס זשע טוען מענטשן, אַז ס'איז אַ בלאָטע? — טראָגט מען שטיוול, — אָט אַזעלכע גרויסע שטיוול!

איז איינמאָל אין יענער גאַס אַריינגעפאָרן אַ פור און איז געבליבן שטעקן: — האָט ניט געקאָנט ווייטער פאָרן, און קאָן ניט צוריק אַרויספאָרן. ווייס ניט דער פורמאַן וואָס דאָ צו טאָן, שטייט ער און וויינט:

— וואָס זאָל איך דאָ טאָן?

— ווי, וואָס זאָל איך דאָ טאָן?!

— ווי קאָן איך זיך פון דאַנען אַרויסקלייבן? —

— איך וויל אין דער בלאָטע ניט פאַרבלייבן!

אין דעם קומט אָן מיין פעטער. פרעגט ער דעם פורמאַן:
— וואָס ווינסטו?
ענטפערט דער פורמאַן:
— ווי זאָל איך ניט וויינען, אַז איך בין אַהער אַריינגעפאָרן און קאָן פון דאַנען ניט אַרויספאָרן. איך וויל אין דער בלאָטע ניט פאַרבלייבן; — העלף מיר פון דאַנען זיך אַרויסצוקלייבן!
זאָגט מיין פעטער:
— אַוואַדע וועל איך דיר העלפן. הער אויף וויינען ווי אַ באָבעצע און קריך אין וואָגן אַריין!
איז דער פורמאַן אַרויף אויפן וואָגן.
נעמט מיין פעטער, לייגט צו אַן אַקסל צום וואָגן, און טוט אַזאַ שטופּ, — אַז מיין פערד, מיטן פורמאַן, מיטן וואָגן האָבן זיך געגעבן אַ טראָג דורכן געסל און זיינען אַוועקגעפלויגן, אַז מע האָט זיי קוים מיט די אויגן געקאָנט נאָכיאָגן!

2

ווי חיימס פעטער העלפט אַ באַלעבאָס

אויך מיר אַ וואונדער! — רופט זיך אָן חיים — אָט, איך האָב געזען אַזאַ שמאָל געסל, אַז אַ דאַרער מענטש האָט דאָרטן קוים געקאָנט דורכקריכן. און די הייזער זיינען דאָרטן שוואַרצע, ווי קויל. און מענטשן זיינען אין יענע הייזער אָנגעזעצט — ווי בינען אין אַ בינשטאָק. און אַ בלאָטע איז אין יענעם געסל — ביז אַריבערן גאַרטל. וואָס זשע טוען מענטשן, אַז ס׳איז אַזאַ גרויסע בלאָטע?
— טראָגט מען שטיול — אָט אַזעלכע גרויסע שטיול!

איז איינמאָל דער באַלעבאָס פון יענעם געסל געגאַנגען מאָנען דירה־געלט (אַליין האָט ער געוואוינט אויף אַ גרויסער גאַס, אָבער הייזער האָט ער געהאַט אין יענעם געסל). אַזוי ווי ער האָט זיך שטאַרק געאײַלט, איז ער אונטערגעגלאָפן. און ס'איז געווען שיין צו זען ווי דער באַלעבאָס לויפט. ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ גראָבינקער, מיט קורצע דיקע פיס. אַז ער איז געגאַנגען, האָט ער זיך געקייקלט פון זייט צו זייט, אַזוי ווי אַ קאַטשקע. און אַז ער איז געלאָפן, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַרנאַנדערגעוויגטער „ראָלי־פּאָלי". און אַזוי לויפנדיק האָט ער זיך געגעבן אַ רוק אַריין אינעם געסל און איז געבליבן שטעקן צווישן די צוויי ווענט: — ער האָט ניט געקאָנט ווייטער גיין, און ניט געקאָנט צוריק אַרויס־גיין. האָט ער אָנגעהויבן שרייען און וויינען:

— וואָס זאָל איך דאָ טאָן?

ווײַ, וואָס זאָל איך דאָ טאָן?!

וואָס פאַר אַ מיטל איז פאַראַן,

ווי זיך צו ראַטעווען פון דאַנען?!

אין דעם קומט אָן מיין פעטער און זעט: אַ מענטש שטעקט צווישן צוויי ווענט און וויינט.

פרעגט אים מיין פעטער:

— וואָס וויינסטו?

ענטפערט דער באַלעבאָס:

— דו אויף מיין אָרט וואָלסט אויך געוויינט.

באַטראַכט מיין פעטער דעם דיקן באַלעבעסל, שמייכלט אין די וואָנצעס אַריין און זאָגט:

— איך אויף דיין אָרט וואָלט דאָך אַזעלכע שמאָלע געסלעך ניט געבויט, וואָלט איך פאַרשפּאָרט צו וויינען. ווען דו האָסט גע־

בויט דאָס געסל, האָסטו זיך געטראַכט, אַז פּאַר אָרימע מענטשן איז אַזאַ שמאָל געסל אויך גענוג. נו, איז ווי זאָגט דאָס ווערטל: אַז מען גראָבט אַ גרוב פאַר יענעם, פאַלט מען אַהין אַליין אַריין.
— איז טאַקע אַ מיצווה אויף דיר.

הייבט אָן דער באַלעבאָס נאָך מער וויינען און בעטן:
— ביי מענטשן איז דאָך רחמנות פאַראַן; —
העלף מיר אַרויסקריכן פון דאַנען!
זאָגט מיין פעטער:

— זעסטו, העלפן — וועל איך דיר העלפן. דו מוזט מיר אָבער צוזאָגן, אַז דו וועסט מער אַזעלכע שמאָלע געסלעך ניט בויען, וואָרים אָרעמע מענטשן זיינען אויך מענטשן, און דאַרפן אויך וואוינען ווי מענטשן.

האָט אים דער באַלעבאָס צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין מער אַזעלכע געסלעך ניט בויען.

נעמט מיין פעטער, טוט זיך אַ שפּאַר אָן מיט דער פּלייצע אָן איין זייט גאַס, און מיט די קני — אָן דער צווייטער זייט גאַס, און האָט געגעבן אַזאַ שטופּ, אַז די ווענט האָבן זיך געגעבן אַ רוק פאַנאַנדער, און דער באַלעבאָס איז אַרויסגעקראָכן און איז אַוועקגעלאָפן אַהיים.

3

ווי געצלס פעטער ראַטעוועט אַ קינד

איי, אַיי, אַיי, אַ גרויס באַטרעף! רופט זיך אָן געצל. אָט, איך האָב געזען אַזאַ שמאָל געסל, אַז אַ קליין קינד האָט דאָרטן קוים געקאָנט דורכגיין. און די הייזער אין יענעם געסל זיינען אַזעלכע

היכע און אַזעלכע שוואַרצע, אַז זיי פאַרשטעלן דאָס גאַנצע ליכט פון טאָג. און דאָרטן וואוינען אַזוי פיל מענטשן — ניט איבער־צוציילן! און אַ בלאָטע איז אין יענעם געסל — ביז איבערן קאָפּ! וואָס זשע טוען מענטשן, אַז ס׳איז אַזאַ טיפע בלאָטע? — גייט מען טאַקע אינגאַנצן אין שטיוול — פון די פיס ביזן קאָפּ — שטיוול.

איז איינמאָל אין יענעם געסל אַרויסגעגאַנגען אַ קינד און איז פאַרזונקען אין דער בלאָטע. איז געוואָרן אַ טומל און אַ געשריי:

— אַ קינד איז פאַרזונקען!

אַ קינד איז פאַרזונקען!

אין דעם קומט אָן מיין פעטער. ווי נאָר ער האָט דערהערט וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט און האָט גלייך געגעבן אַ שפּרונג אַריין אין דער בלאָטע.

מענטשן האָבן זיך דערשראָקן: זיי האָבן געמיינט, אַז מיין פעטער וועט אויך פאַרזינקען אין דער בלאָטע.

אָבער מיין פעטער ווערט אין קיין בלאָטע ניט פאַרזונקען! אין אַ ווײַלע אַרום זעען אַלע ווי מיין פעטער קריכט פון דער בלאָטע אַרויס און אין האַנט האַלט ער דאָס קינד. און דאָס קינד איז אַזוי שיין, און ריין, און פאַרקאַמט, אַז אַלע האָבן זיך גענומען וואונדערן:

— ווי קומט עס?

ווי קומט עס!

האָט זיי מיין פעטער דערציילט, אַז נאָך איידער ער איז פון דער בלאָטע אַרויסגעקומען, האָט ער דערווײַלע דאָרטן געכאַפּט אַ שטיקל זייף, האָט אויסגעוואַשן, אויסגעצוואָגן און פאַרקאַמט דאָס קינד און האָט פאַרשפּאָרט דער מוטער אַן אַרבעט.

גערייזט די פּראָבלעם

1) וואָס משה וועט טאָן, ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער.

2) וואָס חיים וועט טאָן, ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער.

3) וואָס געצל וועט טאָן, ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער.

1

וואָס משה וועט טאָן ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער

משה, חיים און געצל זיינען געווען אין קינדער־טעאַטער, געזען אַ שיינע, פאַנטאַסטישע שפּיל וועגן אַ צויבערלאַנד מיט מכשפות און מיט ריזן. ווען זיי זיינען צוריקגעגאַנגען פון טעאַטער דורך די ענגע און שמוציקע גאַסן פון דער „איסט־סאַיד", האָבן זיי פאַנטאַזירט און זיך באַרימט איינער פאַרן אַנדערן.

היינטיקס מאָל האָבן זיי זיך באַרימט מיט דעם, וואָס זיי וועלן טאָן, ווען זיי וועלן ווערן גרויסע.

משה האָט געזאָגט:

ווען איך וועל ווערן אַ גרויסער, וועל איך מיר קויפן אָט אַזאַ גרויסע פּאָר שטיוול! און אַז איך וועל אָנטאָן די שטיוול, וועל איך מיט איין שפּאַן קאָנען אָפּגיין אפשר דרייסיק מייל! וועל איך אָוועקגיין צו יענעם גרויסן וואַלד, וואו אַלע מכשפות וואוינען. דער וואַלד איז אַזאַ גרויסער, אַזאַ טיפער און אַזאַ פינצטערער, אַז ס'נעמט אָן אַ שרעק ווען מע טוט אויף אים אַ קוק. די גרויס איז ער ווי פון דאַנען ביז אפשר אויף יענער זייט וועלט! און טיף איז ער — אָן אַ מאָס! און פינצטער — אַזוי ווי הונדערט נעכט צוזאַמענגענומען!

די מכשפות זיינען אַלע פאַר ווילדע חיות פאַרשטעלט און וואוינען דאָרט אין היילן.

וועל איך מיטנעמען מיט זיך אַ סך גוטע זאַכן, וועל צוגיין צו אַ הייל און די אַלע גוטע זאַכן אַהין אַריינוואַרפן. איז ווי נאָר איך וועל די אַלע גוטע זאַכן אַהין אַריינוואַרפן, וועט דאָך אַרויס־קומען די מכשפה און מיך פרעגן וואָס איך וויל, וועל איך איר זאָגן, אַז איך וויל ווערן אַ ריז.

גיט זי איין דריי מיט איר צויבער־שטעקעלע, און איך ווער גלייך אַ גרויסער, שטאַרקער ריז.

ווי נאָר איך ווער אַ ריז, אַזוי גיב איך איין שפּאַן און איך בין שוין דאָ צוריק. דאַמאָלסט, אָבער, וועל איך שוין אין אָט די שמאָלע גאַסן ניט קאָנען דורכגיין, ווייל איך וועל דאָך זיין אַ ריז ביז אין הימל אַריין. וואָס זשע וועל איך טאָן? וועל איך זיך אָנשפּאַרן מיט איין האַנט אָן דער זייט גאַס, און מיט דער צווייטער — אָן יענער זייט גאַס, און וועל געבן אַ שטופּ, וועלן זיך די גאַסן פאַנאַנדעררוקן און וועלן ווערן ברייטע. אַז די גאַסן וועלן שוין זיין ברייטע, וועל איך אַוועקגיין אין וואַלד, אַרויסרייסן עטלעכע ביימער, מאַכן אַ בעזעם און וועל אויסקערן די גאַסן. און אַז די גאַסן וועלן שוין זיין ריינע, וועל איך אַוועקגיין אין פאַרב־פאַבריק וועל נעמען די שענסטע פאַרבן און וועל אָפּפאַרבן אַלע הייזער. און לעבן די הייזער וועל איך פאַרזייען גראָזן און ביימער און בלומען און וועל מאַכן, אַז אויך אונדזערע גאַסן, און אויך אונדזערע הייזער זאָלן זיין אַזוי שיין, ווי איך האָב דאָס געזען דאָרטן, ביי די רייכע.

און אַז איך וועל דאָס אַלץ אויפטאָן, וועל איך דאָך זיין מיד, וועל איך זיך אַוועקלייגן שלאָפן, און אַ ריז שלאָפט דאָך ניט קיין ביסלעך, וועל איך טאַקע אָפּשלאָפן אפשר הונדערט יאָר.

2

וואָס חיים וועט טאָן ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער

חיים און געצל האָבן זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צו אַלץ, וואָס משה האָט דערציילט. און ווען משה האָט געענדיקט, האָט זיך חיים אָנגערופן:

— אײַ ביסטו אַ קלוגער! אַז דו וועסט מאַכן ברייטע גאַסן און שיינע הייזער, וועט דאָך ווערן טייערער דירה-געלט, וועלן זיך דאָך אַלע רייכע אַהער אַריינקלייבן. איז וואו וועלן מיר דאַן וואוינען? ניט אומזיסט ווילסטו אָפּשלאָפן אַ הונדערט יאָר, חכם איינער!

אָט, זעסטו, ווען איך וועל ווערן אַ גרויסער, וועל איך מיר קויפן אַ גאָר גרויסע פּאָר שטיוול. און אַז איך וועל אָנטאָן די שטיוול, וועל איך מיט איין שפּאַן קאָנען אָפּגיין אפשר זעכציק מייל! וועל איך מיטנעמען אַ סך גוטע זאַכן און וועל אַוועקגיין צו יענעם גרויסן וואַלד וואו אַלע מכשפות וואוינען, וועל צוגיין צו דער הייל און די אַלע גוטע זאַכן אַהין אַריינוואַרפן. וועט דאָך אַרויסקומען די מכשפה און מיך פרעגן וואָס איך וויל, וועל איך זאָגן, אַז איך וויל האָבן דריי זאַכן: אַ גראָב-אײַזן, אַ נאָדל און אַן אָל.

גיט די מכשפה אַ דריי מיט איר צויבער-שטעקעלע און איך האָב שוין אַ גראָב-אײַזן, וואָס קאָן אַליין גראָבן; אַ נאָדל, וואָס קאָן אַליין נייען, און אַן אָל, וואָס קאָן אַליין מאַכן שיך.

וועל איך קומען צוריק אַהער, וועל גיין אין דער לעדער-פאַבריק, אָננעמען אַ סך לעדער און וועל לאָזן דעם אָל מאַכן אַ סך שיך. נאָכדעם וועל איך גיין אין דער וועב-פאַבריק, אָננעמען

אַ סך סחורה און לאָזן דער נאָדל נייען אַ סך קליידער. נאָכדעם וועל איך גיין אין דער גאָלד־מינע און וועל לאָזן דעם גראָב־אַייזן אָנגראָבן אַ סך גאָלד. און נאָכדעם וועל איך דאָס גאָלד און די קליידער און די שיך צעטיילן צו אַלע אָרעמע מענטשן. און אַז די אָרעמע מענטשן וועלן זיך אָנטאָן די נייע שיך, וועלן זיך אָנטאָן די שיינע קליידער און וועלן זיך קויפן עסן פאַר דעם גאָלד, ערשט דאַמאָלסט וועלן זיי קאָנען וואוינען אין די ברייטע גאַסן, און די שיינע הייזער, וואָס דו וועסט מאַכן.

3

וואָס געצל וועט טאָן ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער

איר זייט ביידע גרויסע חכמים ! רופט זיך אָן געצל. משה מיינט, אַז אָט באַלד וועט מען אים לאָזן נעמען און פאַנאַנדער־שפּאַרן די גאַסן. און וואָס וועט דער מעיאָר פון שטאָט זאָגן ? וואָס ? דו האָסט פאַר אים קיין מורא ניט ? נו, און וואָס וועט דער גאָווערנאָר זאָגן ? און וואָס וועט דער פּרעזידענט אליין זאָגן ? זיי וועלן דאָך ניט שווייגן ! און חיים מיינט, אַז אָט אַזוי גרינג נעמט זיך עס לעדער, סחורה און גאָלד. און וואָס וועט דער באַלעבאָס פון דער לעדער־פאַבריק זאָגן ? און וואָס וועט דער באַלעבאָס פון דער וועב־פאַבריק זאָגן ? און וואָס וועט דער באַלעבאָס פון דער גאָלד־מינע זאָגן ? איר ווייסט גאָרניט, אַז אויף יעדער זאַך איז פאַראַן אַ באַלעבאָס ?

אָט, אַז איך וועל ווערן אַ גרויסער, וועל איך מיר קויפן אַ גאָר, גאָר גרויסע פאַר שטיוול ! און אַז איך וועל אָנטאָן די שטיוול,

וועל איך מיט איין שפּאַן קאָנען אָפּגיין אפשר הונדערט מייל! וועל איך מיטנעמען זייער אַ סך גוטע זאַכן און וועל אַוועקגיין צו יענעם גרויסן וואַלד, וואו אַלע מכשפות וואוינען, וועל צוגיין צו דער הייל און וועל די אַלע גוטע זאַכן אַהין אַריינוואַרפן. וועט דאָך אַרויסקומען די מכשפה און מיך פרעגן וואָס איך וויל, וועל איך איר זאָגן, אַז איך וויל ווערן דער גרעסטער ריז אין דער וועלט.

גיט זי אַ דריי מיט איר צויבער־שטעקעלע און איך בין שוין אַזאַ גרויסער ריז, אַז מיט איין שפּאַן קאָן איך אַריבערגיין דעם גרעסטן ים.

גיי איך אַוועק איבער אַלע ימען, איבער אַלע לענדער און, וואו נאָר איך געפין אַ קייסער, נעם איך ביי אים צו זיין קרוין; און וואו נאָר איך געפין אַ פּרעזידענט, נעם איך ביי אים צו זיין שטול. און אַ קייסער אָן אַ קרוין — איז דאָך קיין קייסער ניט. ווייל וואָס ער זאָגט נאָר — אָן אַ קרוין — הערט מען אים ניט און מע פאָלגט אים ניט. און אַ פּרעזידענט אָן אַ שטול — איז דאָך קיין פּרעזידענט ניט.

און אַז איך האָב שוין צוגענומען ביי אַלע קייסאָרים די קרוינען און ביי אַלע פּרעזידענטן די שטולן, טו איך אויף זיך אָן די אַלע קרוינען און זעץ זיך מיר אויס אויף די אַלע שטולן און וואָס איך זאָג נאָר, הערט מען מיך און מע פאָלגט.

טו איך אַ זאָג:

—אַלע גאַסן זאָלן ווערן ברייטע!

ווערן באַלד אַלע גאַסן ברייטע.

טו איך אַ זאָג:

— אַלע הייזער זאָלן ווערן שיינע!

ווערן באַלד אַלע הייזער שיינע.

טו איך אַ זאָג:
אַלע באַלעבאַטים זאָלן ניט ווערן!
און אַלע באַלעבאַטים ווערן ניט.

טו איך אַ זאָג: — די, וואָס אַרבעטן אין די שיך פאַבריקן, זאָלן צעטיילן די שיך צו אַלע מענטשן גלייך! און די, וואָס אַרבעטן אין די קליידער פאַבריקן, זאָלן צעטיילן די קליידער צו אַלע מענטשן גלייך! און די, וואָס אַרבעטן אין די גאָלד־מינען, זאָלן צעטיילן דאָס גאָלד צו אַלע מענטשן גלייך! און אַלע מענטשן וואוינען אין שיינע הייזער! און אַלע מענטשן האָבן נייע שיך און שיינע קליי־דער; און אַלע מענטשן האָבן גענוג געלט אויף קויפן זיך עסן; און אַלע מענטשן זיינען גליקלעך.

די מלחמה העלדן

1) דער אָנגעבלאָזענער העלד.

2) דער ברעטל העלד.

3) דער הילצערנער העלד.

1

דער אָנגעבלאָזענער העלד

משה, חיים און געצל זיינען געגאַנגען אין קינאָ־טעאַטער, געזען דאָס גרויסע מלחמה־בילד, און צוריקגייענדיק האָבן זיי פאַנטאַזירט און זיך באַרימט.

משה האָט געזאָגט: אונדזער שכן האָט געהאַט אַ זון, האָט מען אים גערופן בערל. איז בערל געווען אַביסעלע נאַרישעוואַטע און האָט זיך נאָך דערצו אַביסעלע אונטערגעפוילט. האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „בערל פוילער."

פלעגט בערל־פוילער זאָגן:

„וואַרט, איך וועל נאָך אַמאָל ווייזן דער וועלט, ווער בערל איז!"

האָט זיך געטראָפן און ס'איז געוואָרן אַ מלחמה אויף דער וועלט. האָט בערל־פוילער געוואָלט ווייזן דער וועלט „ווער בערל איז." האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין דער מלחמה.

אַז ער איז געקומען אין דער מלחמה און דערזען, וואָס דאָרטן טוט זיך אָפּ, — האָט דערזען די פייערן פון אַרום און אַרום, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געברענט; האָט דערהערט דאָס ברומען און קנאַקען פון ביקסן און קאַנאָנען; האָט דערהערט דאָס הוזשען, פייפן און סוויסטשען פון פליענדיקע קוילן, — האָט ער אַביסעלע חרטה געהאַט און זיך געוואָלט אומקערן צוריק אַהיים. נאָר ער האָט זיך אַביסעלע געפוילט און זיך טאַקע אונטערגעשעמט אויך:

— „וואָס וועלן מענטשן זאָגן?"

„וואָס וועלן מענטשן זאָגן ?"

איז ער געבליבן אין דער מלחמה. און כאָטש ער האָט זיך אַביסעלע אונטערגעפּוילט, האָט ער דאָך געמוזט נעמען זיין ביקס און אַרויסגיין מלחמה האַלטן מיטן פּיינט.

ווען ער איז צוגעקומען צום שלאַכטפעלד האָט ער דערזען, אַז דער פּיינט זיצט און עסט וואַרמעס. טראַכט זיך בערל־פּוילער: ווי קאָן מען דאָס נעמען שיסן, ווען יענער זיצט און עסט ? מע דאַרף דאָך האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן צו טאָן אַזאַ זאַך ! און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט עס טאַקע ניט טאָן; ער וועט בעסער צוואַרטן ביז וואַנען דער פּיינט וועט אָפּעסן.

האָט זיך בערל־פּוילער צוגעלייגט אויפן גראָז און גענומען וואַרטן ביז וואַנען דער פּיינט וועט אָפּעסן זיין וואַרמעס. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַרום און אַרום איז געווען גרין, דער הימל איז געווען בלוי, און די זון האָט געוואַרעמט — אַ מחיה ! האָט בערל־פּוילער אָנגעהויבן דרעמלען. ווי נאָר ער האָט גענומען דרעמלען, אַזוי האָט זיך אים עפּעס אָנגעהויבן חלומען און ער איז איינגעשלאָפן. און אַז בערלען חלומט זיך עפּעס — כראָפּעט ער. האָט זיך אים, ווי עס ווייזט אויס, געמוזט חלומען אַ זייער גרויסע זאַך, ווייל ער האָט גענומען כראָפּען אויף וואָס די וועלט שטייט.

זיצן די פּיינטלעכע אַרמייען, עסן וואַרמעס און דערהערן מיט אַמאָל ווי עמיצער כראָפּעט. קוקן זיי זיך אַרום און דערזעען ווי אויפן גראָז ליגט אויסגעשפּרייט אַ מענטש מיט אַן אָפענעם מויל און כראָפּעט. נעמען זיי אַ באָמבע, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט לופט, און טוען זי אַ וואָרף גלייך אויף בערלען, אַז אַזאַ באָמבע טרעפט אין עפּעס און פּלאַצט, טוט זיך די לופט אַ לאָז מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס'קאָן די זאַך פאַרבלאָזן אויף מיילן ווייט. היינט, אַז

מען האָט אַזאַ באָמבע אַ וואָרף געטאָן אויף בערלען, איז די באָמבע אים געפאַלן גלייך אין אָפענעם מויל אַריין און האָט דאָרטן גע־פּלאַצט. האָט זיך די לופט געגעבן אַזאַ שפּרייט־אויס אין זיין קערפּער, אַז ס׳האָט אים אָנגעבלאָזן ווי אַ מויער די גרויס!

אַז בערל־פויליער האָט דערפילט, ווי ער האָט מיטאַמאָל גענו־מען וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט ער זיך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף אַ צעשראָקענער. און ווען ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען, אַז אויף דעם אָרט, וואו ער איז איינגעשלאָפן, ליגט גאָר איצט אַ ריז ווי אַ באַרג די גרויס, און ער, בערל אליין, איז ניטאָ — האָט ער זיך נאָך מער דערשראָקן און ס׳האָט אים גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן.

ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן מיט פאַרדאַכט און גענומען בורטשען צו זיך אליין:

— וואו האָב איך דאָס געקאָנט אַהינקומען ? וואו ? אַז געלייגט שלאָפן האָב איך זיך, דאַכט מיר, אָט אָ דאָ ,און איצט בין איך דאָ גאָר ניטאָ! וואַרט, מע דאַרף עס גוט באַטראַכטן.

בערל, אָבער, האָט קיינמאָל ניט געקאָנט טראַכטן ליגנדיק, אָדער זיצנדיק, — ווייל ווען ער איז געלעגן, אָדער געזעסן, האָט זיך אים ניט געטראַכט. כדי צו טראַכטן האָט ער זיך געמוזט אויפשטעלן. איז ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַזוי האָט עס אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן — אַזוי הויך איז ער איצט געווען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיין קאָפּ האָט זיך פון זיינע פּלייצעס אָפּגעריסן און איז אַרויפגעפלויגן הויך, הויך, און איז געבליבן הענגען צווישן הימל און ערד.

איז ער געשטאַנען אַ לאַנגער, אַן אויסגעצויגענער און אַן אָנ־געבלאָזענער און האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט.

האָט ער זיך אָנגעהויבן באַטאַפּן. טאַפּנדיק האָט ער אויסגעפונען אַ קאָפּ — דאַכט זיך ווי זיינער, זיצט אָבער דער קאָפּ אויף אַ פּאָר גרויסע, ברייטע אַקסלען — שוין גאָר ניט ווי זיינע. באַקוקט ער די הענט, דערזעט ער אַ פּאָר לאַנגע, אויסגעצויגענע הענט — אויך ניט ווי זיינע. וויל ער אַראָפּקוקן צו די פיס, קאָן ער די פיס ניט זען. ער דערזעט נאָר אַ קערפּער גרויס און ברייט ווי אַ מויער, און קיין פיס זיינען ניטאָ.

טראַכט זיך בערל ווייטער און רעדט צו זיך אליין:

— ניט אַנדערש, אַז איך הענג אין דער לופטן! און אפשר ? וואָרט. אפשר בין איך טאַקע ניט בערל? ווייל בערל ליגט גאָר ערגעץ אונטן אויפן גראָז און וואַרט ביז וואַנען דער פיינט וועט אַפּעסן וואַרמעס. נאָכדעם וועט בערל נעמען זיין ביקס און וועט אויסשיסן דעם גאַנצן פיינט און וועט ווייזן דער וועלט „ווער בערל איז.” אויב אַזוי, איז ווער בין איך?!

ווער בין איך?!

אָבער אַזוי ווי בערל איז געווען זייער אַ קלוגער, האָט ער זיך דערטראַכט, אַז ער מוז זיין אַן אַנדער בערל: אַ בערל, וואָס הענגט אין דער לופטן. און ער הייבט אָן בענקען נאָך יענעם בערלען, וואָס ליגט ערגעץ אונטן אויפן גראָז, און וואַרט ביז וואַנען דער פיינט וועט אָפּעסן וואַרמעס. אַך, וואָלט ער יענעם בערלען איצט געוואָלט געפינען!...

אָבער, זאָל ער זיך לאָזן זוכן יענעם בערלען? ניין. ער האָט מורא זיך רירן פון אָרט. אים דוכט זיך, אַז ווי ער וועט זיך נאָר רירן פון אָרט, אַזוי וועט ער געבן אַ פאַל אַראָפּ ערגעץ אונטן און סע וועט פון אים ווערן אַש און שטויב. איז טאַקע בעסער, אַז

ער זאָל זיך ניט רירן פון אָרט. און ער טראַכט גלייך צו אַ פוילן תירוץ:

— ווי קאָן בערל בערלען זוכן, און ווי קאָן בערל בערלען געפינען, אַז דער הענגט גאָר אין דער לופטן, און יענער ליגט גאָר ערגעץ אונטן אויפן גראָז און וואַרט ביז דער פיינט וועט אָפּעסן וואַרמעס.

איז ווי ער טראַכט אַזוי, קומט צו פליען אַ קליין פליגעלע און טוט אים אַ ביס אין נאָז, — טרייבט ער עס אַוועק. קומט דאָס פלי־געלע נאָכאַמאָל און טוט אים אַ ביס אין פוס, טוט ער אַ שפּאַן מיטן פוס און טרייבט עס נאָכאַמאָל אַוועק. קומט דאָס פליגעלע ווידער און טוט אים אַ ביס אין דעם אַנדערן פוס, טוט ער אַ שפּאַן מיט דעם צווייטן פוס און טרייבט עס ווידעראַמאָל אַוועק.

דאָ דערזעט בערל אַז ער הענגט גאָר ניט אין דער לופטן, אַז ער האָט נאָך פיס און קאָן גיין, נעמט ער זיך רייבן די הענט פאַר פרייד. רייבנדיק די הענט, שרייט ער מיטאַמאָל אויס:

— זעט נאָר, מענטשן, זעט נאָר! דאָס זיינען דאָך מיינע אייגענע הענט! איי, וואָס פאַר אַ פרייד! אויב אַזוי איז דאָך דער קאָפּ אויך מיינער, ווייל איך ווייס דאָך אַז מע רופט מיך בערל! נאָר איין זאַך קאָן איך ניט פאַרשטיין: פונוואַנען האָבן זיך דאָס צו מיר גענומען אַזאַ גרויסער קערפּער און אַזעלכע לאַנגע הענט און פיס?

און ער דערמאָנט זיך, אַז סע איז אַזוי ווי אין דעם מעשה ביכל, וואָס ער האָט אַמאָל געלייענט. באַשליסט ער, אַז מיט אים האָט אויך אזוי געמוזט געשען: ער האָט זיך מסתמא געלייגט שלאָפן אויף אַ פאַרכישופטן אָרט, און שלאָפנדיק איז ער אַזוי אויס־געצויגן געוואָרן.

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט ווי ער האָט אין אָנהייב זיך אַליין ניט דערקאָנט און האָט זיך צעלאַכט הויך אויף אַ קול: —

כאַ־כאַ! בערל האָט בערלען ניט דערקאָנט!

כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!

און ער האָט זיך צעטאַנצט פאַר גרויס פרייד.

אַז דער פיינט האָט דערהערט אַזאַ שטאַרק געלעכטער, און האָט דערזען אַזאַ גרויסן מענטשן מיט אַזעלכע לאַנגע פיס טאַנצן גלייך אויף זיי, האָבן זיי זיך אַלע דערשראָקן און גענומען לויפן.

בערל, אָבער, האָט ניט געהערט און ניט געזען און האָט אפילו ניט געוואוסט וואָס סע טוט זיך אונטער זיינע פיס, האָט ער זיך צעטאַנצט גלייך אויפן פיינט און, טאַנצנדיק, אויסגעלייגט דעם גאַנצן פיינט און האָט געוואונען די מלחמה.

אַז די גענעראַלן האָבן דערזען וואָס בערל האָט דאָ אויפגעטאָן, האָבן זיי אים שטאַרק געליבט, אים באַהאַנגען אַרום־און־אַרום מיט מעדאַלן, און אים אַ נאָמען געגעבן:

„דער אָנגעבלאָזענער העלד".

בערל איז געווען שטאָלץ מיט די מעדאַלן און מיטן נייעם טיטול און האָט זיך נאָך מער אָנגעבלאָזן.

נאָכדעם האָבן די מלחמה דאָקטוירים אים ארומגערינגלט, אים באַטראַכט און האָבן אים אָנגעזאָגט: — פון היינט אָן און ווייטער זאָל ער זיך היטן פאַר נאָדלען. וואָרים טאָמער וועט נאָר אַ נאָדל אים אַ שטאָך טאָן, אַזוי וועט פון אים ווערן אַ טיל־טעל! די גאַנצע לופט וועט פון אים אַרויס, ער וועט צונויפפאַלן, ווי אַ ליידיקער זאַק און וועט שטאַרבן.

האָט בערל זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך היטן.

נאָך דער מלחמה, ווען בערל־פוילער איז צוריקגעקומען, זיינען אַלע געלאָפן אָנקוקן דעם אָנגעבלאָזענעם העלד. זיין נאָמען איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן געלעגן. אַלע האָבן צו אים ארויפגעקוקט, זיך איבער אים געוואונדערט און האָבן צו אים געזאָגט:

— איצט קאָנען מיר דיך ניט מער רופן בערל־פוילער, — איצט מוזן מיר דיך רופן „בערל דער אָנגעבלאָזענער".

און אַזוי איז טאַקע זיין נאָמען פאַרבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג.

בערל דער אָנגעבלאָזענער האָט געמוזט שלאָפן אין דרויסן, ווייל אַלע הייזער זיינען פאַר אים געווען צו קליין. מאַכן פאַר זיך אַליין אַ גרויס הויז האָט ער זיך געפוילט און האָט טאַקע אויך ניט געוואוסט ווי אָנצוהייבן און ווי אויסצולאָזן. איז ער געגאַנגען צו מענטשן און האָט געזאָגט:

— מענטשן, איך בין בערל, דער אָנגעבלאָזענער העלד!
מענטשן, זעט מיינע מעדאַלן!
מענטשן, זעט וואָס איך האָב פאַר אייך אויפגעטאָן!
מענטשן, איך האָב פאַר אייך געוואונען די מלחמה, — מענטשן!
איך האָב אייך געגעבן אַ רואיק לאַנד, — מענטשן!
איך האָב אייך געגעבן אַ רואיקע היים!...
איצט האָב איך ניט וואו צו שלאָפן;
איצט האָב איך ניט וואָס צו עסן, — מענטשן!
איר מוזט מיר מאַכן אַ הויז, — מענטשן!
איר מוזט מיר געבן עסן, — מענטשן!
מענטשן! מענטשן!! מענטשן!!!

האָבן די מענטשן אים אויסגעהערט, האָבן באַטראַכט זיינע מעדאַלן און האָבן געשמייכלט און געלאַכט, און קיין הויז האָבן זיי אים ניט געמאַכט, און קיין עסן האָבן זיי אים ניט געגעבן.

מעדאַלן קאָן מען אויף אָנבייסן ניט עסן, און פון מעדאַלן קאָן מען קיין דאַך איבערן קאָפּ ניט מאַכן. האָט דער אָנגעבלאָזענער העלד געמוזט זוכן עסן און האָט געמוזט שלאָפן אין דרויסן.

ווען בערל איז איבערגעשלאָפן אַ פּאָר נעכט אין דרויסן, האָט ער דערזען, אַז שלאָפן אויף די שטאָטישע גאַסן איז ניט גוט, — ער קאָן זיך ניט אויסציען, און קאָן זיך ניט אויסשפּרייטן, ווייל די גאַסן זיינען צו שמאָל און צו קליין פאַר אים, האָט ער פאַרלאָזן די שטאָט און איז אַוועק איבער וועגן און איבער שטעגן ביז ער איז געקומען צו אַ גרויסן פעלד, האָט ער זיך דאָרטן אַוועקגעלייגט, זיך אויסגעצויגן און איז איינגעשלאָפן.

ווען ער איז געשלאָפן האָט ער זיך געפילט זייער גוט, אָבער ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט אים דער הונגער גענומען מאַטערן און ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסן. גיין צוריק אין שטאָט אַריין זוכן עסן — האָט ער זיך געפוילט, האָט ער גענומען זוכן איבערן פעלד, טאָמער וועט ער דאָרט עפּעס געפינען.

און אַז מע זוכט — געפינט מען.

בערל האָט ביי דער זייט פון פעלד געפונען אַ גאַנצן אוצר — אַ וועלדל פון שוואַרצע יאַגדעס. באַטראַכט ער די יאַגדעס און זעט, אַז זיי וואַקסן אויף שטעכיקעביימעלעך; אַז אויף די ביימעלעך זיינען דאָ מער נאָדלען ווי יאַגדעס. דערמאָנט ער זיך, וואָס די מלחמה דאָקטוירים האָבן אים אָנגעזאָגט —

— זיך היטן פאַר נאָדלען! —

און ער וויל שוין אַוועקגיין, — קאָן ער ניט, דער הונגער דערלאָזט ניט: ווי מיט גליאיקע צוואַנגען קרעמפּעוועט דער הונ־גער זיין מאָגן און צופּט אים און ציט אים און שלעפּט אים צו די יאַגדעס. טראַכט ער זיך: ווען ער וועט האַלטן זיין קערפּער פון דער ווייטן און וועט פאָרזיכטיק מיט זיינע לאַנגע הענט אַראָפּ־קלייבן די יאַגדעס, וועט אים גאָרניט געשען.

געטראַכט און געטאָן.

עסט ער די יאַגדעס און טראַכט, אַז אַזעלכע געשמאַקע יאַגדעס האָט ער נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געגעסן. אַך, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן! און מיטן עסן וואַקסט דער אַפּעטיט. דערזעט ער, ווי אַ שפּיץ פון אַ הויכן ביימעלע איז אָנגעפּיקעוועט מיט שוואַרצע יאַגדעס, לאָזט ער זיך צום שפּיץ פון הויכן ביימעלע.

ווי ער שטייט אַזוי און קלייבט די יאַגדעס פון שפּיץ ביימעלע, קומט צופליען אַ קליין פליגעלע, טאַקע דאָס זעלביקע קליינע פלי־געלע, וואָס האָט אים אויפן שלאַכטפעלד געביסן אין די פיס און אים דערמאָנט, אַז ער איז בערל. קומט דאָס פליגעלע און טוט אים אַ ביס אין נאָז. איז אים גלייך פינצטער געוואָרן אין די אויגן און אַזוי ביטער געוואָרן אין דער נאָז, — אַז ער האָט אָנגעג־הויבן ניסן. ניסנדיק האָט ער זיך געגעבן אַ בויג און זיין האַרץ האָט זיך געגעבן אַ זעץ־אַרויף אויפן שפּיץ ביימעלע און — דאָ האָט זיך באַלד דערהערט אַזאַ הילכיקער ק־ר־אַ־ך! אַז אַלע מענטשן פון שטאָט זיינען געקומען צולויפן זען, וואָס דאָ איז געשען.

ווען די מענטשן פון שטאָט זיינען געקומען צולויפן איז שוין געווען נאָך אַלעמען: בערל, דער אָנגעבלאָזענער העלד, איז גע־לעגן אויף דער ערד מיט אַ צעפּלאַצט האַרץ, אַ צונויפגעפאַלענער ווי אַ ליידיקער זאַק.

ווען די גענעראַלן האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער אָנגעבלאָ־זענער העלד איז טויט, האָבן זיי פאַר אים געמאַכט אַ זייער גרויסע לוויה. זיינען געקומען מענטשן — ווי זאַמד! און סאָלדאַטן — פון גאַר דער וועלט! אַלע זיינען געשטאַנען אַרום־און־אַרום קבר אויסגעשטעלט. די גענעראַלן האָבן געהאַלטן רעדעס און דער־ציילט די אַלע גרויסע זאַכן וואָס דער אָנגעבלאָזענער העלד האָט אויפגעטאָן: ווי ער איז טאַנצנדיק געגאַנגען אין שלאַכט; ווי אַזוי ער האָט צעטראָטן דעם פיינט און געוואונען די מלחמה; ווי אַזוי האָט ער געמאַכט, אַז אַלעמען זאָל איצט זיין בעסער. נאָכדעם האָבן אַלע סאָלדאַטן געגעבן אַ שאָס־אויס אין דער הויך דריי מאָל —

ט־ט־טויט! ט־טויט! טויט! —

און מע האָט אים פאַרשאָטן, באַגראָבן און פאַרטיק.

און דאָס איז געווען דער סוף פון מיין העלד, בערל דער אָנגע־בלאָזענער.

2

דער ברעטל־העלד

ווען משה האָט געענדיקט, רופט זיך אָן חיים: דיין מעשה איז טאַקע אַ שיינע, און דיין העלד — זייער אַ גרויסער, אָבער, ווי קומט דיין בערל־פוילער צו מיין העלד — לייבע דאָס ברעטל?

אָט, אונדזער שכן האָט געהאַט אַ זון לייבע, איז ער ניט געווען קיין שטאַרק קלוגער, האָט מען אים גערופן „לייבע־נאַר".

פלעגט לייבע־נאַר זאָגן: „וואַרט, וואַרט! לייבע וועט נאָך אַמאָל ווייזן דער וועלט, ווי גרויס ער איז, און ווי קלוג ער איז!"

האָט זיך געטראָפן און ס׳איז געוואָרן די מלחמה אויף דער וועלט, איז לייבע־נאַר אַוועק אין מלחמה צו ווייזן דער וועלט, ווי גרויס ער איז און, ווי קלוג ער איז.

אַז ער איז געקומען אין דער מלחמה און דערזען אַלצדינג וואָס דאָרטן טוט זיך אָפּ, האָט ער אָנגעהויבן שמייכלען.

זעען די גענעראַלן, ווי לייבע־נאַר שטייט און שמייכלט, זאָגן זיי צו אים:

— וואָס שמייכלסטו?! ביסט אין דער אַרמיי איצט! נעם די ביקס און גיי האַלט מלחמה מיטן פיינט!

האָט לייבע־נאַר געכאַפּט זיין ביקס און איז אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינט.

אַז ער איז צוגעקומען צום שלאַכטפעלד האָט ער דערזען אַ גרויסן בוים, טראַכט ער זיך: איך וועל אַרויפקריכן אויפן בוים און וואַרטן ביז וואַנען דער פיינט וועט פאַרבייגיין. דער פיינט וועט דאָך ניט וויסן, אַז איך בין אויפן בוים, וועל איך מיט אַמאָל געבן אַ שאָס און וועל אַלעמען אויסשיסן. און דעמאָלט וועט די גאַנצענע וועלט זיך דערוויסן, ווי גרויס און ווי קלוג איך בין!

איז לייבע־נאַר אַרויפגעקראָכן אויפן בוים און גענומען וואַרטן אויפן פיינט.

זיצנדיק אויפן בוים, זעט ער ווי אַ גרויס שטאָלן הויז, מיט קיילעכדיקע לאַפּעס פוןביידע זייטן, קריכט ווי אַ טשערעפּאַכע פון פיינטס לאַגער; קריכט און רוקט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער, ביז ס׳איז געקומען ניט ווייט פון בוים.

דערפרייט זיך לייבע־נאַר און רופט אויס:

— איצט איז דער פיינט ביי מיר אין די הענט! איך גיב אויף אים נאָר איין שאָס, אַזוי לייג איך אים גלייך אַוועק!

און ער האָט טאַקע גלייך גענומען שיסן אויף דעם שטאָלענעם הויז.

ער שיסט און שיסט און זעט, אַז דאָס שטאָלענע הויז קריכט אַלץ נעענטער און נעענטער צום בוים; אָט, אָט און ס'קריכט אַרויף אויפן בוים.

איז דאָס לייבען זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן שמייכלען. איז ווי ער האָט זיך צעשמייכלט, אַזוי האָט דאָס שטאָלענע הויז איינגעוואָרפן דעם בוים און אויסגעפרעסט אי דעם בוים, אי לייבע־נאַרן.

ווען דאָס שטאָלענע הויז איז אַוועקגעקראָכן, זיינען געקומען צולויפן לייבע־נאַרס גענעראַלן מיט זייערע סאָלדאַטן און דערזעען: — וויי, וואָס זיי האָבן דאָרטן דערזען! — דער בוים ליגט אַן אויסגעפרעסטער ווי אַ גרויס גראָב ברעט, און אויף דעם ברעט ליגט לייבע־נאַר — אַ לאַנגלעכער, אַ ברייטלעכער און אַ פלאַטשיקער, אַזוי ווי אַ דין ברעטל, מיט אַן אויסגעפרעסטן שמייכל אויפן פנים.

אַז די גענעראַלן מיט די סאָלדאַטן האָבן דערזען דעם אויסגעפרעסטן שמייכל אויף דעם נאַרישוואַטן פנים, האָבן זיי זיך זייער שטאַרק צעלאַכט. פונעם געלעכטער האָט זיך לייבע־נאַר אויפגעכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט:

— וואָס לאַכט איר אַזוי?

ענטפערן די גענעראַלן:

— מיר לאַכן, וואָס דו ביסט אַזאַ בראַווער יונג און שמייכלסט נאָך.

זאָגט לייבע־נאַר:

— געוויס בין איך אַ בראַוועַר יונג! און איך וועל נאָך ערשט וויזן דער וועלט ווי גרויס און ווי קלוג איך בין!

שמייכלען די גענעראַלן און פרעגן:

— דו ווילסט נאָכאַמאָל גיין אין מלחמה?

זאָגט לייבע־נאַר:

— געוויס וויל איך נאָכאַמאָל גיין אין מלחמה.

זאָגן די גענעראַלן:

— גיי.

איז לייבע־נאַר ווידער אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינט. גייט ער אַזוי און וויל אויפהערן שמייכלען — קאָן ער ניט, ווייל דער שמייכל איז אים אויסגעפּרעסט אויפן פּנים. געפעלט דאָס אים און ער הייבט אָן נאָך מער שמייכלען.

דערזעט דער פיינט פון דער ווייטן, אַז ס'גייט אַ מענטש — דין ווי אַ ברעטל מיט אַ ביקס אין האַנט, און שמייכלט. צעלאַכט זיך דער פיינט. האָט עס לייבע־נאַרן שטאַרק פאַרדראָסן, כאַפּט ער זיין ביקס און נעמט שיסן. זעט דער פיינט, אַז דער מענטש דין ווי אַ ברעטל, מיט דעם אויסגעפּרעסטן שמייכל אויפן נאַרי־שעוואַטן פּנים, שיסט גאָר, האָבן זיי גענומען שיסן צוריק.

אָבער דאָ האָט געטראָפן אַ שיינע זאַך: פּונקט ווען דער פיינט האָט גענומען שיסן, איז געוואָרן אַ שטאַרקער ווינט. און אַז דער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אויף לייבע־נאַרן, האָט ער זיך גענומען טראָגן אין דער לופטן, ווי אַ פּאַפּיר־שלאַנג און איז געפלויגן אין „לופּ־די־לופּ" זיגזאַגן גלייך איבערן פיינט.

פליט לייבע־נאַר אַ צעשמייכלטער און אַ צעשראָקענער און שיסט. אַז דער פיינט האָט דערזען אַזאַ זאַך, — אַז דער מענטש, דין ווי אַ ברעטל, מיטן אויסגעפּרעסטן שמייכל אויפן פּנים, פליט

גאָר אין דער לופטן און שיסט, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן און גענומען לויפן. און לייבע־נאַר איז געפלויגן אין דער לופטן און געשאָסן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אויסגעשאָסן דעם גאַנצן פיינט און געוואונען די מלחמה.

און דאָ האָט נאָכאַמאָל געטראָפן אַ שיינע זאַך: פונקט ווען לייבע־נאַר האָט דערשאָסן דעם גאַנצן פיינט, האָט דער ווינט אויפגעהערט צו בלאָזן און לייבע־נאַר איז זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעפאַלן אויף אַ סטויג היי — אַ פרישער, אַ געזונטער ווי פריער — און האָט געשמייכלט.

אַז די גענעראַלן האָבן דערזען וואָס לייבע־נאַר האָט דאָ אויפגעטאָן, האָבן זיי אים שטאַרק געלויבט, אים באַהאַנגען אַרום־און־אַרום מיט מעדאַלן, און אים אַ נאָמען געגעבן:

„ד ע ר ב ר ע ט ל ה ע ל ד"

לייבע נאַר איז געווען שטאָלץ מיט די מעדאַלן און מיטן נייעם טיטול און האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט.

און די מלחמה דאָקטוירים זיינען געקומען צולויפן, האָבן אים באַטראַכט און אים אָנגעזאָגט: אז פ ו ן ה י י נ ט אָ ן א ו ן ו ו י י ט ע ר זאָל ער ז י ך ה י ט ן פ אַ ר אַ ו ו י נ ט. געדענק: ז י ך ה י ט ן פ אַ ר אַ ו ו י נ ט ! און טאָמער וועט ער זיך ניט היטן, קאָן נאָך אַ ווינט אים פאַרטראָגן — ווער־ווייסט־וואו, אַז ער זאָל אַפילו אַליין ניט וויסן וואו ער געפינט זיך. און ס'קאָן נאָך מיט אים דאָרטן געשען — ווער־ווייסט־וואָס!

האָט לייבע־נאַר זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך היטן.

נאָך דער מלחמה, ווען לייבע־נאַר איז צוריקגעקומען, זיינען אַלע געלאָפן אָנקוקן דעם ברעטל־העלד. זיין נאָמען איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן געלעגן און אַלע האָבן זיך איבער אים געוואונ־

דערט. אָבער ווער ס׳האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף זיין נאַרישע־וואַטן פּנים מיטן אויסגעפּרעסטן שמייכל, האָט באַהאַלטענערהייט אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס אַריין און געזאָגט:

— איצט קאָנען מיר דיך ניט מער רופן לייבע־נאַר, פון היינט אָן וועסטו ביי אונדז הייסן: „לייבע דאָס ברעטל״.

און אַזוי איז טאַקע זיין נאָמען פאַרבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג.

לייבע דאָס ברעטל האָט גוט געדענקט וואָס די מלחמה־דאָק־טוירים האָבן אים אָנגעזאָגט: — ז י ך ה י ט ן פ אַ ר אַ ו ו י נ ט! האָט ער זיך טאַקע גוט געהיט און איז בעסער אַלעמאָל געזעסן אין הויז. אָבער, אַז ס׳האָט זיך אים אָנגעהויבן וועלן עסן, האָט ער געמוזט אַרויסגיין זוכן אַרבעט. ווייל אַז מ׳אַרבעט ניט, גיט קיינער קיין עסן ניט.

האָט ער געזוכט און געזוכט און ניט געפונען. קיינער האָט ניט געוואָלט צונעמען אַ ברעטל צו דער אַרבעט, און דערצו נאָך אַזאַ ברעטל, אַז ווער ס׳טוט נאָר אַ קוק אויף זיין פּנים מוז אָנהויבן לאַכן.

איז לייבע דאָס ברעטל געווען פאַרצווייפלט, ער האָט אָבער געשוויגן און געהונגערט, ווי אַ גוטער פּאַטריאָט.

איינמאָל, ס׳איז געווען אַ האַרבסט־טאָג, איבערן הימל זיינען געקראָכן געדיכטע וואָלקנס, מענטשן האָבן געזאָגט: „ס׳וועט זיך היינט עפּעס אויסרייסן״, איז לייבע דאָס ברעטל אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשמאַכטער איבער די גאַסן, געזוכט אַרבעט און געטראַכט: „וואָלט מיך דער הונגער אַזוי ניט געמאַטערט וואָלט איך אין אַזאַ טאָג פון הויז ניט אַרויס.״

קיין אַרבעט האָט ער ניט געפונען, קיין עסן — אויך ניט, האָט ער זיך גענומען איילן צוריק אַהיים. וואָרים מער פעלט אים ניט, ס'זאָל איצט ווערן אַ ווינט אין דרויסן, אַזוי איז ער אַ פאַר־פאַלענער!

שפּאַנט ער טאַקע מיט אַלע כוחות, און אָט איז ער שוין ניט ווייט פון דער היים. נאָר, מיטאַמאָל האָט זיך אַ לאָז־געטאָן אַ שלאַגס־רעגן, אַ שטורעם האָט אויסגעבראָכן, אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן, אַ כאַפּ געטאָן לייבע דאָס ברעטל און אים גענומען טראָגן אין דער לופטן.

לייבע דאָס ברעטל האָט זיך מאַכטלאָז געוויגט אויפן ווינט. אָט זעט ער ווי סע טראָגט אים פאַרביי אַ דאַך. וויל ער זיך אָנכאַפּן אָן אַ שפּיץ פון דאַך, גיט עס אים אַ דריי אַוועק אָן אַ זייט און נעמט אים טראָגן אַלץ העכער און העכער. אָט טראָגט עס אים פאַרביי אַ טורעם. הויך, הויך אויפן טורעם וויגט זיך אים אַנטקעגן אַ זייגער. און אָט איז ער שוין ביים זייגער. גיט ער זיך אַ כאַפּ אָן מיט די הענט אָן דעם גרויסן ווייזער, אָבער, אי זיינע הענט, אי דער ווייזער זיינען נאַס פון רעגן, גיט זיך דער ווייזער אַ גליטש אַרויס פון זיינע הענט און דער שטורעם טראָגט אים העכער און העכער איבערן טורעם, איבער קוימענס און איבער דעכער, אַלץ העכער און העכער.

פליט לייבע דאָס ברעטל אין דער לופטן און זעט ווי די שטאָט, מיט די הייזער און טייכן און סעדער און פעלדער, האָט זיך גע־נומען וויגן און וואַרפן און דרייען אין אַלע זייטן, — אַזוי ווי די שטאָט וואָלט אין דער לופטן אויף אַ שטריקל געהאַנגען און עמי־צער וואָלט מיטן שטריקל אין לופטן קונצן געמאַכט. אָט, זעט ער ווי די שטאָט האָט זיך געגעבן אַ וויג, אַ דריי איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און האָט גענומען פליען אין דער לופטן אַלץ העכער און

העכער און ווייטער פון אים, און ער האָט גאָר געמומען פאַלן און פאַלן, ווי אין אַ גרויסן ענדלאָזן אָפּגרונט פון גאָרנישט. און אַט האָט זיך די שטאָט אַ הוידע געטאָן, אַ קער געטאָן אויף אַ זייט, און געמומען פאַלן און פאַלן, אַלץ טיפער און טיפער, ביז ס׳איז געוואָרן אַזוי קליין ווי אַ פּינטעלע.

מיט אַמאָל האָט דער רעגן אויפגעהערט, די זון האָט אַ שיין געטאָן, און לייבע דאָס ברעטל האָט דערפילט ווי די שטאָט האָט געמומען וואַקסן און וואַקסן, אַלץ גרעסער און גרעסער. אָט, אָט, און די שטאָט וואַקסט אים אין זיינע אויגן אַריין... און ט־ר־ר־אַ־ך!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער איז אַרויפגעפאַלן אויפן שפּיץ פון אַ קלויסטער און איז געבליבן שטעקן אויפן צלם, זיך געגעבן אַ דריי־אַרום אַהין, און אַ דריי־אַרום אַהער — אַזוי ווי אַ וועטער־האָן — און, האָט געגעבן אַ פאַל אַראָפּ צו דער ערד און איז צעשאָטן געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך.

ווען די גענעראַלן האָבן זיך דערוואוסט אַז דער ברעטל־העלד איז טויט, האָבן זיי פאַר אים געמאַכט זייער אַ גרויסע לוויה. זיינען געקומען מענטשן — ווי זאַמד! און סאָלדאַטן — פון גאָר דער וועלט! אַלע זיינען געשטאַנען אַרום־און־אַרום קבר אויסגעשטעלט. די גענעראַלן האָבן געהאַלטן רעדעס און דערציילט די אַלע גרויסע זאַכן וואָס דער ברעטל־העלד האָט אויפגעטאָן: ווי אַזוי ער האָט געוואונען די מלחמה; ווי אַזוי ער האָט געמאַכט אַז אַלעמען זאָל איצט זיין בעסער, נאָכדעם האָבן אַלע סאָלדאַטן אויסגעשאָסן אין דער הויך דריי מאָל —

ט־ט־טויט! — ט־טויט! — טויט! —

און מ׳האָט אים פאַרשאָטן, באַגראָבן און פאַרטיק.
און דאָס איז געווען דער סוף פון מיין העלד „לייבע דאָס ברעטל״.

3

דער הילצערנער העלד

ווען חיים האָט געענדיקט, רופט זיך אָן געצל: געוויס זיינען אייערע מעשות שיינע, און אייערע העלדן — גאָר גרויסע, זיי קומען אָבער ניט צו מיין העלד — יאַנקל דער הילצערנער.

אָט, אונדזער שכן האָט געהאַט אַ זון יאַנקל, האָט ער געהאַט אַ פאַרשטאָפטן קאָפּ, האָט מען אים גערופן „יאַנקל סטויפּ״.

פלעגט יאַנקל סטויפּ אַלעמאָל זאָגן, אַז קיינער פאַרשטייט אים ניט און קיינער ווייסט ניט, וואָס ער קאָן אויפטאָן.

האָט זיך געמאַכט און ס׳איז געוואָרן די מלחמה אויף דער וועלט, איז יאַנקל־סטויפּ אַוועק אין דער מלחמה צו ווייזן דער וועלט, וואָס ער קאָן אויפטאָן.

אַז ער איז געקומען אין דער מלחמה און דערזען אַלצדינג וואָס דאָרטן טוט זיך אָפּ, האָט אין אים זיין האַרץ גענומען ציטערן פאַר שרעק און ער איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט ווי אַ סטויפּ.

זעען די גענעראַלן, ווי יאַנקל־סטויפּ שטייט אַ פאַרגליווערטער און גיט זיך ניט קיין ריר פון אָרט, זאָגן זיי צו אים:

— וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? ביסט אין דער אַרמיי איצט! נעם דיין ביקס און גיי האַלט מלחמה מיטן פיינט!

האָט יאַנקל־סטויפּ גענומען זיין ביקס און איז אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינט.

אַז ער איז צוגעקומען צום שלאַכטפעלד, האָט ער געוואָלט אָנהייבן ווערן אַ ביסעלע אין כעס אויפן פיינט. ווייל, אַז מע איז ניט אין כעס קאָן מען דאָך ניט מלחמה האַלטן. איז ווי ער שטייט אַזוי און וואַרט ביז דער כעס וועט צו אים קומען, דערהערט זיך אַ וויז־ז־ז! און פּלאַפּ! אַ קויל האָט אים געטראָפן אין פוס אַריין און אים אָפּגעשאָסן אַ פוס.

וואָס זשע טוט מען אין מלחמה, אז מע שיסט אָפּ אַ סאָלדאַט אַ פוס? מען נעמט אים צו אין שפּיטאָל אריין.

האָט מען טאַקע יאַנקל סטויפּן צוגענומען אין שפּיטאָל אריין און אים דאָרטן געמאַכט אַזאַ קונציק הילצערנעם פוס אויף ספּרונ־זשינעס, אַז ער האָט געקאָנט גיין און לויפן פונקט ווי פריער.

האָט יאַנקל־סטויפּ געכאַפּט זיין ביקס און איז נאָכאַמאָל אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינט.

איצט האָט ער שוין ניט געדאַרפט וואַרטן ביז ער וועט ווערן אין כעס. ער איז שוין געווען גוט אין כעס אויפן פיינט און האָט שוין געוואָלט אָנשטעלן זיין ביקס צו שיסן. דאָ, אָבער, האָט זיך נאָכאַמאָל דערהערט א וויז־ז־ז! און פּלאַפּ! און מע האָט אים אָפּ־געשאָסן דעם צווייטן פוס.

האָט מען אים שוין נאָכאַמאָל צוגענומען אין שפּיטאָל אריין און אים געמאַכט אַ צווייטן הילצערנעם פוס אויף ספּרונזשינעס, אַזוי אַז ער האָט גאָר ניט געפילט, אַז ער האָט הילצערנע פיס. ער האָט געקאָנט גיין און לויפן ווי פריער.

האָט יאַנקל־סטויפּ געכאַפּט זיין ביקס און איז ווידער אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינט.

איצט איז ער שוין אויף אַן אמת אין כעס געווען אויפן פיינט. ער האָט אויפגעהויבן זיין ביקס קעגן פיינט און האָט אויסגעשריען:

— וואַרט, איך וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען!

אָבער נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט אויסצושיסן, האָט זיך דערהערט אַ וויז־ז־ז! וויז־ז־ז! וויז־ז־ז! פון אַלע זייטן! און מע האָט אים אָפּגעשאָסן ביידע הענט מיטאַמאָל.

נו, האָט מען אים שוין ווידער אַמאָל געמוזט נעמען אין שפּיטאָל אַריין, און מע האָט אים דאָרטן געמאַכט אַזעלכע קונציקע הילצערנע הענט, אַז ער האָט געקאָנט טאָן אַלצדינג ווי פריער און נאָך בע־סער, ווייל איצט זיינען אים די הענט ניט מיד געוואָרן.

האָט יאַנקל־סטויפּ געכאַפּט זיין ביקס און איז נאָכאַמאָל אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינט.

איצט האָט שוין אין אים געברענט דער כעס אויפן פיינט. ער האָט געדראָט מיט דער ביקס און געשריען מיט צאָרן:

— וואַרט, וואַרט! איך וועל דיר שוין באַצאָלן פאַר אַלץ אינ־איינעם — אי פאַר מיינע הענט, אי פאַר מיינע פיס!

און ער האָט גענומען צילן אויפן פיינט.

דאָ, אָבער, האָט אַ מאָדנע זאַך געטראָפן: ס'האָט זיך דערהערט אַ פייפן, אַ סוויסטשען, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אַ ק־ר־ר־ראַך! ס'האָט געטראָפן יאַנקלען אין קאָפּ אַריין און אים אַראָפּגעשאָסן דעם קאָפּ.

וואָס זשע טוט מען מיט אַ סאָלדאַט, אַז מע שיסט אים אַראָפּ דעם קאָפּ? — נעמט מען אים אויך צו אין שפּיטאָל אַריין.

האָט מען טאַקע יאַנקל־סטויפּן צוגענומען אין שפּיטאָל אַריין און אים דאָרטן געמאַכט אַזאַ קונציקן הילצערנעם קאָפּ—מיט אויערן, מיט אויגן, מיט אַ נאָז, מיט אַ מויל און מיט אַ צונג — אַלץ אויף ספּרונזשינעס, אַזוי, אַז ער האָט גאָרניט געפילט אַז ער טראָגט אַ הילצערנעם קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער האָט מיט דעם איצטיקן

קאָפּ געקאָנט טאָן אַלצידנג פונקט ווי מיט דעם פריערדיקן — און נאָך בעסער, ווייל דער איצטיקער קאָפּ האָט אים מער קיינמאָל ניט וויי געטאָן.

האָט יאַנקל־סטויפּ געכאַפּט זיין ביקס און איז נאָך אַמאָל אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינט.

איצט האָט שוין אין אים געפלאַקערט דער צאָרן אויפן פיינט, ער האָט גלייך אַ הייב געטאָן זיין ביקס און געוואָלט נעמען שיסן.

דאָ, אָבער האָט נאָכאַמאָל אַ מאָדנע זאַך געטראָפן: ס׳האָט זיך ווידער אַמאָל דערהערט אַ הוזשען, אַ פייפן, אַ סוויסטשען, און ס׳האָט געגעבן אַ קר־ר־ראַך — גלייך אין יאַנקלען אַריין און אים אָפּגע־שאָסן דעם גאַנצן קערפּער. ס׳זיינען נאָר געבליבן די הילצערנע פיס, די הילצערנע הענט און דער הילצערנער קאָפּ.

יאַנקלען האָט עס ניט אָנגעהויבן אַרן.

מע האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל אַריין און אים דאָרטן געמאַכט אַ הילצערנעם קערפּער אויף ספּרונזשינעס — אַזוי קונציק, אַז ער האָט גאָר ניט אָנגעהויבן פילן אַז ער איז אינגאַנצן געמאַכט פון האָלץ. ער האָט געקאָנט טאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט און ס׳האָט אים מער קיינמאָל גאָר נישט ניט וויי געטאָן.

האָט יאַנקל־סטויפּ געכאַפּט זיין ביקס און איז נאָך אַמאָל אַוועק מלחמה האַלטן מיטן פיינט.

איצט איז ער שוין מער ניט אין כעס געווען אויפן פיינט. ער האָט מער גאָרנישט ניט געטראַכט און האָט אפילו מער ניט געשריען צום פיינט. איצט איז ער שוין געווען אן אמתער גוטער סאָלדאַט. ער האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס און גענומען שיסן אויפן פיינט. דער פיינט האָט גענומען שיסן אויף צוריק. אָבער יאַנקלען האָט עס ניט

געאַרט: ס'האָט אים מער ניט ווי געטאָן, ווען אַ קויל האָט אים געטראָפן. האָט יאַנקל געהאַלטן אין איין גיין און שיסן.

אַז דער פיינט האָט דערזען ווי יאַנקל קומט אַלץ נעענטער און נעענטער, און, אַז קיין קויל נעמט אים ניט, האָט דער פיינט געמיינט אַז דאָס קומט אויף זיי אַ פאַרכישופטער מענטש, האָבן די סאָלדאַטן זיך דערשראָקן און זיך צעלאָפן. אָבער יאַנקל איז זיי נאָכגעגאַנגען און געהאַלטן אין איין שיסן, ביז ער האָט דעם גאַנצן פיינט אויסגעשאָסן און געוואונען די מלחמה.

אַז די גענעראַלן האָבן דערזען, וואָס יאַנקל־סטויפּ האָט דאָ אויפגעטאָן האָבן זיי אים שטאַרק געלויבט, אים באַהאַנגען ארום און אַרום מיט מעדאַלן און אים אַ נאָמען געגעבן — „דער הילצערנער העלד".

און די גענעראַלן האָבן זיך דערביי געוואונטשן צו ווערן אַזעלכע העלדן ווי דער הילצערנער העלד איז.

און די מלחמה־דאָקטוירים האָבן אים גאָרנישט ניט אָנגעזאָגט.

נאָך דער מלחמה, ווען יאַנקל־סטויפּ איז צוריקגעקומען, זיינען אַלע געלאָפן אָנקוקן דעם הילצערנעם העלד. זיין נאָמען איז ביי אַלעמען געלעגן אויף די ליפּן און אַלע האָבן זיך איבער אים געוואונדערט און געזאָגט:

איצט קאָנען מיר דיך מער ניט רופן יאַנקל־סטויפּ, פון היינט אָן וועסטו ביי אונדז הייסן „יאַנקל דער הילצערנער".

און אַזוי איז טאַקע זיין נאָמען פאַרבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג.

יאַנקל דער הילצערנער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין הויז און איז געזעסן אויף איין אָרט. אָבער, אַז דער הונגער האָט אים אָנגעהויבן מאַטערן, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און זיך אַרויס־

געלאָזט איבער די גאַסן זוכן אַרבעט. ווייל, אַז מע אַרבעט ניט, גיט קיינער קיין עסן ניט.

איז ער אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג און — אומזיסט, קיינער האָט דעם הילצערנעם העלד צו דער אַרבעט ניט געוואָלט צונעמען.

איז יאַנקל דער הילצערנער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער איז אַרומ־געגאַנגען אין די גאַסן, געקלונגען מיט די מעדאַלן, צוגעשפּילט אויף אַ גיטאַרע, און געזונגען אַזאַ ליד:

דאָס ליד פון הילצערנעם העלד

דזימי־דזימי־דזאַם־דזאַם!
דזימי־דזימי־דזאַם!
דזימי־דזימי־דזאַם־דזאַם!
דזימי־דזימי־דזאַם!

הערט דעם קלונג פון די מעדאַלן!
הערט דאָס ליד פון אייער העלד! —
טויזנטער זיינען געפאַלן
דאָרטן אויפן וויסטן פעלד.
דזימי־דזימי־דזאם־דזאם!
דזימי־דזימי־דזאם!

נאָר איך איינער בין געבליבן
קעגן שונא אויפן פעלד,
האָב איך אים אויף שטויב צעריבן
דאָרטן אויפן וויסטן פעלד.
דזימי־דזימי־דזאם־דזאם!
דזימי־דזימי־דזאם!

די דריי באַרימער

האָבן אַלע גענעראַלן
דאָרטן אויפן וויסטן פעלד
מיך באַהאַנגען מיט מעדאַלן
און געקרוינט מיך פאַר אַ העלד.
דזימי־דזימי־דזאם־דזאם!
דזימי־דזימי־דזאם!

איצט, — אַ בעטלער! הונגער גרוילן!
איך, געקרוינטער העלד! — האַ! האַ!
שטיקער פון מיין לעבן פוילן
ערגעץ אויף אַ וויסטן פעלד!
דזימי־דזימי־דזאם־דזאם!
דזימי־דזימי־דזאם!

כ׳האָב די מלחמה פאַר אייך געוואונען!
כ׳האָב פאַרזיכערט א י י ע ר לעבן!
כ׳האָב אַייך רייכטימער געגעבן! —
ווער וועט מיר איצט מיין ברויט געבן?
דזימי־דזימי־דזאם־דזאם!
דזימי־דזימי־דזאם!

הערט דעם קלונג פון די מעדאַלן!
הערט דאָס ליד פון אייער העלד!
לאָזט ניט אייער העלד ואָל פאַלן
דאָ, ווי אויף אַ וויסטן פעלד.

דזימי־דזימי־דזאם־דזאם !
דזימי־דזימי־דזאם !
דזימי־דזימי־דזאם־דזאם !
דזימי־דזימי־דזאם !

האָבן מענטשן פאַרביי געאײלט און אפילו ניט אויסגעהערט זיין ליד. אייניקע האָבן זיך יאָ אָפּגעשטעלט און צוגעוואָרפן אַ פּאָר פּעניס. ס׳איז אָבער ניט געווען גענוג אויף צו שטילן דעם הונגער. און ווען די שלעכטע וועטערן זיינען אָנגעקומען, און מ׳האָט אפילו קיין משוגענעם הונט אין גאַס ניט געזען, האָט יאַנקל די פּאָר פּעניס אויך ניט געהאַט און ער האָט זיך ווידער אַמאָל געמוזט אַרויסלאָזן איבער די גאַסן זוכן אַרבעט.

איינמאָל, ס׳איז געווען ווינטער צייט, דער פראָסט האָט גע־קנאַקט און געזונגען אונטער די פיס, איז יאַנקל דער הילצערנער אומזיסט אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג זוכן אַרבעט און איז געקו־מען אַהיים אַ דערפראָרענער. ווען ער איז אַריין אין הויז און האָט דערזען, אַז דער אויוון הייצט זיך, איז ער גלייך צוגעלאָפן זיך אָנוואַרעמען. מיד איז ער געווען, האָט ער זיך אַביסעלע צו־געזעצט אויפן ברענענדיקן אויוון און האָט דערפילט ווי די וואַרעמ־קייט צעגייט זיך אים אין אַלע זיינע הילצערנע גלידער — האָט ער אָנגעהויבן דרעמלען און איז איינגעשלאָפן.

צי ס׳האָט זיך אים עפּעס געחלומט — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ער איז אַזוי לאַנג געזעסן אויפן ברענענדיקן אויוון ביז זיין קערפּער האָט זיך געגעבן אַ צינד אָן און ער איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן. ס׳איז נאָר געבליבן פון אים אַביסל אַש, די ספּרונזשינעס און די מעדאַלן.

ווען די גענעראַלן האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער הילצערנער העלד איז טויט, האָבן זיי פאַר אים געמאַכט אַ גרויסע לוויה. זיינען געקומען מענטשן — ווי זאַמד! און סאָלדאַטן — פון גאָר דער וועלט! אַלע זיינען געשטאַנען אַרום־און־אַרום קבר אויסגעשטעלט. די גענעראַלן האָבן געהאַלטן רעדעס און דערציילט די אַלע גרויסע זאַכן, וואָס דער הילצערנער העלד האָט אויפגעטאָן: ווי ער האָט געוואונען די מלחמה; ווי אַזוי ער האָט געמאַכט, אַז אַלעמען זאָל איצט זיין בעסער. נאָכדעם האָבן אַלע סאָלדאַטן געגעבן אַ שאָס אויס אין דער הויך דריי מאָל —

ט־ט־טויט! — ט־טויט! — טויט.

און מ'האָט אים פאַרשאָטן, באַגראָבן און פאַרטיק.

און דאָס איז געווען דער סוף פון מיין העלד, יאַנקל דער הילצערנער.

ווי זייערע פעטערס שאַפן אָפּ מלחמה

1) ווי משהס פעטער פאַרבלאָזט די אָפּיצערן אין ים אַריין.

2) ווי חיימס פעטער רייסט אַראָפּ ביי די גענעראַלן די קנעפּלעך.

3) ווי געצלס פעטער לאָזט די קייסאָרים אליין מלחמה האַלטן.

1

ווי משהס פעטער פאַרבלאָזט די אָפּיצערן אין ים אַריין

משה, חיים און געצל זיינען געגאַנגען זען דעם גרויסן מיליטערישן פּאַראַד, און צוריקגייענדיק האָבן זיי זיך באַרימט.

משה האָט געזאָגט: מיין פעטער האָט איינמאָל געלייענט אין אַ צייטונג, אַז ווייט אַריבער ימען גייט אָן אַ מלחמה. פאַרווילט זיך מיין פעטער זען וואָס אַ מלחמה איז. טראַכט ער ניט קיין סך און לאָזט זיך אין וועג אריין זען די מלחמה.

דאָס איז געווען זומער־צייט, די זון האָט דעמאָלט אַזוי געבריט און געבראָטן, אַז מע האָט געקאָנט באַקן עפּל אין דרויסן. וואָס זשע טוען מענטשן אין אַזעלכע גרויסע היצן? — טוען זיי טאַקע גאָרנישט: זיי ליגן אין ווינקלען פאַרשטעקט און אין שאָטנס באַהאַלטן. מיין פעטער האָט אָבער פאַר היץ קיין מורא ניט, ווייל אַז ער וויל, טוט ער נאָר איין בלאָז, ווערט אַזאַ קאַלטער ווינט, אַז מע קאָן זיך פאַרקילן. וויל טאַקע מיין פעטער ניט בלאָזן: צו וואָס זאָלן זיך מענטשן פאַרקילן? גייט ער זיך אַזוי און הייבט אָן פייפן, און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן פייפן, אַזוי האָט געגומען בלאָזן אַזאַ קיל ווינטעלע, אַז ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צו גיין.

גייט שוין מיין פעטער רואיק זיין וועג.

גייט ער אַזוי און גייט, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסן און ברייטן ים. זעט מיין פעטער: ביים ברעג שטייט אַ גרויסע שיף, אויף דער שיף — אַ סך מענטשן, און די מאַטראָזן ציען שוין אָן די ווייסע זעגלען גרייט אָפּצופאָרן.

טראַכט מיין פעטער ניט קיין סך און טוט אַ שפּרונג אַריין אין דער שיף. באַלד האָט געגומען בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, האָט זיך די שיף גערירט פון אָרט און זיי זיינען אַוועקגעפאָרן איבער דעם גרויסן און ברייטן ים.

פאָרן זיי אַזוי און פאָרן, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג מיט נאָך אַ נאַכט, און באַמערקן גאָרניט ווי דער ווינט אויפן ים האָט אָנגעהויבן ווערן קלענער, און קלענער, ביז ס'האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו בלאָזן. אַז דער ווינט האָט אויפגעהערט בלאָזן, האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט אין מיטן ים און — ניט פון אָרט.

ווען די מענטשן האָבן דערזען, אַז זייער שיף איז געבליבן שטיין אין מיטן ים און רירט זיך ניט פון אָרט, האָבן זיי זיך שטאַרק דער־שראָקן און אָנגעהויבן וויינען:

— ווי איז אונדז אַלעמען און ווינד איז אונדז אַלעמען!
ווי וועלן מיר זיך צו אַ ברעג דערטראָגן?
און ווי וועלן מיר זיך אַהיים דערשלאָגן?
— וויי, מיר וועלן דאָ פון הונגער און דורשט אויסגיין!

אַז מיין פעטער האָט דערהערט, ווי די מענטשן אויף דער שיף וויינען, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט: איז צוגעגאַנגען צום מאַסט־בוים און זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים מיט דער פּלייצע, האָט אַריינגעצויגן אַ טיפן אָטעם, און האָט מיט זיינע גרויסע ליפּן גע־געבן אַזאַ בלאָז אין ים אַריין, אַז ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער

שטורעם. דער ים האָט אָנגעהויבן שוימען און קאָכן און זידן; כוואַליעס האָבן זיך גענומען טראָגן און יאָגן און וואַרפן און שפּרינגען. דערפאַר אָבער האָט זיך די שיף גענומען טראָגן איבערן ים ווי אַ פעדערל אויפן ווינט! און טאַקע גאָר אין גיכן זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ ברעג.

ווי נאָר די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי איז מיין פעטער דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען אויפן ברעג און זיך געלאָזט גיין. האָבן אָבער די מענטשן אים אָנגעיאָגט, אים אַרומגערינגלט און גענומען דאַנקען וואָס ער האָט זיי געראַטעוועט. האָט מיין פעטער געזאָגט, אַז זיי דאַרפן אים ניט דאַנקען, ווייל ער האָט ליב צו טאָן אַזעלכע זאַכן. און ער האָט זיך מיט אַלעמען אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען זען די מלחמה.

גייט מיין פעטער אַזוי און גייט, דורך פעלדער און דורך וועלדער, ביז ער איז אַרויסגעקומען אויף זייער אַ גרויס און ברייט פעלד. זעט ער: פון ביידע זייטן פעלד שטייען אויסגעשטעלט סאָלדאַטן איינע קעגן די אַנדערע און מע שיסט זיך מיט ביקסן און מיט האַרמאַטן, און מע שטעכט זיך מיט שפּיזן, און מע האַקט זיך און מע בראָקט זיך מיט שווערדן, און מענטשן פאַלן ווי פליגן.

צעשרייט זיך מיין פעטער אויפן קול:

— העי, שקצים וואָס איר זייט! פאַרוואָס עפּעס שיסט איר זיך און שטעכט זיך און האַקט זיך און בראָקט זיך? איר האָט קיין אַנדער זאַך ניט וואָס צו טאָן?!

ענטפערן אים די סאָלדאַטן:

מיר זיינען ניט שולדיק. מע הייסט אונדז שיסן, שטעכן, האַקן און בראָקן איינע די אַנדערע — טוען מיר אַזוי.

מאַכט מיין פעטער:

— אַי, לעמעשקעס וואָס איר זייט! און ווער הייסט דאָס אייך?

זאָגן די סאָלדאַטן:

— די אָפיצערן הייסן אונדז.

— און וואו זייַנען די אָפיצערן?

— אָט דאָרטן, ווייזן די סאָלדאַטן.

צעשרייט זיך מיין פעטער אויף די אָפיצערן:

— העי, אָפיצערן! באַנדיטן וואָס איר זייט! פאַרוואָס עפעס הייסט איר די סאָלדאַטן זיך שיסן, זיך שטעכן, זיך האַקן און בראָקן?!

לאַכן די אָפיצערן און ווילן גאָר מיין פעטער ניט ענטפערן.

מאַכט מיין פעטער:

— זע נאָר, דאָרטן גיסט זיך בלוט און זיי לאַכן גאָר. ענטפערט פאַרוואָס?־!

צעלאַכן זיך די אָפיצערן נאָך מער:

— כאַ, כאַ, כאַ! ער וויל וויסן פ אַ ר ו ו אָ ס, וויל ער! — כאַ, כאַ, כאַ!

און זיי האַלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער.

קוקט מיין פעטער אויף די לאַכנדיקע אָפיצערן און מאַכט:

— זיי זיינען דאָך גאָר קיין מענטשן ניט, אָט די באַקנעפּלטע פלעקער!

— פפ־פ־פוי זאָלט איר ווערן!

דאָ איז פון מיין פעטערס „פפ־פ־פוי זאָלט איר ווערן" געוואָרן אַזאַ שטאַרקער ווינט, אַז ס'האָט פאַרבלאָזן די אָפיצערן אין ים אַריין און זיי דאָרטן אַלעמען דערטרונקען.

ווען מיין פעטער האָט דערזען, אַז די אָפּיצערן זיינען שוין מער ניטאָ, רופט ער זיך אָן צו די סאָלדאַטן:

— און איר, נאַרישע סאָלדאַטן, גייט בעסער אַהיים, וואָרים אייערע מאַמעס און אייערע שוועסטער, אייערע ווייבער און אייערע קינדער האָבן ניט וואָס צו עסן און האָבן ניט וואו צו שלאָפן.

וואונדערן זיך די סאָלדאַטן:

פאַרוואָס? פאַרוואָס?

זאָגט מיין פעטער:

— ווייל די מאַמעס האָבן ניט קיין זין, די שוועסטער קיין ברי־דער, די ווייבער קיין מענער און די קינדער האָבן ניט קיין טאַטעס, איז ניטאָ ווער ס׳זאָל זיי געבן ברויט צו עסן און אַ היים צו שלאָפן.

אַז די סאָלדאַטן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו וויינען:

אוי־וויי, ווי מע האָט אונדז אָפּגענאַרט!

מיר האָבן דאָס גאָרניט געוואוסט!

און זיי האָבן איבערגעלאָזן די האַרמאַטן, אַוועקגעוואָרפן דאָס גאַנצע געווער און זיך צעלאָפן אַהיים.

זעט מיין פעטער, אַז ער איז געבליבן איינער אליין אויפן שלאַכטפעלד, נעמט ער די אַלע קאַנאָנען, מיט די ביקסן, מיט די שפּיזן, מיט די שווערדן, מיט דעם גאַנצן איבעריקן מלחמה־געצייג און וואַרפט עס אַלץ אין ים אַריין. נאָכדעם האָט ער דאָך שוין מער ניט געהאַט וואָס צו טאָן, איז ער זיך רואיק געגאַנגען צוריק אַהיים.

2

ווי חיימס פעטער רייסט אַראָפּ ביי די גענעראַלן די קנעפּלעך

דאָ רופט זיך אָן חיים:

אויך מיר אַ וואונדער: מאַכן אַ שטורעם אויפן ים! צו פאַר־בלאָזן די אָפּיצערן אין ים אַריין! און אַז דיין פעטער האָט געמאַכט אַ שטורעם אויפן ים, האָבן דאָך דערווייל אַנדערע שיפן געקאָנט זיך איבערקערן און דערטרונקען ווערן, — וואָס זשע איז דאָס פאַר אַ קונץ? און אַז דיין פעטער האָט פאַרבלאָזן די אָפּיצערן אין ים אַריין — איז וואָס? זיינען דאָך געבליבן די גענעראַלן! און די גענעראַלן קאָנען דאָך מאַכן אַנדערע פאַר אָפּיצערן און ווידער פירן די מלחמה.

אָט, מיין פעטער האָט איינמאָל געלייענט אין אַ צייטונג, אַז וויט אַריבער ימען גייט אָן אַ גרויסע מלחמה. וויל דאָך מיין פעטער זען וואָס אַ מלחמה איז, טראַכט ער ניט קיין סך און לאָזט זיך אין וועג אַריין זען די מלחמה.

דאָס איז געווען אין האַרבסט. רעגנס האָבן געגאָסן אָן אויפ־הער! ס'האָט ממש געפּליוכעט ווי מיט צעבערס! וואָס זשע טוען מענטשן, ווען ס'גיסן אַזעלכע רעגנס? — באַהאַלט מען זיך טאַקע אונטער דעכער. מיין פעטער, אָבער, האָט פאַר אַ רעגן קיין מורא ניט, ווייל אַז ער וויל, טוט ער נאָר איין בלאָז, ווערט אַזאַ ווינט, אַז ס'קאָן הייזער איבערקערן און פאַרטראָגן דעם רעגן אויף הונדער־טער מיילן וויט! איז פאַרוואָס עפּעס זאָלן זיך הייזער איבערקערן אומזיסט און אומנישט? וויל טאַקע מיין פעטער ניט בלאָזן. אָבער

אין רעגן וויל ער דאָך אויך ניט גיין, האָט ער גענומען טראַכטן, וואָס צו טאָן. טראַכטנדיק האָט ער אָנגעהויבן אונטערפּייפן (ווייל מיין פעטער טראַכט בעסער ווען ער פייפט) איז פון דעם פייפן געוואָרן אַזאַ ווינט, אַז ס׳האָט פאַרטראָגן דעם רעגן העט ווייט הינטערן שטאָט גלייך אין טייך אַריין.

גייט שוין מיין פעטער רואיק זיין וועג.

גייט ער אַזוי און גייט, און גייט און גייט, ביז ער איז צוגעקו־מען צום גרויסן אוןברייטן ים. זעט ער: ס׳שטייט שוין די שיף, אויף דער שיף זיינען שוין דאָ אַ סך מענטשן און די ווייסע זעגלען זיינען שוין אָנגעצויגן גרייט אָפּצופאָרן.

טראַכט מיין פעטער ניט קיין סך און טוט אַ שפּרונג אין שיף אַריין. און טאַקע באַלד האָט גענומען בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, האָט זיך די שיף גערירט פון אָרט און זיי זיינען אַוועקגעפאָרן איבער דעם גרויסן און ברייטן ים.

פאָרן זיי אַזוי און פאָרן, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג מיט נאָך אַ נאַכט און זעען גאָרניט, ווי אויפן ים פאַרשפּרייט זיך אַ געדיכטער נעפּל. און וואָס ווייטער זיי פאָרן, אַלץ געדיכטער ווערט דער נעפּל, ביז מע האָט שוין מער ניט געקאָנט זען וואוהין מע פאָרט. האָט זיך די מענטשן גענומען דאַכטן, אַז זיי פאָרן גאָרניט אויפן ים, נאָר ערגעץ אין הימל, אויף אַ גרויסן גרויען וואָלקן. האָט דאָס האַרץ אין זיי אָנגעהויבן צו ציטערן:

ווער ווייסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ שיף?

און ווער ווייסט, וואָס מיט זיי וועט דאָ געשען?

און ווי איז, אַז די שיף פאָרט טאַקע אויף אַ וואָלקן און וועט פּלוצים געבן אַ פאַל אַראָפּ אין ים אַריין?

מיט אַמאָל האָט זיך די שיף אַ קער געטאָן, אַ שטאַרקן וויג געטאָן, און האָט זיך אַ שאַרפן דריי געטאָן אָן אַ זייט און זיך גענומען טראָגן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז די מאַסטן האָבן גענומען פּייפן אין ווינט. די מענטשן האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק מיט דער שיף. און נאָך איידער זיי האָבן צייט געהאַט צו באַגרייפן זייער שרעק, קומט צולויפן דער קאַפּיטאַן א צעטראָגענער און שרייט:

— אוי ווי! וואָס זאָל איך דאָ טאָן! אַ גרויסער שטראָם האָט אויפגעכאַפּט די שיף און שלעפּט זי מיט זיך! און אויב די שיף וועט זיך פון שטראָם ניט אַרויסדרייען, וועט ער זי פאַרטראָגן ערגעץ אין עק וועלט! און ווער ווייסט וואָס מיט אונדז אַלעמען וועט דאָרטן געשען!

אַז די מענטשן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך זייער שטאַרק צעוויינט:

— אוי, ביטער איז אונדז!
אוי, פינצטער איז אונדז!
וואָס וועט פון אונדז ווערן?
און ווער וועט פון אונדז הערן,!
ניט אַהיים צו לאָזן וויסן!
ניט אַ קרוב צו לאָזן גריסן!
צו קיין ברעג זיך ניט דערשלאָגן!
אין עק וועלט דעם געביין פאַרטראָגן!

אַז מיין פעטער האָט דערהערט ווי די מענטשן וויינען, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט און האָט אַזאַ בלאָז געטאָן, אַז דער נעפּל האָט זיך גענומען דרייען, ווי אַ גרויע צעפּעדעמטע טוך אין אַ

ווירבלווינט, און האָט אָנגעהויבן ווערן שיטערער און שיטערער ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן.

ערשט דעמאָלט האָבן די מענטשן דערזען ווי גיך דער שטראָם שלעפּט די שיף און טראָגט זי ערגעץ אין ווייטע ימען אַוועק. און ווען די מענטשן האָבן דאָס דערזען, איז זייער געוויין געוואָרן הימלען־הויך.

זעט מיין פעטער, אַז דאָס געוויין איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, טראַכט ער ניט קיין סך, שפּאַרט זיך אָן מיט דער פּלייצע אין „נאָז" פון שיף און נעמט בלאָזן גלייך אויף די ווייסע זעגלען. האָבן זיך די זעגלען אָנגעבלאָזן און די שיף האָט זיך גענומען טראָגן איבערן ים קעגן שטראָם — ווי אַן אָדלער קעגן ווינט! און טאַקע באַלד האָט זיך באַוויזן לאַנד און די שיף איז צוגעקומען צו אַ ברעג.

אַז די מענטשן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי זיך שטאַרק דער־פרייט, זיינען צוגעלאָפן צו מיין פעטער און גענומען דאַנקען אים וואָס ער האָט זיי געראַטעוועט. וויל דאָך ניט מיין פעטער, אַז מענטשן זאָלן אים דאַנקען, האָט ער זיך אויף גיך מיט אלעמען אָפּגעזעגנט, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון שיף און זיך געלאָזט גיין זען די מלחמה.

גייט מיין פעטער און גייט, דורך פעלדער און וועלדער, ביז ער איז געקומען צו דעם גרויסן און ברייטן פעלד, וואו די מלחמה גייט אָן. זעט ער: פון ביידע זייטן שטייען אויסגעשטעלט די סאָלדאַטן, און מע שיסט זיך מיט ביקסן, און מע שטעכט זיך מיט שפּיזן, און מע האַקט זיך און מע בראָקט זיך מיט שווערדן. און מענטשן פאַלן ווי פליגן. (וואָרים סאָלדאַטן זיינען דאָך אויך מענטשן.)

קוקט מיין פעטער און וואונדערט זיך:

איז דאָס, הייסט עס, מלחמה? — מע שיסט זיך, מע שטעכט זיך, מע האַקט זיך און מע בראָקט זיך! — און פאַרוואָס? און פאַר ווען? און פאַר וועמען?! איינער האָט דעם צווייטן באַגנבעט? באַגזלט? צוגענומען דער באָבעס ירושה? אַז זיי קענען גאָרניט איינער דעם צווייטן! זיי זיינען דאָך ווילד־פרעמדע איינער דעם צווייטן! איז פאַרוואָס?!

איז פ־אַ־ר־וו־אָ־ס?!

און מיין פעטער טראַכט ניט לאַנג און צעשרייט זיך ניט אויף די סאָלדאַטן — ער טוט נאָר אַ פרעג די אָפיצערן:

— וואו זיינען ערגעץ די גענעראַלן?!

ענטפערן די אָפיצערן:

— זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטער יענער געמויערטער וואַנט.

מאַכט מיין פעטער:

— יענעם שטעלט מען אַרויס פאַר דעם נאַר
און אליין באַהאַלט מען זיך פון געפאַר.

און ער לאָזט זיך גלייך צו די גענעראַלן.

געקומען צו די גענעראַלן, זעט ער: זיי זיצן זיך גאַנץ רואיק און פוצן זיך, און שפּיגלען זיך און דרייען זייערע גרויסע וואָנצעס מיט גרויס ווירדע.

מאַכט מיין פעטער:

— איז אָט וואָס פאַר אַ לצים איר זייט?! יענע הייסט איר זיך שיסן איינע די אַנדערע, און אַליין באַהאַלט איר זיך הינטער געמויערטע ווענט! — פאַרוואָס? פאַרוואָס?!

שמייכלען די גענעראַלן אין די גרויסע וואָנצעס אריין און שווייגן.

צעשרייט זיך מיין פעטער:

— איך רייד צו אייך, קוקלעס וואָס איר זייט, און וויל אָן ענטפער! פאַרוואָס עפּעס הייסט איר די סאָלדאַטן זיך שיסן און שטעכן, און האַקן און בראָקן? פאַרוואָס?!

זיצן די גענעראַלן, דרייען זייערע גרויסע וואָנצעס מיט גרויס ווירדע און שווייגן, גלייך ווי ניט זיי מיינט מען דאָס. ווערט מיין פעטער אין כעס, שפּרינגט צו און טוט ביי זיי אַ ריס אַראָפּ אלע קנעפּלעך (און אָן קנעפּלעך זיינען זיי דאָך קיין גענעראַלן ניט), האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן און זיינען זיך צעלאָפן. איי, זיינען זיי געלאָפן — מיט קיין צען פּאָר פערד זיי ניט אָנצויאָגן! און טאַקע זייער גוט, וואָס זיי זיינען אַנטלאָפן, וואָרים ווער ווייסט וואָס מיט זיי וואָלט געשען ווען זיי אַנטלויפן ניט.

ווען די גענעראַלן זיינען זיך צעלאָפן, זיינען די אָפיצערן גע־בליבן אין טויט־שרעק: וואָס וועט דאָ מיין פעטער טאָן מיט זיי? און טאַקע: וואָס זאָל דאָ מיין פעטער טאָן מיט זיי? — גאָר ניט. דערזען אַז די אָפיצערן ציטערן, רופט ער זיך אָן צו זיי:

איר, חברה אונטערשטופּער, האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן, איך וועל אייך גאָרנישט ניט טאָן. איר מוזט אָבער צונעמען ביי די סאָלדאַטן דאָס גאַנצע געווער און עס אריינוואַרפן אין ים אריין.

האָבן די אָפיצערן גלייך צוגענומען ביי די סאָלדאַטן דאָס גאַנצע געווער און עס גענומען וואַרפן אין ים אריין. שטייען די סאָלדאַטן און וואונדערן זיך:

פאַרוואָס? פאַרוואָס?

מאַכט מיין פעטער מיט באַדויערן:

אָ, איר נאַרישע מענטשעלעך! איר האָט קעפּעלעך ווי קנע־פּעלעך, אַז איר פרעגט אַזעלכע פראַגעס. גייט בעסער אַהיים,

וואָרים אייערע אַלטע מאַמעס, אייערע שוועסטער, אייערע ווייבער און קינדער האָבן ניט וואָס צו עסן און האָבן ניט וואו צו שלאָפן.

וואונדערן זיך ווידער די סאָלדאַטן:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? מיר האָבן דאָך זיי איבערגעלאָזן אַלע גוטע זאַכן צום עסן און גוטע היימען צו שלאָפן?

ענטפערט מיין פעטער:

— די שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן אייך אַוועקגעשיקט אין מלחמה האָבן דאָרטן ביי זיי אַלצדינג צוגענומען.

ווען די סאָלדאַטן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אויפגעהויבן פאַרקוועטשטע פויסטן און זיך געלאָזט לויפן אַהיים.

זעט מיין פעטער: קיין גענעראַלן זיינען שוין אויף דער וועלט ניטאָ; די סאָלדאַטן זיינען זיך צעלאָפן אַהיים; די אָפיצערן האָבן דאָס גאַנצע געווער אריינגעוואָרפן אין ים אריין און זיינען אויך אַוועק אַהיים; און אויף דעם גרויסן און ברייטן שלאַכטפעלד איז שאַ און שטיל, האָט ער זיך גאַנץ רואיק געלאָזט גיין צוריק אַהיים.

3

ווי געצלס פעטער לאָזט די קייסאָרים אליין מלחמה האַלטן

געצל האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ווען חיים האָט געענדיקט, רופט ער זיך אָן:

אייערע פעטערס זיינען ביידע זייער גרויסע חכמים! משהס פעטער מיינט, אַז ער וועט פאַרבלאָזן די אָפיצערן אין ים אריין וועט אויפהערן די גרויסע מלחמה; און חיימס פעטער מיינט, אַז

ער וועט אַראָפּרייסן ביי די גענעראַלן די קנעפּלעך וועט אויפהערן די גרויסע מלחמה. אייערע פעטערס ווייסן גאָר ניט אַז ס׳זיינען פאַראַן קייסאָרים ? די קייסאָרים קאָנען דאָך מאַכן אַנדערע גענע־ראַלן מיט אַנדערע אָפּיצערן און ס׳זאָל נאָך אַלץ אָנגיין די גרויסע מלחמה.

אָט, מיין פעטער האָט איינמאָל געלייענט אין אַ צייטונג, אַז ווייט, אַריבער ימען, גייט אָן אַ גרויסע מלחמה. וויל דאָך מיין פעטער זען וואָס אַ מלחמה איז, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט און זיך געלאָזן אין וועג אַריין זען די מלחמה.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטער. שנייען האָבן זיך צעלייגט — אַריבער די הייזער, אַז מע האָט ניט געקאָנט קיין טירן עפענען, און קיין פוס איבערן שוועל אַריבערשטעלן. וואָס זשע טוען מענטשן אין אַזעלכע טיפע שנייען ? — טוען זיי טאַקע גאָרנישט : מע זיצט אין די הייזער און מע וואַרעמט זיך ביי די אויוונס.

מיין פעטער האָט אָבער פאַר טיפע שנייען קיין מורא ניט. ווייל אַז ער וויל, טוט ער נאָר איין בלאָז, ווערט אַזאַ גרויסער ווינט, אַז ס׳קאָן שטעט איבערקערן און פאַרטראָגן דעם שניי ערגעץ אין אויסרייסן ! איז צו וואָס עפעס זאָלן זיך שטעט איבערקערן ? וויל טאַקע מיין פעטער ניט בלאָזן. ער מוז דאָך אָבער גיין זיין וועג, — איז וואָס זשע זאָל ער דאָ טאָן ? האָט ער טאַקע גאָרנישט געטאָן. ער האָט בלויז גענומען פּייפן, האָט זיך פון זיין פּייפן גענומען דרייען אַזאַ מין שאַרפער ווינט, אַז ס׳האָט דורכגעבויערט אַ טונעל אונטערן שניי אויף מיילן און מיילן ווייט.

האָט זיך מיין פעטער שוין רואיק געלאָזט אין וועג אריין אונטער דעם שניי.

גייט ער אַזוי אונטערן שניי און גייט, און גייט און גייט, ביז ער האָט דערזען פון ווייטן אַן עפענונג. האָט מיין פעטער פאַר־שטאַנען, אַז דאָס מוז זיין דער סוף פונעם שניי־טונעל. ווען ער איז צוגעקומען צום ארויסגאַנג, איז ער איבערראַשט געוואָרן: פאַר זיינע אויגן האָט זיך געשפּרייט דער גרויסער און ברייטער ים. און דער ים איז אַזוי נאָענט — טאַקע נאָר מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען. רופט אויס מיין פעטער מיט פרייד:

ניט געפּלאַנט,
און גלייך ביי דער האַנט.

און ער לאָזט זיך גלייך צום ים.

צוגעקומען צום ים, זעט ער: ס'שטייט אַ שיף, אינגאַנצן אַן אָנגעפּראָרענע מיט אייז; אויף דער שיף זיינען שוין דאָ אַ סך מענטשן, און די מאַטראָזן מאַטערן זיך אָנצוציען די זעגלען און קאָנען ניט, ווייל די זעגלען זיינען צוגעפראָרענע.

טראַכט מיין פעטער ניט קיין סך, טוט אַ שפּרונג אַריין אין שיף און טוט אַ צי אַרויף די ווייסע זעגלען. און טאַקע באַלד האָט גענומען בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, האָט זיך די שיף גערירט פון אָרט און זיי זיינען אַוועקגעפאָרן איבער דעם גרויסן און ברייטן ים.

פאָרן זיי אַזוי און פאָרן, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג מיט נאָך אַ נאַכט, און זעען גאָרניט ווי דער ים ווערט שטורעמ־דיקער און שטורעמדיקער: כוואַליעס נעמען שפּרינגען ווי צעוויל־דעוועטע הירשן און פאַלן איינע אויף די אַנדערע מיט גערויש און גערודער; די שיף נעמט זיך הייבן אַרויף און אַראָפּ, נעמט זיך וויגן פון איין זייט צו דער אַנדערער, נעמט קרעכצן און סקריפּען ווי אַן אַלטער טויער; און דער ווינט נעמט פייפן און וואָיען ווי אַ הונ־געריקער וואָלף אין אַ ווינטער נאַכט.

וואָס זשע זאָלן דאָ די מענטשן טאָן, אַז ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ שטורעם? האָבן זיי טאַקע גאָרנישט ניט געטאָן, — זיי האָבן ניט געקאָנט, ס׳האָט זיי געוואָרפן אַרויף און אַראָפּ און פון איין זייט שיף צום צווייטן, — האָבן זיי זיך אַלע אויסגעלייגט אויף דער ערד און זיך אָנגעהאלטן ווער אָן וואָס ס׳האָט געקאָנט.

און דער שטורעם ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, די כוואַליעס נעמען זיך הייבן אַלץ העכער און העכער, און שפּילן זיך מיט דער שיף, ווי מיט אַ מולטערל. האָט זיך די מענטשן גענומען אויסדאַכטן ווי אַ משונהדיקער ריז וואָלט די שיף פון ים אַראָפּגענומען און זיך גענומען שפּילן מיט איר ווי מיט אַ שפּילצייג: אָט טוט ער זי אַ וואָרף הויך צו די הימלען, און אָט לאָזט ער זי פאַלן צו די טיפסטע טיפענישן. האָבן דאָס די מענטשן מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און האָבן זיך צעוויינט ווי קליינע קינדער:

— אוי, וויי! אוי, וויי!

וואָס וועט דאָ פון אונדז ווערן?

און ווער וועט אונדזער געוויין דערהערן?

ווי אַ ווילדע חיה טוט דער ווינט ברומען, —

ווער וועט אונדז צו הילף קומען?!

אוי, וויי! אוי, וויי!

אין דעם קומט צולויפן דער קאַפּיטאַן און שרייט:

וואָס זאָל איך דאָ טאָן?! אַן אייזבאַרג טראָגט זיך אַנטקעגן און די שיף איז אָן אַ רודער געבליבן — דער שטורעם האָט דעם רודער צעבראָכן! מיר זיינען פאַרלאָרענע! מענטשן, מיר זיינען פאַרלאָרענע!

און דער קאַפּיטאַן האָט אויך גענומען וויינען ווי אַ קליין קינד.

ווען די מענטשן האָבן דעם ריזיקן אייזבאַרג דערזען, איז דאָס בלוט אין זיי פאַרקילט געוואָרן און ס'האָט זיי גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן פאַר שרעק. און ווען זיי האָבן נאָך דערזען, ווי דער שטורעם ווילדעוועט און טראָגט די שיף גלייך אויפן אייזבאַרג, האָבן זיי אויפגעהויבן אַזאַ ביטערן געשריי, אַז ס'האָט הימלען גע־שפּאָלטן. און זיי האָבן גענומען וויינען און קלאָגן:

— אַז ווי איז אונדז! און אַז ווינד איז אונדז!

אוי, צו וואָס פאַר אַ ברעג מיר האָבן זיך דערשלעפּט!

און אוי, וואָס פאַר אַ סוף מיר האָבן זיך דערלעבט!

אָט דאָ וועלן מיר דערטרונקען ווערן,

אָט דאָ וועלן מיר פאַרזונקען ווערן!

ווען מיין פעטער האָט דערהערט אַזאַ סאָרט געוויין, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט, ער האָט אַ שפּרונג געטאָן צום אויבערשטן דעק, האָט געגעבן אַ שעפּ אריין פולע לונגען מיט לופט, האָט געגעבן אַ צי פונאַנדער זיינע באַקן, און געטאָן אַזאַ בלאָז, אַז דער אייז־באַרג האָט זיך אַ ריס געטאָן פון ים מיט אַזאַ שרעקלעכן געבריל, ווי פון אַ ריזיקער חיה, און איז פאַרפלויגן געוואָרן גלייך צום נאָרד פּאָל און האָט נאָך מיטגעשלעפּט דעם שטורעם־ווינט אויך מיט זיך.

ווי נאָר דער אייזבאַרג מיטן שטורעם־ווינט זיינען פאַרשוואונדן, אַזוי האָבן זיך די כוואַליעס איינגעשטילט, און דער ים האָט זיך אויסגעשפּרייט, אויסגעצויגן, אויסגעגלייכט, און איז געוואָרן גלאַט ווי אַ שפּיגל. און די שיף האָט זיך גענומען גליטשן איבערן ים, ווי איבער אַ גרויסער שיסל פּוטער — און האָט זיך אפילו קיין וויג ניט געטאָן. און טאַקע באַלד האָט זיך באַוויזן לאַנד און די שיף איז צוגעקומען צו אַ ברעג.

אַז די מענטשן האָבן דאָס דערזען, זיינען זיי מיט גרויס פרייד צוגעלאָפן צו מיין פעטער, אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און גע־וואָלט נעמען דאַנקען, וואָס ער האָט זיי געראַטעוועט, — וויל אָבער ניט מיין פעטער, אַז מענטשן זאָלן אים דאַנקען — טוט ער אַ זאָג צו זיי: „זייט געזונט!״ און שפּרינגט אַראָפּ פון שיף און לאָזט זיך אין וועג אריין זען די מלחמה.

גייט מיין פעטער אַזוי און גייט, איבער פאַרשנייטע פעלדער און דורך אָנגעפראָרענע וועלדער, ביז ער איז געקומען צו דעם גרויסן און ברייטן פעלד, וואו די מלחמה גייט אָן. זעט ער: פוןביידע זייטן שטייען אויסגעשטעלט די סאָלדאַטן איינע קעגן די אַנדערע און מע שיסט זיך מיט ביקסן און מיט האַרמאַטן, און מע שטעכט זיך מיט שפּיזן, און מע האַקט זיך און מע בראָקט זיך מיט שווערדן. און מענטשן פאַלן ווי פליגן. (וואָרים סאָלדאַטן זיינען דאָך אויך מענטשן.)

זעט מיין פעטער וואָס דאָ טוט זיך אָפּ און רעדט צו זיך אליין:

וואָס מיינע אויגן האָבן ניט געזען,
איז קיינמאָל ניט געשען.

ווער וואָלט דאָס געקאָנט גלויבן, אַז מענטשן וועלן קאָנען טאָן איינע די אַנדערע אַזעלכע זאַכן? און פאַרוואָס? פאַרוואָס? פע, ווי מיאוס מלחמה איז!

און מיין פעטער טראַכט ניט לאַנג. ער גייט גלייך אַוועק צו די גענעראַלן, וואָס זיצן אויף יענער זייט געמויערטער וואַנט און פוצן זיך און דרייען מיט ווירדע זייערע וואָנצעס, און טוט זיי אַ פרעג:

— וואו זיינען ערגעץ די קייסאָרים?!

און אַז מיין פעטער פרעגט — ענטפערט מען.

ענטפערן די גענעראַלן:

— וואו זאָלן זיי זיין? די קייסאָרים זיינען אויף יענער זייט פעסטונג אין זייערע פּאַלאַצן.

גייט מיין פעטער אַוועק אויף יענער זייט פעסטונג צו די פּאַ־לאַצן, שטייען דאָרטן סאָלדאַטן מיט ביקסן און מע וויל אים ניט ארייַנלאָזן.

מאַכט מיין פעטער:

— שוטים וואָס איר זייט! אַז איך זאָג אייך—לאָזט, דאַרפט איר אריינלאָזן!

און אַז מיין פעטער זאָגט — פאָלגט מען. האָבן די סאָלדאַטן פאַר אים גלייך געעפנט אַלע טירן און אַלע טויערן.

גייט מיין פעטער אַריין אין פּאַלאַץ צו די קייסאָרים, זעט ער: די קייסאָרים זיצן אָנגעטאָן מיט די קרוינען אויף די קעפּ און זיינען פאַרטיפט אין אַ שפּיל. די קעניגלעכע שפּיל איז אַזאַ: צען פליגן כאַפּער גייען אַרום איבערן הויז און כאַפּן פליגן. די קייסאָרים נעמען די פליגן, שטעכן זיי אָן אויף גאָלדענע שפּילקעס און שטעלן מיט זיי אויס אויף אַ זיידענער פאָן די ווערטער:

„ל־אַ־נ־ג ל־ע־ב־ן ז־אָ־ל א־ו־נ־ד־ז־ע־ר ק־ע־נ־י־ג!"

דערזען אַזוינס, צעשרייט זיך מיין פעטער:

— העי, קייסאָרימלעך וואָס איר זייט! פאַרוואָס עפּעס מאַכט איר מלחמה און הייסט די סאָלדאַטן זיך שיסן און שטעכן און האַקן און בראָקן?!

ענטפערן די קייסאָרים:

— ווער? מיר מאַכן די מלחמה? — סע הייבט זיך ניט אָן און סע לאָזט זיך ניט אויס! די מענטשן, מיין טייערינקער, די מענטשן פון שטאָט ווילן אַ מלחמה, דעריבער מוזן די סאָלדאַטן זיך

שיסן און שטעכן און האַקן און בראָקן — אויף דעם זיינען זיי דאָך סאָלדאַטן!

טראַכט מיין פעטער: אפשר זיינען די קייסאָרימלעך גערעכט. און ער גייט גלייך צו די מענטשן פון שטאָט און צעשרייט זיך אויף זיי.

— העי, איר מענטשן פון שטאָט, פאַרוואָס עפּעס ווילט איר מלחמה?! זאָגן די מענטשן פון שטאָט:

— מיר ווילן ניט קיין מלחמה. נאָר אויב אונדזערע קייסאָרים זאָגן אַז מיר ווילן, איז מסתמא ווילן מיר דאָך.

מאַכט מיין פעטער:

— אויב אַזוי האָב איך מיט אייך ניט וואָס צו ריידן, וואָרים איר זייט גרויסע נאַראָנים! און אַז אייערע קייסאָרים וועלן זאָגן אַז איר האָט ליב זופּן קרופּניק, — ווערט איר מוזן זופּן?

און ער איז פון זיי אַוועקגעגאַנגען גלייך צו די גענעראַלן מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן.

געקומען צו די גענעראַלן. רופט זיך אָן מיין פעטער: — גייט און ברענגט מיר אַהער אַלע אָפיצערן און אַלע סאָלדאַטן.

און אַז מיין פעטער זאָגט, פאָלגט מען.

זיינען די גענעראַלן געגאַנגען און געבראַכט אַלע אָפיצערן און אַלע סאָלדאַטן.

זאָגט מיין פעטער:

— קומט אַלע מיט מיר!

גייען אַלע מיט מיין פעטער און וואונדערן זיך:

וואוהין פירט ער אונדז?

וואָס וועט דאָ זיין?

און וואָס קענען מיר דאָ אויפטאָן?

גייט מיין פעטער, הערט די אַלע טענות און טוט זיי פלוצים אַ פרעג:

— האָט איר אַמאָל געהערט דאָס לידל —
„מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט!
און דערקאָן דיין גרויסע מאַכט!?"
ענטפערן אַלע —
— ניין, קיינמאָל ניט.

— אויב אַזוי, זאָגט מיין פעטער, טאָ קוקט און שוויגט און טוט, וואָס מע הייסט אייך, וועט איר דערזען וואָס פאַר אַ גרויסע מאַכט איר האָט, און וואָס פאַר אַ וואונדער איר קאָנט אויפטאָן, ווען איר ווייסט נאָר ווי אייער מאַכט צו נוצן.

גייט מען און מע שוויגט.

פירט זיי מיין פעטער אַוועק אויף יענער זייט פעסטונג צו די פאַלאַצן פון די קייסאָרים, שטעלט זיי אַלעמען אויס אין איין גרויסן קרייז און זאָגט צו זיי:

— טוט אַלע איין גרויסן געשריי:
אַ־ר־ו־נ־ט־ע־ר מ־י־ט ד־י ק־י־י־ס־אָ־ר־י־ם!

האָבן אַלע אַזאַ געשריי געטאָן אַ־ר־ו־נ־ט־ע־ר! אַז די קרוינען האָבן זיך גענומען שאָקלען אויף די קעניגלעכע קעפּ און די קייסאָרים זיינען געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט און ס׳האָט זיי גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. און איין קעניג פרעגט דעם אַנדערן שטאַמלענדיק פון שרעק:

— זאָג מיר נאָר, קייסערל, טייערינקער, האָסטו שוין אַמאָל אַזעלכעס געהערט?

ענטפערט דער צווייטער:

— ניין, טייערער קייסערל, ניט געהערט און ניט געזען.

פרעגט דער דריטערביים פערטן:

—זאָג מיר נאָר, קייסערל טייערינקער, איז שוין אַמאָל אַזעל־כעס געווען?

ענטפערט דער פערטער:

— ניין, טייערער קייסערל, ניט געווען און ניט געשען.

וואונדערן זיך אַלע פיר אין איין קול:

— איז וואָס קאָן דאָס באַטייטן?

איז וואָס קאָן דאָס באַטייטן? לאַכט מיין פעטער און זאָגט:

— נייע צייטן, קייסאָרימלעך, נייע צייטן! קומט אַהער, וועט איר זען ווי ס'וועט געשען דאָס, וואָס ס'איז נאָך ניט געווען!

און מיין פעטער וואַרט ניט לאַנג, ער נעמט און פירט די קיי־סאָרימלעך אין קרייז אַריין, גיט יעדן קייסער אַ שווערד און זאָגט:

— נו, קייסאָרימלעך, ביז אַהער האָבן די סאָלדאַטן פאַר אייך מלחמה געהאַלטן, איצט אָבער, וועט איר אַליין מלחמה האַלטן — און טאַקע שוין!

און אַז מיין פעטער זאָגט, פאָלגט מען.

האָבן די קייסאָרים גענומען מלחמה האַלטן איינער מיטן אַנדערן און האָבן זיך געהאַקט מיט די שווערדן אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיך אַלע אויסגעהרגעט.

ווען אַלע האָבן דערזען, אַז די קייסאָרים זיינען געפאַלן טויט, האָט זיך ביי זיי אַרויסגעריסן איין גרויסער געשריי:

— הוראַ! געוואונען די לעצטע מלחמה!

רופט זיך אָן מיין פעטער:

— אויב איר ווילט טאַקע, אַז ס'זאָלן מער קיין מלחמות ניט זיין, מוזט איר מיר אַלע צוזאָגן אַז —

איר, גענעראַלן, זאָלט מער קיינמאָל קיין גענעראַלן ניט זיין!

און איר אָפּיצערן זאָלט מער קיין אָפּיצערן ניט זיין!
און איר סאָלדאַטן זאָלט מער קיינמאָל קיין סאָלדאַטן ניט זיין!
האָבן די גענעראַלן אין איין קול געענטפערט:
— מיר וועלן מער קיינמאָל קיין גענעראַלן ניט זיין!
און די אָפּיצערן האָבן אין איין קול געענטפערט:
— מיר וועלן מער קיינמאָל קיין אָפּיצערן ניט זיין!
און די סאָלדאַטן האָבן אין איין קול געענטפערט:
— מיר וועלן מער קיינמאָל קיין סאָלדאַטן ניט זיין!
מאַכט מיין פעטער:

— בראַוואָ! אָט אַזוי האָב איך אייך ליב! איצט נעמט דאָס גאַנצע געווער, די אַלע מלחמה אינסטרומענטן, וואַרפט זיי אין ים אריין און גייט אייך נאָכדעם אַהיים צו אייערע אַלטע מאַמעס, יונגע שוועסטער און צו אייערע ווייבער און קינדער.

האָבן די גענעראַלן, די אָפּיצערן און די סאָלדאַטן גענומען די ביקסן און די האַרמאַטן, די שפּיזן און די שווערדן, און דאָס גאַנצע מלחמה־קלאַפּערגעצייג — און עס אַלץ אריינגעוואָרפן אין ים. און נאָכדעם זיינען זיי זיך אַלע אַוועק אַהיים זינגענדיק און פריילעך.

זעט מיין פעטער: די קייסאָרים ליגן אויסגעהרגעטע; קיין ביקסן, קיין האַרמאַטן, קיין שפּיזן, קיין שווערדן און קיין אַנדער מלחמה־געצייג איז שוין מער ניטאָ; אויפן גרויסן און ברייטן שלאַכט־פעלד איז שוין אויך מער קיינער ניטאָ, — האָט ער זיך רואיק געלאָזט גיין אַהיים.

זייערע שוועסטערקינדער

1) אַ פּאָר אויערן — ווי די טויערן.

2) אַ צונג ווי א לאָפּעטע.

3) אַ נאָז ווי אַ שלאַנג צען מייל לאַנג.

1

אַ פּאָר אויערן — ווי די טויערן

משה, חיים און געצל זיינען געגאַנגען אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק צו דער ״סטאָרי אַור״ (שעה פון מעשהלעך) און צוריקגייענדיק האָבן זיי פאַנטאַזירט און זיך באַרימט מיט זייערע שוועסטערקינדער.

משה האָט געזאָגט: איך האָב אַ שוועסטערקינד, האָט ער אָט אַזעלכע גרויסע אויערן — לאַנגע און ברייטע ווי די טויערן! איז וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער האָט אַזעלכע גרויסע אויערן? ווייסט ער ניט וואָס — טוט ער טאַקע גאָרנישט, הענגען זיי אים אַראָפּ איבער די אַקסלען ווי די רעדער.

היינט, אַז קינדער דערזעען אַזעלכע גרויסע אויערן, קלייבן זיי זיך אַרום פון גאָר דער וועלט און נעמען טאַנצן און זינגען:

גרויסע אויערן,
ווי די טויערן
ביי די מויערן
מיט די גרינע פענצטער,
מיט די רויטע דעכער.

גייען פיסלעך
טראָט, טראָט, טראָט, —

די דריי בארימער

וויגן אויערן
אויף און אָפּ.

פּאָכען אויערן,
ווי די טויערן
ביי די מויערן
מיט די גרינע פענצטער,
מיט די רויטע דעכער.

קומען מיר פון ווייטן לאַנד,
שפּילן מיר אויף ווייסן זאַמד,
טאַנצן מיר אויף גרינעם גראָז,
קומט אַ ווינטל, טוט אַ בלאָז —

פליען אויערן,
ווי די טויערן
ביי די מויערן
מיט די גרינע פענצטער,
מיט די רויטע דעכער.
פליען העכער,
העכער!
העכער!

היינט, אַז די מענטשן דערהערן ווי קינדער טאַנצן און זינגען, קומט מען דאָך צוגיין זען וואָס דאָס איז, איז ווי נאָר מע דערזעט מיין שוועסטערקינדס אויערן, אַזוי הייבט מען אָן צו לאַכן און זיך פריילעך מאַכן:

— זע נאָר אַ פּאָר אויערן!

— גרויסע ווי טויערן!

— גרעסער פון די רעדער!

— ווי די רעדער? דאָס אַלץ? האַ, האַ!

— זיי זיינען גרעסער פונעם יידישן דלות!

זאָגט מיין שוועסטערקינד:

— לאַכן איז ניט גוט מאַכן.

חכמענען זיך די מענטשן נאָך מערער:

— וואָס איז בעסער ווי גרעסער?

אָבער קיינער פון די מענטשן האָט ניט געוואוסט וואָס מיין שוועסטערקינד קאָן אויפטאָן מיט זיינע אויערן. ווען ער האָט די אויערן אָנגעשטעלט אַנטקעגן דער וועלט, האָט ער געקאָנט הערן וואָס אויף דער גאַנצער וועלט טוט זיך. און, אז ער האָט געוואָלט, האָט ער אויף דעם רעכטן אויער געקאָנט אויסשפּילן אַלערליי זאַכן—פּונקט ווי אויף אַ טראָמבאָן, און ווען ער וואָלט דאָס לינקע אויער געגעבן אַ שטעל אויס צו דער וועלט און וואָלט אינעם רעכטן אויער איין קליין געשרייעלע געטאָן, אַזוי וואָלט די וועלט אַ ציטער געטאָן און מענטשן און חיות וואָלטן פון שרעק אויסגעשטאָרבן. איז צו וואָס זאָלן עפּעס מענטשן שטאַרבן אומזיסט? וויל טאַקע מיין שוועסטערקינד דאָס ניט טאָן.

איינמאָל, ווינטערצייט, האָט מיין שוועסטערקינד געדאַרפט גיין אין זייער אַ וויטן וועג. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די ערשטע ווייסע מענטשן האָבן זיך באַזעצט אין דער „וועסט”. איין דערפל פון אַנדערן איז געווען זייער ווייט, ס'האָט געדאַרפט געדויערן אַ פּאָר טעג צו פאָרן אויף אַ פערד רייטנדיק ביז מע האָט דערזען א הויז. מיין שוועסטערקינד אָבער דאַרף קיין פערד

ניט האָבן, וואָרים אז ער לאָזט זיך נאָר גיין, קאָן מען אים מיט קיין צען פאָר פערד ניט אָניאָגן.

גייט זיך מיין שוועסטערקינד אין וועג און, פון פריילעכקייט וועגן, האַלט ער דאָס רעכטע אויער ביים מויל און שפּילט אויף דעם אויס אַלערליי לידעלעך. דער טאָג איז געוועזן אַ קאַלטער, און דער וועג — אַ שלעכטער און פול מיט אינדיאַנער. און איר ווייסט וואָס סע האָט געמיינט אין יענע צייטן אַ וועג פול מיט אינדיאַנער? סע האָט געקאָנט מיינען קריגן מיט אַ „טאָמאַהאוק" אין קאָפּ; אָדער, אָפּגעבראָטן ווערן לעבעדיקערהייט; אָדער „סקאַלפּינג".

און אָט וועט איר טאַקע הערן, וואָס סע האָט מיט מיין שוועסטערקינד געטראָפן אויף יענעם וועג:

גייט זיך אזוי מיין שוועסטערקינד, שפּילט זיינע לידעלעך און טראַכט פון גאָרנישט. מיטאַמאָל דערזעט ער, ווי פונדערווייטן דערנעענטערט זיך אַ גרויסע גרופּע אינדיאַנער מיט געווער אין די הענט; אַלע היצן זיך און קאָכן זיך, מאַכן מיט די הענט און ריידן הויך אויף אַ קול.

וויל דאָך מיין שוועסטערקינד וויסן וואָס זיי ריידן, שטעלט ער אָן זיינע אויערן אַנטקעגן די אינדיאַנער. הערט ער, ווי יעדער איינער שרייט עפּעס אַנדערש קעגן די ווייסע מענטשן.

איינער שרייט:

— זיי זיינען פרעמדע! וואָס דאַרפן מיר זיי דאָ האָבן?

אַ צווייטער שרייט:

— זיי האָבן זיך אַהער אַריינגעריסן, צוגענומען אונדזער לאַנד, אונדזער היים, אונדזער ברויט און אונדזער רו!

אַ דריטער שרייט:

— לאָמיר זיי ארויסטרייבן פון דאַנען — די פרעמדע!

און אַלע אַנדערע כאַפּן אונטער:

— גערעכט! לאָמיר זיי אַרויסטרייבן! לאָמיר זיי אויסוואָרצלען, ווי דער בופל־אָקס וואָרצלט אויס דאָס גראָז!

דערהערט אַזעלכע רייד, האָט מיין שוועסטערקינד אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס אַריין, און איז זיך רואיק געגאַנגען זיין וועג, גלייך ווי ניט אים מיינט מען דאָס. ווייל וואָס האָט ער וואָס מורא צו האָבן, ווען ער האָט זיינע אויערן מיט זיך?

דאָ האָבן די אינדיאַנער דערזען מיין שוועסטערקינד, איז געוואָרן אַ טומל צווישן זיי — „אַ ווייסער גייט!" „אַ ווייסער קומט"! און זיי האָבן זיך גענומען גרייטן אָנצופאַלן אויף אים. דער „טשיף" האָט געגעבן אַ באַפעל, און זיי האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אין צוויי לאַנגע שורות פון ביידע זייטן וועג, יעדער איינער באַוואָפנט מיט אַ פייל און בויגן אין זיין לינקער האַנט און מיט אַ „טאָמאַהאוק" אין זיין אויפגעהויבענער רעכטער האַנט. אָבער, ווען מיין שוועסטערקינד האָט זיך דערנעענטערט, און זיי האָבן דערזען זיינע גרויסע אויערן, און זיי האָבן דערהערט די לידעלעך, וואָס ער שפּילט אויס, זיינען זיי צוּערשט געבליבן שטיין פאַרגליווערטע פון שרעק — ווי סטאַטועס — און האָבן זיך פון אָרט ניט געקאָנט רירן. און מיין שוועסטערקינד איז דורכגעגאַנגען אונטער זייערע אויפגעהויבענע הענט מיט די „טאָמאַהאוקס" ווי אונטער אַ רייביימער מיט אויסגעשפּרייטע צווייגן. ווי נאָר מיין שוועסטערקינד איז דורכגעגאַנגען, אַזוי האָבן די אינדיאַנער — אַלע ווי איינער — געגעבן אַ פאַל מיטן פּנים צו דער ערד. איינגעדעקט דעם קאָפּ מיטן נאַוואַהאָ בלענקעט, וואָס יעדער איינער האָט אויף זיך געטראָגן, און אַזוי געבליבן ליגן ביז מיין שוועסטערקינד איז שוין געווען ווייט, ווייט אַוועק. נאָכדעם האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געטאָן — ניט טויט, ניט

לעבעדיק — און זיינען אַנטלאָפן, ווי די אונטערגעשאָסענע ! און מיין שוועסטערקינד איז זיך רואיק געגאַנגען זיין וועג גלייך ווי גאָרנישט איז געשען.

גייט ער אזוי און גייט איבער וועגן און שטעגן, צווישן בערג און צווישן טאָלן, און זעט ווי פון דער ווייטן דערהויבט זיך אַ ריזיקער וואַלד אַנטקעגן. דאָ האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ געדיכטער שניי, אַ שאַרפער שניידנדיקער ווינט האָט גענומען בלאָזן און ס'איז געוואָרן אַ ביטערע קעלט. טראַכט זיך מיין שוועסטערקינד : ער וועט נאָר אַריינקומען אין יענעם וואַלד וואָס אַנטקעגן, וועט אים ווערן וואַרעמער. אָבער ביז וואַנען ער איז צוגעקומען צום וואַלד איז דערווייַלע געוואָרן נאַכט. און נאַכט אין וואַלד — איז פינצטער. האָט דאָך מיין שוועסטערקינד פאַר פינצטערניש קיין מורא ניט, לאָזט ער זיך אין פינצטערן וואַלד אַריין.

גייט ער זיך אַזוי דורך דעם פינצטערן וואַלד און הויבט אָן אויסשפּילן לידעלעך אויף זיינע אויערן. מיטאַמאָל דערהערט ער אַ מאָדנעם געוויין פון דער פינצטערער ווייטקייט. באַלד דערהערט זיך נאָך אַ געוויין, און נאָך איינער, ביז אַלע געוויינען ווערן צונויפגעגאָסן אין איין גרויס געוויין, אזוי ווי א סך אומגליקלעכע מאַמעס וואָלטן געקלאָגט אויף דעם טויט פון זייערע יונגע קינדער.

טראַכט מיין שוועסטערקינד : וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ געוויין ? זאָל דאָ זיין אַ הויז אין אַזאַ געדיכטן פינצטערן וואַלד ?

אָבער לאַנג טראַכטן האָט ער ניט געדאַרפט, ווייל באַלד האָט ער דערזען, ווי פון צווישן די ביימער טאַנצן און שפּרינגען אָן אַ צאָל גרינע פייערלעך. פאַרשטייט שוין מיין שוועסטערקינד וואָס דאָס געוויין איז געווען און וואָס די גרינע פייערלעך זיינען. און ער וואַרט ניט לאַנג, — ווייל אין אַזאַ מאָמענט טאָר מען קיין צייט

ניט פֿאַרלירן, — ער נעמט דאָס רעכטע אויער צום מויל און דאָס לינקע שטעלט ער אָן אַנטקעגן די פייערלעך און — ער איז גרייט.

און די פייערלעך קומען אַלץ נעענטער און נעענטער. און באַלד טאַקע דערזעט ער, ווי פֿון אַלע זייטן נעמען שפּרינגען וועלף, אַ גאַנצע טשאַטע וועלף. אַזעלכע גרויסע, גרויע, מיט גרינע פייערדיקע אויגן, מיט גרויסע ווייסע ציין, גרייט אָנצופֿאַלן און אויפֿעסן.

מיין שוועסטערקינד האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן — ער האָט דאָך זיינע אויערן מיט זיך. און ווען ער גיט נאָר איין געשרייעלע אין זיין רעכטן אויער אַריין, אַזוי פֿאַלן זיי דאָך אַלע טויטע. די זאַך איז נאָר, וואָס מע דאַרף וויסן וואָס צו שרייען! ווייל פֿאַר וועלף דאַרף מען שרייען עפּעס אַנדערש, און פֿאַר בערן — ווידעראַמאָל עפּעס אַנדערש.

וויס טאַקע מיין שוועסטערקינד וואָס צו שרייען פֿאַר יעדער חיה באַזונדער. דערזען אַז דאָס זיינען וועלף, האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און האָט אין רעכטן אויער אַריין איין קליין געשרייעלע געטאָן אָט אַזוי:

„אַ־קאַ־זו!!

האָט איר באַדאַרפֿט זען ווי די וועלף האָבן זיך דאָס געגעבן אַ לייג אויס, — כאַטש נעם און שינד זיי אָפּ!

דאָ איז מיין שוועסטערקינד איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק: די קעלט איז אַ ביטערע, און דער וועג איז אַ ווייטער, האָט ער אַ נעם געטאָן פֿינף וועלף און זיי צוזאַמענגעבונדן מיט זייערע אויערן איינעם צום אַנדערן, און זיי צוזאַמענגעפֿלאָכטן מיט זייערע עקן, און — אָנגעטאָן אויף זיך ווי אַ פֿוטערנעם ווינטער־מאַנטל.

אָפּגעטאָן דאָס, איז דאָך אים געוואָרן וואַרעם, איז ער זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג. און באַלד טאַקע איז ער אָנגעקומען צום דאָרף, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

אַז די מענטשן פון דאָרף האָבן אים דערזען, ווי ער גייט אָנגעטאָן אין פינף צוזאַמענגעבונדענע וועלף, האָבן זיי זיך דערשראָקן. זאָגט צו זיי מיין שוועסטערקינד:

— שרעקט זיך ניט, גייט אין וואַלד אַריין, וועט איר זען וויפיל וועלף איך האָב אויסגעלייגט. זיינען טאַקע די מענטשן געגאַנגען. און נאָכדעם האָבן אַ סך פון זיי געטראָגן ווינטערמאַנטלען פון וואָלפנפעל. (און פון זיי איז נאָכדעם ארויסגעקומען די מאָדע צו טראָגן פוטערנע מאַנטלען.)

2

אַ צונג ווי אַ לאָפּעטע

חיים און געצל האָבן זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס משה האָט דערציילט און האָבן זיך די גאַנצע מעשה גוט אריינגענומען אין קאָפּ. ווען משה האָט געענדיקט רופט זיך אָן חיים:

— דיין שוועסטערקינד איז טאַקע אַ גיבור. און אַ פּאָר אויערן ווי די טויערן — איז טאַקע מאָדנע. אָבער וואָס פאַר אַ קונץ איז עס אויסלייגן אַ טשאַטע וועלף?

— אָט, איך האָב אַ שוועסטערקינד, האָט ער אָט אַזאַ גרויסע צונג! — אַזוי גרויס, אַז מען קאָן אויף איר אפילו ניט זאָגן „אַ צונג ווי אַ לאָפּעטע" ווייל זי איז גרעסער פון אַ לאָפּעטע און שאַרפער פון אַ שווערד.

וואָס זשע זאָל דאָ מיין שוועסטערקינד טאָן מיט אַזאַ גרויסער צונג? זי וואָלט זיך דאָך אים געפּלאָנטערט אין די פיס? איז קאָן טאַקע זיין צונג זיך צוזאַמענקנוילען אין אַ רעדעלע אַזוי, אַז מיין שוועסטערקינד קאָן זי איינגאַנצן באַהאַלטן אין מויל. אָבער מיט אַ גרויסער צונג קאָן מען זיך לאַנג ניט באַהאַלטן, ווייל זי לאָזט פון זיך הערן.

היינט, אַז קינדער דערוויסן זיך פון אַזאַ סאָרט צונג, קלייבן זיי זיך אַרום פון גאָר דער וועלט און נעמען טאַנצן און זינגען:

קלינג, קלינג, קלאַנג!
אַז אַ צונג איז לאַנג,
זינגען מיר אַזוי,
זינגען מיר אַזוי: —

גרויסע צונג,
לאַנגע צונג,
טו אַ נאַש,
טו אַ שלונג.
טו אַ קלונג
— אין טיען־טסין —
וועט דערהערן
גאַנץ קירין.

וועט מען זינגען
אין כאַרבין,
אַז אַ צונג
האָט געטאָן אַ קלונג

אין טיען־טסין,
האָט דערהערט עס
גאַנץ קירין.

קלינג, קלינג, קלאַנג!
אַז אַ צונג איז לאַנג,
זינגען מיר אַזוי!
זינגען מיר אַזוי!

היינט, אַז מענטשן דערהערן ווי קינדער טאַנצן און זינגען, קומט מען דאָך צוגיין זען וואָס דאָס איז. איז ווי נאָר די מענטשן דערזעען מיין שוועסטערקינדס צונג, אזוי נעמען זיי זיך וואונדערן און זיך וויצלען:

— נו אַ צונג!
— ווי פון לויתן אַ לונג!
זאָגט מיין שוועסטערקינד:
— וואונדערן איז ניט באַוואונדערן.
וואונדערן זיך די מענטשן נאָך מערער און זאָגן:
— זע נאָר א צינגל!
— שאַרף ווי אַ שווערד און קיילעכדיק ווי אַ רינגל!
— ער וועט באַווייזן וואונדער מיט זיין צינגל!

און מיין שוועסטערקינד האָט טאַקע געקאָנט אויפטאָן וואונדער מיט זיין צונג: ער האָט מיט איר געקאָנט וועלטן באַשאַפן און וועלטן אומברענגען; ער האָט זי געקאָנט צוזאַמענדרייען ווי אַ טרייבל און אויף איר אויסשפּייפן אַלערליי זאַכן — פונקט ווי אויף אַ פלייט. ער האָט מיט זיין צונג געקאָנט אויסטריקענען ימען און גאַנצע טייכן פאַרטראָגן ביז עק וועלט און זיי דאָרט אראָפּגיסן

אין דער ליידיקער אייביקייט אַריין; און ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער מיט איין פּיר מיט דער צונג געקאָנט אַ גאַנצן וואַלד אויסהאַקן און אַלע חיות פון וואַלד אויסהרגענען. נאָר צו וואָס עפּעס טויטן לעבעדיקע באשעפענישן? וויל טאַקע מיין שוועסטערקינד דאָס ניט טאָן.

איינמאָל, זומער צייט, לאָזט זיך מיין שוועסטערקינד אין אַ וויַיטן וועג אַריין. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען קעניגן און פּרינצן זיינען נאָך געווען אין דער מאָדע. גייט ער זיך אַזוי איבער די געלע זאַמדיקע וועגן צווישן די זוניקע פעלדער, האָט צוזאמענגעדרייט זיין צונג אין אַ טרייבל און פייפט אויף איר אויס אלערליי לידעלעך.

גייט ער אַזוי און גייט, ביז ער האָט דערזען פון דער וויַיטן אַ גרויסע וויַיסע פעסטונג. טראַכט זיך מיין שוועסטערקינד: ווען ער וויל נאָר, טוט ער איין פּיר מיט דער צונג, און פון דער גרויסער וויַיסער פעסטונג בלייבט אפילו קיין סימן ניט. נאָר צו וואָס זאָל ער דאָס טאַקע טאָן? דאָרטן וואוינען דאָך מיסטאָמע מענטשן? טוט ער דאָס טאַקע ניט און גייט זיך וויַיטער זיין וועג צווישן די זוניקע פעלדער און פייפט זיך וויַיטער זיינע לידעלעך.

מיטאַמאָל דערהערט ער, ווי מען שרייט הינטער אים:

— העי, לאָז פון וועג!

וואונדערט זיך מיין שוועסטערקינד: ווער קאָן דאָס דאָרטן גיין הינטער אים? דער וועג איז, דאַכט זיך, ברייט גענוג, און דאָך שרייט מען:

„העי, לאָז פון וועג!"
ניט אַנדערש, אז דאָרטן גייט אַ ריז —
אַ גרויסער ריז,

מיט גרויסע הענט
און גרויסע פיס;
מיט גרויסן קערפּער —
ברייט און הויך!
מיט אַ פּנים —
בלוי ווי רויך;
מיט אַ נאָז —
ווי אַ מויער;
מיט אַ מויל —
ווי אַ טויער.

אָט אַזוי מאָלט זיך מיין שוועסטערקינד דעם ריז, וואָס גייט הינטער אים, און ער האָט גאָר קיין מורא ניט. ווייל וואָס האָט ער וואָס מורא צו האָבן ווען ער האָט זיין צונג מיט זיך? גרייט ער טאַקע אָן זיין צונג און טוט זיך אַ דריי אויס גרייט צו באַגעגענען דעם געפערלעכסטן שונא און —

טרעפט וואָס ער האָט דערזען?

ער האָט דערזען, סע גייט אַ מענטשעלע — נאָך גאָר א יונגינקער, אַ דאַרינקער, אַ קליינינקער, מיט גאָלדענע קנעפּ און מיט גאָלדענע בענדעלעך אויף דער ברוסט און אויף די אַקסלען.

דערזען אַזאַ פאַרשוין, צעלאַכט זיך מיין שוועסטערקינד און פרעגט אים:

— דאָס האָסטו געשריען

„העי, לאָז פון וועג?"

ענטפערט קורץ דאָס קליינע מענטשעלע מיט די גאָלדענע קנעפּלעך:

— יאָ, ס׳האָב איך! און הער בעסער אויף לאַכן!

צעלאַכט זיך מיין שוועסטערקינד נאָך מער און פרעגט ווייטער:
— און ווער ב י ס ט ו דאָס אזוינס?!
ווערט דאָס מענטשעלע מיט די גאָלדענע קנעפּלעך אַן אָנגעצונדענער, וואָס מע פרעגט אים אַזאַ פראַגע — (פּרינצן ווערן אָנגעצונדן זייער גרינג) — און שרייט אויס מיט שטאָלץ:
— איך בין פּרינץ גלימבגאָן, פון קעניגרייך טאַרטאַוועט!
פרעגט אים מיין שוועסטערקינד איבער:
— ווי? פּרינץ גוילעמהאָן? פון קעניגרייך טאָרטנטריט?
ווערט דער פּרינץ אַן אויפגעקאָכטער — (פּרינצן ווערן אויפ־געקאָכט זייער גיך) — און צעשרייט זיך מיט צאָרן:
— ניין! ניין! ניט גוילעמהאָן! ניט טאָרטנטריט! נאָר — פּרינץ ג ל י מ ב ג אָ ן פון קעניגרייך ט־אַ־ר־ט־אַ־ו־ע־ט!
מאַכט מיין שוועסטערקינד:
— אזוי? פּרינץ גלימבגאָן?! טע־טע! פון קעניגרייך טאַרטאַוועט?! טע־טע־טע!
שרייט דער פּרינץ נאָך אַלץ מיט צאָרן — (אַנדערש קאָן אַ פּרינץ ניט שרייען):
— יאָ! יאָ! און איך באַפעל אויפהערן לאַכן! און אויפהערן חוזק מאַכן! און גלייך לאָזן פון וועג!!
היינט גיי לאַך ניט, ווען אַזאַ קליין מענטשעלע שרייט — „איך באַפעל אויפהערן לאַכן".
האָט זיך טאַקע מיין שוועסטערקינד נאָך מערער צעלאַכט און האָט געזאָגט:
— לאַכן, וועל איך לאַכן וויפיל איך וועל וועלן, און דער וועג איז נאָך אַ שיין ביסל צו ברייט פאַר אַזאַ קליין מענטשעלע ווי דו ביסט.

דאָ האָט דער פּרינץ שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן די באַליידיקונג. ער האָט ארויסגעכאַפּט זיין שווערד און זיך אַ לאָז געטאָן צו מיין שוועסטערקינד.

דער פּרינץ האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז מיין שוועסטערקינד פאַרמאָגט אַ צונג, וואָס איז גרעסער פון א לאָפּעטע און שאַרפער פון אַ שווערד. איז ווי נאָר דער פּרינץ האָט זיך פאַרמאָסטן מיט זיין שווערד, אַזוי האָט מיין שוועסטערקינד — בלויז מיטן שפּיץ צונג — אים דערלאַנגט אַזאַ פּאַטש אין פּנים אַריין, אַז ער איז פאַרפלויגן געוואָרן אין דער ווייטער ווייסער פעסטונג אַריין און איז אַרונטערגעפאַלן פונקט לעבן דעם טראָן פון זיין טאַטן, דעם קעניג טעוואטראַטאַ, פון קעניגרייך טאַרטאַוועט.

אַז דער קעניג טעוואַטראַטאַ פון קעניגרייך טאַרטאַוועט האָט דערזען זיין זון, דעם פּרינץ גלימבגאָן, אַרונטערפאַלנדיק לעבן זיין טראָן, פרעגט ער אים:

סטייטש ?!

ווי אזוי ?!

און פאַרוואָס ?!

דערציילט אים פּרינץ גלימבגאָן אַלצדינג.

אַז דער קעניג האָט דערהערט אַזאַ מעשה, האָט ער אָנגעהויבן קאָכן ווי אַ קעסל, זיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדן מיט א פינצטערן כעס און ער האָט גענומען שרייען און צוטופּן מיט די פיס:

— הערן!

הערן!

הערן!

דאָס קעניגרייך זאָל הערן!

טאַרטאַוועט זאָל הערן ! —
דער
וואָס האָט געוואָגט
באַליידיקן
מיין זון,
דעם פּרינץ גלימבגאָן,
פון קעניג טעוואַטראַטאַ,
וואָס קעניגט איבערן קעניגרייך טאַרטאַוועט, —
דער יעניקער
זאָל
מיט זיין לעבן באַצאָלן !
דאָרט,
אויפן אָרט,
וואו ער שטייט,
וואו ער גייט !
איך,
קעניג טעוואַטראַטאַ,
פון קעניגרייך טאַרטאַוועט,
באַפעל
אויפן שטעל
צו מיינע דרייסיק ריטער,
טאַרטאַוועטס בעסטע היטער : —
דעם שונא דעריאָגן
און
צום טויט אים דערשלאָגן !

אין אַ ווײַלע אַרום זעט טאַקע מיין שוועסטערקינד, ווי ס'פאָרן דרײַסיק שטאַרקע ריטער אויף דרײַסיק גרויסע שוואַרצע פערד, אַלע באַפּאַנצערט מיט זילבערנע פּאַנצערס, אַלע באַוואָפנט מיט לאַנגע שוואַרצע לאַנצן אין זייערע רעכטע הענט, און מיט גרויסע גאָלדענע שוצטעלער אין זייערע לינקע הענט.

ווי נאָר די ריטער דערזעען מיין שוועסטערקינד, שרײַען זיי אויס:

— דאָס ביסטו דער יעניקער וואָס האָט באַליידיקט אונדזער פּרינץ גלימבגאָן, דעם זון פון אונדזער קעניג טעוואָטראַטאַ, פון קעניגרײַך טאַרטאַוועט?!

זאָגט מיין שוועסטערקינד:

— יאָ, ס'האָב איך.

שרײַען אויס די דרײַסיק ריטער:

— דאַן גרייט זיך!!!

זאָגט מיין שוועסטערקינד:

— איך בין אַלעמאָל גרייט.

רופן זיך אָן די ריטער:

— קלייב אויס איינעם פון אונדז מיט וועמען דו ווילסט קעמפן, און דער איינער וועט מיט דיר קעמפן!

זאָגט מיין שוועסטערקינד:

— מיך אַרט ניט, אַז איך וועל מיט אײַך אַלעמען אויף אַמאָל קעמפן!

ווערן די דרײַסיק ריטער אָנגעצונדענע — (ריטער מוזן זיין געראָטן אין זייערע פּרינצן און מוזן זיך אָנצינדן זייער גרינג) און שרײַען אויס אין איין קול:

— אזא באַליידיקונג!

— א ז א ב אַ ל י י ד י ק ו נ ג!!!

— אַ ז אַ ב אַ ל י י ד י ק ו נ ג!!!!!

און זיי טוען זיך אַ לאָז מיט זייערע לאַנגע שאַרפע לאַנצן גלייך אויף מיין שוועסטערקינד.

טראַכט מיין שוועסטערקינד ניט קיין סך און טוט אַ קייקל פאַנאַנדער זיין צונג און — גיט נאָר איין פיר איבער די דרייסיק בראַווע ריטער, אַזוי זיינען זיי אַלע, מיט די פערד און מיט די שפּיזן, פאַרפלויגן געוואָרן גלייך אין דער ווייטער ווייסער פעסטונג אַריין און זיינען שוין מער אַנטקעגן מיין שוועסטערקינד ניט אַרויס־געקומען.

מיין שוועסטערקינד האָט געוואַרט און געוואַרט, טאָמער וועט דער קעניג טעוואַטראַטאַ אַנדערע קעגן אים ארויסשיקן, נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז פון דער ווייסער פעסטונג קומט שוין מער קיינער ניט אַרויס, האָט ער אויסגערופן:

— זיסע חלומות אייך, העלדן פון קעניגרייך טאַרטאַוועט!

און ער האָט זיך ווייטער געלאָזן אין וועג אַריין און גענומען אויספייפן לידעלעך מיט זיין צונג.

3

אַ נאָז ווי אַ שלאַנג צען מייל לאַנג

ווען חיים האָט געענדיקט דערציילן רופט זיך אָן געצל:

אַ צונג ווי פון לויתן אַ לונג — איז טאַקע מאָדנע. אָבער וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט עס בייצוקומען דרייסיק ריטער מיט אַזאַ לאַנגער צונג?

אָט, האָב איך א שוועסטערקינד, האָט ער אָט אַזאַ לאַנגע נאָז! לאַנג — ווי אַ שלאַנג, צען מיין לאַנג, און ברייט — ווי אַ ברעט!

וואָס זשע זאָל דאָ מיין שוועסטערקינד טאָן, אַז ער האָט אַזאַ לאַנגע נאָז? זי וואָלט זיך דאָך אים געפּלאָנטערט אין די פיס! האָט זיך טאַקע די נאָז געקאָנט אַזוי צוזאַמענוויקלען, אַז זי איז ביי אים געהאַנגען ווי אַ קנויל פּונקט אין מיטן פּנים.

היינט, אַז קינדער דערזעען אַזאַ סאָרט נאָז, קלייבן זיי זיך דאָך אַרום פון גאָר דער וועלט און נעמען טאַנצן און זינגען:

לאַנגע נאָז!
גרויסע נאָז!
צווישן גראָז
שפּרינגט אַ האָז —
שפּרינג און שפּרונג
ער שפּרינגט;
זינג און זונג
ער זינגט.
שפּרינגט אַרום,
זינגט אַרום,
און בלייבט זיצן שטום.
דרייט דער האָז זיין נאָז אַהער —
גר, גר, גר! — קומט אַ בער.
דרייט דער האָז זיין נאָז אַהין —
זום, זום, זום! — קומט אַ בין.

קומט אַ בין,
קומט אַ בין — סתם.
קומט אַ בער,
קומט אַ בער — ה־אַ־ם!

היינט אַז מענטשן דערהערן ווי קינדער טאַנצן און זינגען, קלייבט מען זיך דאָך אַרום זען וואָס דאָ איז, איז ווי נאָר זיי דערזעען מיין שוועסטערקינדס נאָז, אַזוי נעמט מען שפּעטן און לאַכן און זיך פריילעך מאַכן:

— זע! זע נאָר א נאָז!

— ווי אַ שפּרונג פון אַ האָז.

— ווי אַ שפּרונג פון אַ האָז? גיי שוין, גיי, ביסט אַ קאַרגער! סאיז אַ נאָז ווי אַ שלאַנג צען מייל לאַנג!

— בלויז צען מייל? איך שווער ביי מיין קאַפּאָטע מיט די קורצע פּאָלעס, אַז זי איז לאַנג ווי דער יידישער גלות.

לאַכן די מענטשן.

זאָגט מיין שוועסטערקינד:

געלאַכט איז ניט באַטראַכט.

צעלאַכן זיך די מענטשן נאָך מער און זאָגן:

וואָס איז דאָ פאַראַן צו באַטראַכטן און וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו הערן? אַז ניט געטראַכט און ניט געדאכט זאָל עס ווערן!

אָבער קיינער פון די מענטשן האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס מיין שוועסטערקינד קאָן אויפטאָן מיט זיין נאָז. ווען ער האָט די נאָז אָנגעשטעלט אַנטקעגן דער וועלט, אַזוי האָט ער גלייך געקאָנט דערשמעקן וואָס פאַר אַ קאַשע עס קאָכט זיך אויף דער וועלט; און אַז ער האָט געוואָלט, האָט ער אויף זיין נאָז געקאָנט אויסשפּילן

אַלערליי זאַכן — פונקט ווי אויף אַ קלאַרנעט; ער האָט מיט זיין נאָז געקאָנט די ערד גראָבן; און ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער מיט איין דריי מיט דער נאָז געקאָנט וועלטן איבערקערן! איז צו וואָס עפּעס זאָלן זיך וועלטן איבערקערן אומזיסט און אומנישט? — וויל טאַקע מיין שוועסטערקינד דאָס ניט טאָן.

איינמאָל, אין אַ פרילינג — דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען מע האָט געפונען גאָלד אין אַמעריקע — דערשמעקט מיין שוועסטערקינד, אַז מענטשן לאָזן זיך לויפן — ווער מיט שיפן און ווער מיט פערד — אין דער ווייטער „וועסט" אַריין.

פרעגט מיין שוועסטערקינד:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געלויף?

זאָגן די מענטשן:

— ס'איז אַ געלויף נאָך גאָלד. גאָלד ליגט אויף די בערג און אין די טאָלן צעלייגט און וואַרט, אַז מע זאָל עס קומען נעמען.

פרעגט מיין שוועסטערקינד:

— אויף וועלכע בערג? אין וואָסערע טאָלן?

זאָגן די מענטשן:

— אין די סיערע בערג! אין טאָל פון סאַקראַמענטאָ.

ווייסט דאָך מיין שוועסטערקינד וואו די סיערע בערג זיינען און וואו דער טאָל פון סאַקראַמענטאָ איז, טראַכט ער זיך: זאָלן זיי לויפן, זיי וועלן סיי ווי סיי פריער פון אים ניט קומען. און אַז מיין שוועסטערקינד טראַכט, ווייסט ער וואָס ער טראַכט, ער נעמט זיך זיין קליין אייזעלע, פּאַקט אַיין אַלע זאַכן וואָס ער דאַרף איינפּאַקן און לאָזט זיך פּאַמעלעך אין וועג אַריין.

דער וועג ציט זיך אַ רויטער, אַ זאַמדיקער, דורך פעלדער און דורך וועלדער, דורך בערג און דורך טאָלן.

גייט זיך מיין שוועסטערקינד איבערן וועג, פירט פּאַר א שטריקל דאָס אייזעלע און שפּילט אויס אַלערליי לידעלעך אויף זיין נאָז. און אַזוי גייענדיק איז ער צוגעקומען צו זייער אַ גרויסן באַרג, וואָס ציט זיך אויף מיילן און מיילן אין דער בלויער ווייטקייט אַריין, און דער וועג ציט זיך און שלענגלט זיך ביים פוס פון באַרג און רינגלט דעם באַרג אַרום.

וואָס־זשע זאָל דאָ מיין שוועסטערקינד טאָן? גיין מיטן וועג — וועט נעמען צו לאַנג; ניט גיין מיטן וועג — איז וואָס טוט מען מיטן באַרג? ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער געקאָנט מיט דער נאָז דעם באַרג דורכגראָבן און זיך רואיק גיין זיין וועג אונטערן באַרג, נאָר צו וואָס גראָבן די ערד מיט דער נאָז, אַז ער קאָן דאָך גיין איבערן באַרג. טראַכט טאַקע מיין שוועסטערקינד ניט לאַנג: ער טוט אַ נעם דאָס אייזעלע ביים שטריקל און לאָזט זיך גיין באַרג ארויף.

גייט מיין שוועסטערקינד באַרג אַרויף און באַרג אַרויף, אַלץ העכער און ווייטער באַרג אַרויף. ערשט איצט דערזעט ער ווי גרויס דער באַרג איז: ווי ער ציט זיך אויף מיילן און מיילן אין דער לענג און אין דער ברייט. ווערט מיין שוועסטערקינד אַזוי גוט און פריילעך אויפן האַרצן, וואָס ער איז ניט געגאַנגען אַרום־און־אַרום באַרג, אַז ער נעמט זיך אויסשפּילן אַ פריילעכס אויף דער נאָז.

גייט ער זיך אַזוי און שפּילט, און זעט גאָר ניט, וואָס פּאַר זיינע אויגן טוט זיך. מיטאַמאָל האָט זיך דאָס אייזעלע געגעבן אַ שטעל אָפּ, האָט זיך אַיינגעשפּאַרט מיט די פאָדערשטע פיס אין דער ערד און — ניט פון אָרט. טוט מיין שוועסטערקינד אַ קוק פאַרוואָס דאָס אייזעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט דערזען, אז ער שטייט

ביים ברעג פון זייער אַ טיפן אָפּגרונט, ווען ער טוט נאָר נאָך איין טראָט, וואָלט שוין געווען נאָך אים. און ס׳איז טאַקע נאָר אַ נס, וואָס ער איז צום אָפּגרונט ניט אַראָפּגעפאַלן!

וואונדערט זיך מיין שוועסטערקינד, וואָס דאָס אייזעלע האָט אים געראַטעוועט זיין לעבן, און ער זאָגט צו זיך אַליין:

— וואָס איז דאָ דער חידוש, אַז איך בין א געשטראָפטער; אַז דאָס אומגליק העננגט מיר פון מיטן פנים אַראָפּ; אַז איבער מיין נאָז זע איך די וועלט ניט!

אָבער, אין דער אמתן, איז מיין שוועסטערקינד שוין גאָר ניט געווען קיין געשטראָפטער. און זיין נאָז איז פאַר אים שוין גאָר ניט געווען קיין אומגליק. ווייל אָט וועט איר באַלד הערן, וואָס פאַר אַ גרויסע וואונדער ער האָט מיט זיין נאָז אויפגעטאָן.

אַז מיין שוועסטערקינד האָט זיך גענומען באַטראַכטן, וואָס דאָס איז פאַר אַן אָפּגרונט, האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַ ברייטער גראָבן, וואָס ציט זיך אויף מיילן און מיילן ווייט און צעטיילט דעם באַרג אין צווייען. און אונטן, אויפן דעק פון אָפּגרונט, אַזוי טיף, אַז מע קאָן קוים זען, שפרינגט און טאַנצט אַ דין ווייס פּאַסיקל איבער דער גאַנצער לענג פונעם אָפּגרונט. פאַרשטייט שוין מיין שוועסטערקינד, אַז דאָס דינע ווייסע פּאַסיקל איז אַ שטורמדיק וואַסער, וואָס שוימט און קאָכט אויפן דעק פונעם אָפּגרונט; און אַז דער ריזיקער באַרג-שפּאַלט איז דאָס דער באַוואוסטער „גרענד קעניאָן״, וואָס קיינער קאָן איבער דעם ניט אַריבער און קיינער קאָן איבער אים קיין בריק ניט בויען.

וואָס זשע זאָל דאָ מיין שוועסטערקינד טאָן? ער מוז דאָך גיין זיין וועג? האָט ער טאַקע לאַנג ניט געטראַכט, און האָט געגעבן אַ ווינקל פאַרנאַנדער זיין נאָז, און זי געגעבן אַ לייג-אויס

איבער דער גאַנצער ברייט פונעם „גרענד קעניאָן" אַזוי, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי אַ בריקל איבער צוויי זייער הויכע ווענט.

פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם, טוט ער אַ באַפעל זיין אייזעלע — „גיין!"

און אַן אייזל אַז מען הייסט — טוט עס וואָס מען הייסט. האָט זיך דאָס אייזעלע געשטעלט אויף מיין שוועסטערקינדס נאָז און איז אַריבער דעם „קעניאָן" ווי איבער אַ בריקל. אַז דאָס אייזעלע איז שוין געווען אויף יענער זייט, נעמט מיין שוועסטערקינד, שטעלט זיך אליין אויף זיין אייגענער נאָז און גייט אויך אַריבער דעם „קעניאָן" ווי איבער אַ בריקל.

ווען מיין שוועסטערקינד איז אַריבער דעם „קעניאָן", האָט ער צוריק צונויפגעקייקלט זיין נאָז — גלייך ווי גאָרניט געווען — און זיך גלייך געלאָזן ווייטער אין וועג אַריין. דאָ איז שוין דער וועג געווען אַ גרינגער, ווייל איצט איז אים שוין אויסגעקומען גיין כסדר באַרג אראָפּ. און טאַקע באַלד — גאָר ווי אומגעריכט — איז ער אָנגעקומען אין טאָל פון סאַקראַמענטאָ אַ סך פריער פון אַלע אַנדערע.



זייערע זיידעס

1) מיט איין שטאָך באַנייט ער אַ גאַנץ שטעטל.

2) מאַכט אַזאַ פּאָר שיך, אַז אַ גאַנץ שטעטל קאָן אין זיי גיין.

3) מאַכט אַזאַ בעט, אַז אַ גאַנץ שטעטל קאָן אין דעם שלאָפן.

1

מיט איין שטאָך באַנייט ער אַ גאַנץ שטעטל

משה, חיים און געצל זיינען געגאַנגען איבער די גאַסן פון דער איסט־סאַיד, אין ניו יאָרק, האָבן באַקוקט און באַטראַכט אַלצדינג — געזען ווי דער שניידער אַרבעט, ווי דער שוסטער אַרבעט, ווי דער סטאָליער אַרבעט — און זיך גענומען באַרימען איינער פאַרן אַנדערן.

היינטיקס מאָל האָבן זיי זיך באַרימט מיט זייערע זיידעס.

משה האָט געזאָגט: איך האָב געהאַט אַ זיידן, איז ער געווען אַ שניידער, האָט ער געהאַט אַזאַ גרויסע נאָדל, אַז מיט איין שטאָך האָט ער געקאָנט באַנייען אַ גאַנץ שטעטל. האָט ער טאַקע נאָכדעם קיין אַרבעט ניט געהאַט, איז וואָס זאָל ער דאָ טאָן? ער דאַרף דאָך פאַרדינען. מען גיט דאָך קיין זאַך ניט אומזיסט. האָט ער זיך געלאָזן אין אַנדערע שטעטלעך אַריין זוכן אַרבעט.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען קיין דאַמף־שיפן און קיין באַנען זיינען נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. נאָר צו וואָס האָט מיין זיידע באַדאַרפט אַ באַן אָדער אַ שיף? וואָרים אַז ער האָט זיך געלאָזן גיין, איז די ערד געפלויגן אונטער זיינע פיס; און אַז ער האָט זיך געלאָזן שווימען, איז דאָס וואַסער געלאָפן אונטער אים אַזוי, אַז נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן, איז ער שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט טייך.

איינמאָל גייט זיך אַזוי מיין זיידע פון שטעטל צו שטעטל — זיין גרויסע שער הענגט איםביים זייט פון גאַרטל אַראָפּ ווי אַ שווערד, זיין גרויסע נאָדל טראָגט ער איבערן אַקסל פאַרוואָרפן ווי אַ ביקס — גייט ער אַזוי און זינגט זיך אונטער אַ שניידער־לידל, כדי אים זאָל זיין פריילעכער דער וועג.

גייט ער אַזוי דורך באַרג און דורך טאָל, דורך פעלד און דורך וואַלד, און באַמערקט גאָרניט, ווי אַ גרויסער ברוינער בער גייט אים נאָך פוס־טריט, גנבעט זיך הינטער אים מיט ווייכע טריט, ווי אַ קאַץ, און וויל אים אויפעסן.

פונקט דעמאָלט פאַרגלוסט זיך מיין זיידן אַ שמעק טאַביק. שטעלט ער זיך אָפּ, — ער ווייס דאָך ניט וואָס הינטער אים טוט זיך, — שטעקט אַריין די נאָדל אין דער ערד, און נעמט זיך אַ שמעק טאַביק.

דערווייל האָט זיך דער בער צוגעשאַרט גאַר נאָענט הינטערן זיידן, געעפנט אַ גרויס מויל און — אָט שלינגט ער אים איין! אָבער פונקט אין דער מינוט האָט מיין זיידע אַ שמעק געטאָן דעם טאַביק. איז עס דעם בער אַזוי פאַרגאַנגען אין נאָז, אַז ער האָט אָנגעהויבן ניסן.

אַז מיין זיידע האָט דערהערט ווי עמיצער ניסט הינטער אים, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין נאָדל און זיך געגעבן אַ דריי אום מיט אַ געשריי:

— ווער ניסט! . . . אַ־אַ־זוי ?! מאַכט דער זיידע, ווען ער האָט דערזען דעם בער, — ס׳איז ר׳ בער ?!

און מיין זיידע האָט זיך ניט דערשראָקן. דערזען, אַז דער בער ניסט, האָט ער גלייך געגעבן אַ צילע אַריין אַ גראָבן פאָדעם אין דער נאָדל, אַ כאַפּ געטאָן דעם בער פאַרן עק (דעמאָלט האָבן נאָך

די בערן געהאַט לאַנגע עקן), צוגעשלעפּט צו אַ בוים און אים צוגעניט דעם עק צום בוים.

פאַרטיק געוואָרן, פאַרנייגט זיך מיין זיידע פאַרן בער און זאָגט:

אַ גוטע נאַכט דיר, ר' בער. אַז דו וועסט זיך אויסניסן, וועט דיר גרינגער ווערן אויפן האַרצן און שווערער אויפן עק. און געדענק, — פאַרענדיקט מיין זיידע מיט אַ גאַליציאַנער גראַם (ווייל צו אַ בער מוז מען ריידן אויף גאַליציאַנער שפּראַך):

זאָלסט שראַיען און היילן
און דיין בערן־פּאָלק פאַרציילן.
וועלן זיי קינדס־קינדער פאַרזוגן:
נאָך אַ שנאַדער זיך ניט יוגן.

און מיין זיידע האָט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין, און טאַקע גאָר אין גיכן איז ער אָנגעקומען אין אַ שטעטל.

2

מאַכט אַזאַ פאָר שיך, אַז אַ גאַנץ שטעטל קאָן אין זיי גיין

ווען משה האָט געענדיקט, רופט זיך אָן חיים:

צונייען א בער מיטן עק צו אַ בוים איז פון די גאָר קליינע וואונדער. איך האָב שוין פון גרעסערע חידושים געהערט.

אָט, איך האָב געהאַט אַ זיידן, איז ער געווען אַ שוסטער, האָט ער געהאַט אַזאַ גרויסע אָל, אַז מיט איין שטאָך האָט ער פאַרטיק געמאַכט אַ פאָר שיך.

אָבער אין יענעם שטעטל, וואו מיין זיידע האָט געוואוינט, האָט איין פּאָר שיך באַשוכט דאָס גאַנצע שטעטל. די מענטשן זיינען געווען זייער אָרעם, האָבן זיי אַזוי געטאָן: זיי האָבן זיך געלאָזט מאַכן איין פּאָר שיך, וואָס זאָלן פּאַסן יעדן איינעמס פוס, און די שיך האָבן זיי אַוועקגעשטעלט ביים שטאָט־באַלעבאָס אויפן גאַניק. ווען איינער האָט געדאַרפט ערגעץ גיין, איז ער געקומען צום שטאָט־באַלעבאָס אויפן גאַניק, אָנגעטאָן די שיך און איז געגאַנגען. פּאַרטיק געוואָרן מיטן גאַנג, האָט ער די שיך צוריק־געבראַכט צום שטאָט־באַלעבאָס אויפן גאַניק.

וואָס זשע האָבן די מענטשן געטאָן, ווען צווייען האָבן געדאַרפט ערגעץ גיין אין דערזעלביקער צייט? נו, איז וואָס? האָט טאַקע מיין זיידע געמאַכט די שיך אַזוי קונציק, אז צווייען זאָלן אין זיי קאָנען גיין אין דער זעלביקער צייט. מיין זיידע האָט דערציילט, אַז ער אַליין האָט געזען ווי איינמאָל זיינען דרייען געגאַנגען אין די זעלביקע שיך, און ס'איז קיין וואונדער ניט, ווייל פון יענעם שטעטל קומט דאָס ווערטל:

„איין פּאָר שיך אויף גאַנץ קאַמאַרין".

און איינמאָל איז טאַקע געשען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען אין איין פּאָר שיך. געווען איז דאָס אַזוי: אין שטעטל האָט געדאַרפט קומען אַ זייער געהויבענער גאַסט, איז ווי גייט מען עס באַגעגענען אַזאַ געהויבענעם גאַסט באַרוועסערהייט? האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל געגעבן אַ שטעל אַריין אין דער איין פּאָר שיך — פריער די קלענערע, הינטער זיי די גרעסערע און גאָר צולעצט די גאָר הויכע מענטשן — און מע איז מיט ווירדע געגאַנגען באַגעגענען דעם געהויבענעם גאַסט.

היינט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל גייט אין איין פּאָר שיך, האָט דאָך מיין זיידע ניט וואָס צו טאָן, האָט ער זיך אויפגעהויבן, גענומען די אָל אויפן אַקסל — ווי אַ ביקס, דעם קאַפּול מיט די דראַטוועס אין אַ זעקל אַריין, און זיך געלאָזט גיין פון שטעטל צו שטעטל זוכן אַרבעט.

אַ גייער איז ער געווען אַ גוטער — פונקט ווי משהס זיידע: און אַ שווימער — נאָך אַ בעסערער, ווייל נאָך איידער ער האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין וואַסער, איז ער שוין געשטאַנען אויף יענער זייט טייך.

גייט ער זיך אַזוי דורך בערג און דורך טאָלן, דורך פעלדער און דורך וועלדער און זינגט אונטער אַ שוסטער לידל פון פריילעכקייט וועגן.

איינמאָל גייט ער אַזוי דורך אַ טיפן וואַלד, טראָגט די אָל אויפן אַקסל און זינגט זיך אונטער אַ לידל. מיטאַמאָל דערהערט ער ווי צווייגעלעך קנאַקן, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיך געיאָגט נאָך אים. גיט זיך מיין זיידע אַ דריי־אום און —

טרעפט וואָס ער האָט דערזען?

ער האָט דערזען דעם בער, דעם זעלביקן בער, וואָס משהס זיידע האָט מיט דער גרויסער נאָדל אים צוגענייט דעם עק צום בוים. דער בער האָט זיך אַזוי לאַנג געריסן און געריסן, ביזוואַנען דער עק האָט זיך אים אָפּגעריסן און געבליבן הענגען אויפן בוים. (און דער עק הענגט נאָך דאָרטן ביזן היינטיקן טאָג. ווער עס גלויבט ניט, קאָן אים גיין אָנקוקן.) און פון דעמאָלט אָן זיינען טאַקע אַלע בערן געבליבן אָן עקן.

היינט, אַז מיין זיידע האָט דערזען ווי דער בער, אַ צעווילדע־וועטער — יאָגט זיך נאָך אים, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: ווען

דער בער זאָל זיך נאָר לאָזן, וואָלט ער אים געקאַנט מיט דער אַל דורכשטעכן און ס׳וואָלט ניט געווען פאַר וואָס מורא צו האָבן. ווי אָבער, אַז דער בער וועט זיך ניט לאָזן? איז טאַקע גלייכער צו לויפן. און מיין זיידע האָט זיך געלאָזט לויפן.

לויפט מיין זיידע און רייצט זיך: ר׳ בער, אומזיסט אייער מי! איר וועט מיך ניט דעריאָגן! ווייל, אַז מיין זיידע האָט זיך געלאָזט לויפן, איז דער וועג געפלויגן אונטער זיינע פיס מיט אַזאַ שנעל־קייט, אַז ס׳האָט געשווינדלט אין די אויגן.

ווי ער לויפט אַזוי, דערזעט ער: אַ ריזיקער העלפאַנט ליגט און שלאָפט. טראַכט מיין זיידע ניט קיין סך, טוט אַ לויף ארויף צום העלפאַנט אויפן קאַרק, טוט אַ שלעפּ צוזאַמען דעם העלפאַנטס אויערן און נייט זיי צוזאַמען מיט אַ דראַטווע, אַזוי, אַז דער העלפאַנט האָט אפילו ניט געפילט וואָס מיין זיידע האָט געטאָן. זיינען דאָך אַ העלפאַנטס אויערן גרויס גענוג, אַז מ׳קאָן פון דעם מאַכן אַ ביידל, האָט זיך טאַקע מיין זיידע אין דעם ביידל באַהאַלטן ביז דער בער איז פאַרבייגעלאָפן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין טיפן וואַלד.

דערווייל האָט זיך דער העלפאַנט אויפגעכאַפּט, און נאָך איידער מיין זיידע האָט צייט געהאַט זיך אַרומקוקן, האָט זיך דער העלפאַנט מיט אים געלאָזן אין וואַלד אַריין צווישן אַלע ווילדע חיות. איז שוין מיין זיידע געבליבן זיצן אינם ביידל ביים העלפאַנט אויפן קאַרק. און טאַקע גוט וואָס ער איז געבליבן זיצן, ווייל, נאָכדעם ווי דער העלפאַנט איז דורכגעגאַנגען דעם וואַלד, איז ער מיט אים אָנגעקומען אין שטעטל.

אַז די מענטשן האָבן דערזען, ווי מיין זיידע פאָרט אין אַ ביידל ביי אַ העלפאַנט אויפן קאַרק, זיינען אַלע געלאָפן אָנקוקן דעם

בייזוואונדער. זיי האָבן אויפגענומען מיין זיידן מיט גרויס כבוד און האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי לאָזן אַביסעלע פּאָרן אויפן העלפאַנט, — האָט ער זיי געלאָזן. און פון דעמאָלט אָן האָבן זיך די מענטשן אויסגעלערנט פאָרן אויף אַ העלפאַנט.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. דער סוף פון דער מעשה — כאָטש קורץ ווי דער בערישער עק — איז פונקט אַזוי שיין ווי דער אָנהויב. הערט נאָר וואָס דאָ איז געשען:

מיין זיידע איז אין יענעם שטעטל פאַרבליבן אויף אַ לענגערער צייט, און אַלע האָבן צו אים געטראָגן שיך צו מאַכן. איז ער געוואָרן אַזוי פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, אַז ער האָט געמוזט האָבן אַן אַרויסהעלפער. און קיין אַרויסהעלפער איז ניט צו קריגן, איז וואָס־זשע זאָל ער דאָ טאָן? האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און האָט אויסגעלערנט שוסטעריי דעם העלפאַנט. האָט איר באַדאַרפט געוועזן זען, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן! פון גאָר דער וועלט האָט מען זיך געלאָזן מיט אַרבעט צו מיין זיידן! און אַלע האָבן געוואָלט זען, ווי דער העלפאַנט זיצט און נייט שיך און זינגט זיך דערביי אונטער א שוסטער לידל. און, איר מעגט מיר גלויבן, ס׳איז טאַקע געווען וואָס צו זען!

דער העלפאַנט איז געווען זייער א גוטער און געטרייער אַרבעטער, האָט זיך טאַקע מיין זיידע מיט אים ניט געוואָלט שיידן און מע האָט געלעבט צוזאַמען ווי אַנדערע צוויי: מע האָט געאַרבעט צוזאַמען, דאָס הייסט מיין זיידע האָט צוגעגרייט און דער העלפאַנט האָט געאַרבעט; מע האָט געגעסן צוזאַמען, דאָס הייסט, מיין זיידע האָט געגעסן געבראָטנס און דער העלפאַנט — שטרוי; מע האָט געוואוינט צוזאַמען, דאָס הייסט, מיין זיידע האָט געוואוינט

אין א שיין הויז און דער העלפאַנט — אין אַ שטאַל! און מע איז געפאָרן צוזאַמען, דאָס הייסט, דער העלפאַנט איז געגאַנגען און מיין זיידע איז געפאָרן ביי אים אויפן קאַרק. און אַזוי האָט מען אָפגעלעבט צוזאַמען אַ שיין שטיקל צייט.

3

מאַכט אַזאַ בעט, אַז אַ גאַנץ שטעטל קאָן אין דעם שלאָפן

ווען חיים האָט געענדיקט, רופט זיך אָן געצל:

צונייען אַ בער מיטן עק צו אַ בוים איז קיין וואונדער ניט; און פאָרן אויף א העלפאַנט — איז קיין נייס ניט. ווייל נאָך איידער די וועלט איז אַ וועלט געוואָרן, זיינען שוין מענטשן געפאָרן אויף העלפאַנטן. זעט איר, מאַכן דעם העלפאַנט פאַר אַ שוסטער איז שוין יאָ אַ שטיקל נייס, אָבער, ווי קומט דאָס צו די וואונדער, וואָס מיין זיידע האָט געקאָנט באַווייזן!

אָט, איך האָב געהאַט אַ זיידן, איז ער געווען אַ סטאָליער, האָט ער געקאָנט מאַכן אַזעלכע קונציקע זאַכן, וואָס מע האָט עס קיינמאָל אין דער וועלט ניט געזען. ער האָט איינמאָל געמאַכט אַזאַ סאָרט בעט, אַז אַ גאַנץ שטעטל האָט אויף דעם געקאָנט שלאָפן. דאָס בעט איז געמאַכט געוואָרן אויף איין מיטלסטן פוס אַזוי, אַז מע האָט עס געקאָנט אַרומדרייען, און ס'איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט געקאָנט דערגרייכן פון איין עק שטעטל ביזן צווייטן. האָט מען טאַקע דאָס גאַנצע שטעטל אויסגעבויט אין אַ קרייז אַרום דעם בעט, און מע האָט געטאָן אַזוי: — ווען אַ הויזגעזינד איז זיך

אויסגעשלאָפן, האָט מען דאָס בעט געטאָן אַ שטופּ, האָט עס זיך צוגעדרייט צו אַן אַנדער הויזגעזינד. און אַזוי האָט זיך דאָס בעט געדרייט פון הויזגעזינד צו הויזגעזינד, ביז דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך אויסגעשלאָפן.

היינט, אַז אַ גאַנץ שטעטל שלאָפט אויף איין בעט, האָט דאָך מיין זיידע קיין אַרבעט ניט, האָט ער צוזאַמענגענומען זיין געצייג און זיך געלאָזט אין אַנדערע שטעטלעך אַריין זוכן אַרבעט.

גייט מיין זיידע אַזוי איבערן וועג, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסן וואַלד. גיין דורך אַ וואַלד איז פאַר מיין זיידן קיין נייס ניט געווען. גייט ער זיך אַזוי דורכן וואַלד און זינגט זיך אונטער אַ סטאָליער־לידל, כדי אים זאָל זיין פריילעכער דער וועג. מיטאַמאָל דערהערט ער הינטער זיך אַ שרעקלעכן געבריל. טוט ער זיך אַ דריי אום און דערזעט, ווי אַ ריזיקער לייב, מיט לאַנגע האָר, מיט אַן אָפענעם מויל, יאָגט זיך נאָך אים. לויפן האָט מיין זיידע געקאָנט גוט. ווען ער האָט זיך נאָר געלאָזט לויפן, איז ער געפלויגן ווי אויף פליגלען, האָט ער זיך טאַקע געלאָזט לויפן.

אָבער דער וואַלד איז טיף אָן אַן עק, און צום לויפן נעמט קיין סוף ניט, איז מיין זיידן איינגעפאַלן אַ געדאַנק: ער איז צוגעלאָפן צו אַ זייער דיקן בוים, געכאַפּט זיין זעג, אויסגעזעגט אַ טיר און איז אַריינגעלאָפן אין בוים. אַז ער איז אַריין אין בוים, האָט ער פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך און — ביז דער לייב איז צוגעקומען, — האָט ער נאָך צייט געהאַט אויסזעגן אַ פענצטער פון איין זייט טיר און אַ לאָך פאַר אַ בריוועקאַסטן — אין מיטן טיר. וואָרים ער האָט געטראַכט: ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט דאַרפן זיצן אין בוים, וועט ער דערווייל קאָנען שרייבן בריוועלעך אַהיים און לאָזן וויסן, וואָס ער מאַכט און וואו ער געפינט זיך.

ער האָט אָבער לאַנג אין בוים ניט געדאַרפט בלייבן. און אָט וועט איר טאַקע באַלד הערן דעם גרויסן וואונדער, וואָס מיין זיידע האָט באַוויזן.

ווי נאָר מיין זיידע איז פאַרטיק געוואָרן מיט אויסשניידן דאָס לאָך אין טיר פאר דעם בריוווקאַסטן, אַזוי איז דער לייב צוגעלאָפן און מיט אַ שרעקלעכן געבריל זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער טיר. די טיר איז אָבער געווען אַייזן־שטאַרק, האָט דער לייב גענומען בייסן מיט די ציין, רייסן מיט די לאַפּעס און קלאַפּן מיט זיין שטאַרקן עק.

און מיין זיידע זיצט אין בוים און לאַכט און רייצט זיך מיטן לייב:

— אומזיסט דיין טרחה, ר׳ לייב, מעגסט רייסן און בייסן און די טיר וועסטו ניט עפענען, ר׳ לייב.

איז דער לייב נאָך מער צערייצט געוואָרן און מיט מער צאָרן גענומען ברילן און נאָך שטאַרקער רייסן מיט די לאַפּעס און קלאַפּן מיט זיין שטאַרקן עק. און ווי דער לייב האָט געהאַלטן אין קלאַפּן מיטן עק אין טיר, האָט ער אָנגעטראָפן אין דעם לאָך, וואָס מיין זיידע האָט אויסגעזעגט פאַר אַ בריוווקאַסטן, אַזוי, אַז דער גאַנצער עק איז אַריין אין בוים. ווי נאָר מיין זיידע האָט דאָס דערזען, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם עק, פאַרבונדן אַ שלייף און אַריינ־געדרוקט אַ שטעקן אין שלייף. דער לייב האָט זיך גענומען רייסן און שרייען און ברילן, אָבער, וואָס מער דער לייב האָט זיך געריסן, אַלץ שטייפער האָט זיך פאַרצויגן דער שלייף און דער לייב האָט זיך מער ניט געקאָנט אַ קער טאָן.

וואָס זאָל דאָ מיין זיידע טאָן איצט? זאָל ער עפענען די טיר, — איז דער לייב גלייך דאָ; ניט עפענען די טיר — מיינט

בלייבן אין וואַלד אײַנגעשפּאַרט אין אַ בוים. האָט ער טאַקע געטאָן אַזאַ זאַך: ער האָט גענומען די זעג און האָט, פון אינעווייניק פון בוים, אַראָפּגעזעגט דעם אויבערשטן טייל בוים, נאָכדעם האָט ער אונטערגעזעגט פון אונטען אַזוי, אַז ער איז געבליבן זיצן אין אַ פּאַרטיקער קיילעכדיקער שטוב מיט אַ טיר און מיט אַ פענצטער. איצט האָט מיין זיידע אָפּגעזעגט פיר רעדער פון בוים און זיי אונטערגעשטעלט אונטער דער שטוב. פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם, האָט ער אַ שמיץ געטאָן דעם לייב, האָט זיך דער לייב אַ ריס געטאָן פון אָרט, מיטגעשלעפּט די שטוב, און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן וועג דורכן וואַלד.

באַלד נאָכן וואַלד איז געלעגן אַ שטעטל. ווען מיין זיידע האָט דערזען דורכן פענצטער, אַז דער לייב האָט אים שוין אַריינ־געפירט אין מיטן שטעטל, האָט ער פאַרהאַלטן די רעדער, האָט דער לייב מער ניט געקאָנט שלעפּן און זיך אָפּגעשטעלט. אַז די מענטשן פון שטעטל האָבן דערזען אַזאַ זאַך, זיינען זיי זיך אָנגעלאָפן אויפן ביי־זוואונדער. זיי האָבן זיך אָבער געשראָקן פאַרן לייב און מורא געהאַט צוצוקומען נאָענט. האָט מיין זיידע גענומען און געמאַכט אַ גרויסע און שטאַרקע שטייג און האָט אַהין אײַנגעשפּאַרט דעם לייב. האָבן זיך די מענטשן אויפגעהערט צו שרעקן.

און מיין זיידע איז שוין אין יענעם שטעטל פאַרבליבן אַ לענגערע צייט, ווייל די מענטשן האָבן אים געגעבן אַ סך אַרבעט.

שיין איז געווען דאָס, וואָס אין גאַנצן שטעטל האָט זיך אפילו קיין איין בעט ניט געפונען. האָט זיך מיין זיידע פאַרנומען בויען דאָס באַרימטע בעט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל זאָל אויף דעם קאָנען שלאָפן. אָבער, צו בויען אַזאַ סאָרט בעט דאַרף מען האָבן אַרויס־העלפער און קיין אַרויסהעלפער זיינען ניט געווען. וואָס זשע זאָל

דאָ מיין זיידע טאָן? האָט ער טאַקע געטאָן דאָסזעלביקע, וואָס חיימס זיידע האָט געטאָן: ער האָט גענומען דעם לייב און אים געמאַכט פאַר אַ סטאָליער. איז דאָס שוין געווען איינמאָל אַ סטאָליער! פון דער גאַנצער וועלט איז מען געפאָרן אָנקוקן ווי דער לייב זעגט ברעטער מיט זיינע לאַפּעס און ווי ער קלאַפּט טשוועקעס מיט זיין שטאַרקן עק.

און דער לייב איז געווען אַ זייער גוטער און געטרייער אַרבעטער. ער האָט געאַרבעט אָן אויפהער טעג מיט נעכט און איז גאָר ניט מיד געוואָרן.

אַז מיין זיידע האָט דערזען וואָס פאַר אַ שווערער אַרבעטער דער לייב איז, האָט ער זיך געטראַכט: צו וואָס נאָך זאָלן צווייען אַרבעטן? איינער איז גענוג. האָט טאַקע מיין זיידע אויפגעהערט אַרבעטן און איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און צוגעקוקט, ווי דער לייב אַרבעט. און דער לייב האָט געאַרבעט און געאַרבעט און אויפגעמאַכט די גאַנצע אַרבעט.

נאָכדעם ווי דער לייב איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער גאַנצער אַרבעט, האָט ער דאָך ניט געקאָנט זיצן ליידיק, האָט ער גענומען און אויסגעבויט אַ גרויס און שיין הויז פאַר מיין זיידן. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם הויז, האָט מיין זיידע אים געוויזן און געהאָלפן בויען אַ גרעסערע און שטאַרקערע שטייג.

און אַזוי האָט מיין זיידע אָפּגעלעבט מיטן לייב אַ לענגערע צייט. און יעדעס מאָל, וואָס דער לייב האָט אויסגעבויט אַ שענער הויז פאַר מיין זיידן, האָט מיין זיידע דערפאַר געמאַכט אַ בעסערע און שטאַרקערע שטייג פאַרן לייב!

זייערע זיידעס און זייערע באָבעס

1) אין ברוינלאַנד.

2) אין שוואַרצלאַנד.

3) אין געללאַנד.

1

אין ברוינלאַנד

משה, חיים און געצל האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער קאָני איילאַנד און האָבן זיך אָנגעזען מיט די אַלע וואונדער, וואָס ס׳איז דאָרט דאָ, און מיט די אַלע קונצן, וואָס מע ווייזט דאָרט. זיי איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דער צירק מיט די קלאָונען און מיט די געלערנטע חיות. אָבער בעסער פון אלץ איז זיי געפעלן געוואָרן די פאָרשטעלונג פון די פאַרזעעניש (freaks) און זיי זיינען ניט אַרויס פון דאָרטן, ביז זיי האָבן די פאַרזעעניש־שפּיל געזען צוויי מאָל.

ווען זיי זיינען אַרויס פון דער פאָרשטעלונג, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט ביים ברעג ים, געקוקט אויף די כוואַליעס, אַ ווײַלע געשוויגן און איבערגעטראַכט די אַלע זאַכן וואָס זיי האָבן געזען און געהערט. נאָכדעם האָבן זיי זיך גענומען באַרימען איינער פאַרן אַנדערן.

היינטיקס מאָל האָבן זיי זיך ווידעראַמאָל באַרימט מיט זייערע זיידעס. משה האָט געזאָגט:

מיין זיידע איז איינמאָל געגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל זוכן אַרבעט. גייט ער זיך אַזוי, ווי געוויינטלעך, מיט זיין גרויסער נאָדל איבערן אַקסל פאַרוואָרפן ווי אַ ביקס, און מיט זיין גרויסער שער ביי דער זייט ווי אַ שווערד און זינגט זיך זיינע פריילעכע שניידער־לידער, כדי דער וועג זאָל אים זיין פריילעכער.

גייט ער אַזוי איבער די וועגן, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסער קייט פון בערג. און אויף די בערג זעט ער, ווי ס׳שטייען דריי מאָדנע פּאַרשוינען, אָנגעטאָן אין לאַנגע שוואַרצע אַבאַיעס, מיט טורבאַנען אויף די קעפּ, און מען שיסט מיט פייל און בויגן אין דער ווייט אַריין.

גייט צו מיין זיידע צו זיי, גיט זיי אָפּ שלום און פרעגט זיי:

— ווי הייסט איר?

— פון וואַנען קומט איר?

— וואָס טוט איר דאָ?

— און צוליב וואָס שיסט איר אין דער ווייט אַריין, איר ווילט שיסן דעם ווינט?

ענטפערן די דריי (פריער צוזאַמען, נאָכדעם יעדערער באַזונדער):

— ווי מיר הייסן? — ווי אמאָל. אמאָל הייסן מיר אַזוי:

— שטייט!

— הערט און זעט!

— און וואונדערט זיך!

— און אַמאָל הייסן מיר, ווי מע רופט אונדז (דאָ פאַרנייגט זיך יעדערער עלעגאַנט):

— מיין נאָמען איז כאַדזשעוואַדזשאַ.

— מיין נאָמען איז טאַדזשעקאַדזשאַ.

— און מיין נאָמען איז נאַדזשעראַדזשאַ.

— מיר קומען פון אינדיע, — מאַכט דער ערשטער.

— מיר זיינען גרויסע שפּרינגער, — פאַלט אַריין דער צווייטער.

און דער דריטער כאַפּט אונטער: — מיר וואַרפן די פיילן, כדי צו זען, צי מיר וועלן קאָנען שפּרינגען —

— אַזוי פלינק, —

— אַזוי הויך, —

— און אַזוי ווייט ווי די ווייטסטע פייל וועט פאלן.

דערהערט אַזוינע רייד, רופט זיך אָן מיין זיידע:

— וואָס איז דאָ פאַראַן איבער וואָס צו וואונדערן זיך? איר זייט גרויסע שפרינגער? נו, איז וואָס? איך בין אויך אַ גרויסער שפרינגער. אָבער צו וואָס טויגן מיר אַייערע פיילן? אָן פיילן קאָן מען דען ניט שפרינגען? איך וועט זיך מיט אַייך, אַז איך קאָן.

רופן זיך אָן אַלע דריי שפרינגער מיטאַמאָל:

— אָן פיילן? איז ווי וועלן מיר ויסן, ווי ווייט צו שפרינגען?

ענטפערט מיין זיידע:

— גאָר פשוט. מיר זיינען דאָ אויף די אַפּאַלאַשן בערג, און דאָרטן, ווייט ביים האָריזאָנט, זעען זיך די הימלקראַצער פון ניו יאָרק, וועלן מיר פון די בערג געבן א שפרונג אראָפּ גלייך אין ניו יאָרק אַריין און מיר וועלן זיך דאָרט טרעפן אין קאָני אַיילאַנד ביים ים.

גיבן זיך די דריי שפרינגער אַ רייד צוזאַמען אויף זייער לשון:

— כאַלי־כאַלי, אַלי־וואַלי?

—אַלי־וואַלי, כאַלי־כאַלי!

— וואַלי־כאַלי, כאַלי־אַלי!

און זיי ענטפערן מיין זיידן אַזוי:

— גוט, מיר זיינען גרייט צו שפרינגען. און אויב דו וועסט געווינען דאָס געוועט, גיבן מיר דיר אונדזערע פייל און בויגן. אויב אָבער דו וועסט פאַרלירן, דאַרפסטו אונדז געבן דיין גרויסע נאָדל.

אַוועקגעבן זיין גרויסע נאָדל, האָט מיין זיידע קיין חשק ניט. איר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ סאָרט נאָדל דאָס איז — אַז מיט איין שטאָך קאָן ער באַנייען אַ גאַנץ שטעטל. אָבער מיין זיידע ווייסט דאָך, אַז ער וועט סיי ווי סיי געווינען דאָס געוועט, זאָגט ער:

— גוט, לאָמיר אָנהייבן.

פאַרמעסטן זיך צוערשט די דריי שפּרינגער מיטאַמאָל און טוען אַ שפּרונג אַלע צוזאַמען. קוקט זיי מיין זיידע נאָך און זעט, ווי זייערע לאַנגע, שוואַרצע אַבאַיעס פלאַטערן אין דער לופטן, ווי דריי שוואַרצע פאָנען, וואָס טראָגן זיך דורך דער הויך איבער שטעט און שטעטלעך פון די אַפּאַלאַשן בערג ביז קיין ניו יאָרק. נאָר אָט דערזעט מיין זיידע, ווי די שפּרינגער האָבן זיך גענומען אראָפּלאָזן אַביסעלע פאר ניו יאָרק, רופט ער זיך אָן:

— איי, אַ שאָד! זיי זיינען גאַנץ גוטע שפּרינגער, אָבער קיין ניו יאָרק זיינען זיי ניט דערשפּרונגען.

דערזען, אַז די דריי שפּרינגער האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזן, טוט זיך מיין זיידע אַ פאַרמעסט און גיט אַ שפּרונג. אָבער דאָ איז געשען איין קלייניקייט: מיין זיידע האָט אַביסעלע אַ צו האַסטיקן שפּרונג געטאָן. איז ער אַריבערגעשפּרונגען איבער ניו יאָרק און איז אַריינגעשפּרונגען אין אַטלאַנטישן ים אַריין. אַ שווימער, ווייסט איר דאָך, איז ער געווען א גוטער, האָט ער זיך געלאָזן שווימען.

שווימט זיך מיין זיידע אַזוי, וויגט זיך איבער די כוואַליעס און האָט פאַרגעניגן. מיטאַמאָל דערזעט ער, ווי אַ וואַלפיש מיט א גרויס אָפן מויל שווימט אים אַנטקעגן און וויל אים איינשלינגען. האָט מיין זיידע גלייך געכאַפּט זיין גרויסע נאָדל, אריינגעצילעט אַ שטאַרקן פאָדעם און — ווי נאָר דער וואַלפיש איז צוגעקומען

נאָענט, אַזוי האָט מיין זיידע אים געגעבן אַ ניי צוזאַמען זיין מויל. האָט דער וואַלפיש אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און אָנגעקוקט מיין זיידן גלייך ווי ער וואָלט געפרעגט: — נו, מענטש איינער, צוליב וואָס האָסטו עס באַדאַרפט טאָן? איצט קאָן איך דיך ניט איינשלינגען — וועט זיך דאָך די מעשה דאָ ניט קאָנען ענדיקן. האָט מיין זיידע אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס אַריין און זיך געגעבן אַ כאַפּ אַרויף אויפן וואַלפיש רייטנדיק. האָט זיך דער וואַלפיש גענומען טראָגן איבערן ים מיט אַ שווינדלדיקער שנעלקייט. און מיין זיידע איז זיך געזעסן רואיק און געלאָסן און געקוקט אין דער ווייט אַריין.

און אָט דערזעט מיין זיידע ווי דער וואַלפיש טראָגט זיך פאַרביי אַ לאַנד, וואָס אַלצדינג איז דאָרטן ברוין: די הייזער, די פעלדער, די מענטשן און אפילו די חיות — אַלץ איז ברוין, פאַרוועלקט און אָפּגעלעבט, ווי אין טיפן האַרבסט. און עס טראָגט זיך פון דאָרט אַזאַ מאָדנע געשריי, אַזוי ווי אַ געהייל פון וועלף.

טראַכט זיך מיין זיידע: אַז מע איז שוין דאָ דערביי, דאַרף מען אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ לאַנד דאָס איז און וואָס דאָס היילן באַטייט.

געטראַכט און געטאָן.

געזעגנט זיך מיין זיידע מיטן וואַלפיש און זאָגט:

— אַ גוטן תמיד דיר, מיין טייערער וואַלפיש, איך בין שוין גענוג געריטן אויף דיר און איך בין כמעט ווי זיכער, אַז איך וועל דיין הילף מער ניט דאַרפן. נאָר, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער דאַרף איך דיך יאָ, וואָס וועל איך דאַמאָלסט טאָן?

דרייט דער וואַלפיש אויס זיין קאָפּ. שטעלט אָן זיין פאַרנייטן מויל קעגן זיידן און שווייגט, ווי איינער זאָגט:

— ביסט אַ חכם אַ ייד; ווי קאָן איך דיר זאָגן וואָס צו טאָן, אַז דו האָסט מיר פאַרנייט דאָס מויל?

האָט מיין זיידע גלייך פאַרשטאַנען וואָס דער וואַלפיש וויל און האָט מיט זיין גרויסער שער אויפגעהאַקט די אַלע שטעך און לויז געמאַכט דעם וואַלפיש זיין מויל. האָט דער וואַלפיש געעפנט זיין מויל און האָט אַזוי געזאָגט:

— וואו דו זאָלסט זיך ניט געפינען,
בין איך גרייט דיך צו דינען.

אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן, ווען דו נייטיקסט זיך אין מיין הילף, איז קומען צום ים־ברעג און מיך אַ רוף טאָן אַזוי:

אַמגרון־טאַמגרון,
טאַמגרינגראַמען!
פון דעם טיפסטן אָפּגרונט,
פון די ווייטסטע ימען —
אַייל זיך, טראָג זיך, ווי אַ וויכער!
קום נאָר גיכער, גיכער, גיכער!
דאָ, דערלעבן, דאָ, דערלעבן,
ווי אויף פליגלען קום צו שוועבן!

איז ווי נאָר דו וועסט דאָס ארויסריידן, אַזוי וועל איך גלייך זיין לעבן דיר.

רופט זיך אָן מיין זיידע:

— איך זאָג דיר מיט פרייד,
אַז איך בין גערירט פון דיינע רייד
און פון דיין פריינטשאַפט צו מיר.
אויף ווידערזען, מיין טייערער אַמגרון־טאַמגרון!

און מיין זיידע טוט אַ שפּרונג פונעם וואַלפיש גלייך אין יענעם לאַנד אַריין.

געקומען אין יענעם לאַנד, האָט מיין זיידע אויסגעפונען, אַז דאָס לאַנד רופט זיך איצט „ברוינלאַנד״, אָבער פריער האָט עס געהאַט אַן אַנדער נאָמען — דעם פריערדיקן נאָמען געדענקען שוין ניט די מענטשן; אַז איידער דאָס לאַנד האָט באַקומען דעם נאָמען ברוינלאַנד, האָבן דאָרטן געוואוינט צוויי סאָרטן מענטשן: 1) גרויסע, שטאַלצע און קלוגע מיט שוואַרצע האָר און ברוינע אויגן, און 2) קליינלעכע, ווייכבייניקע און נאַרישעוואַטע מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. האָבן די בלאָנדהאָריקע מענטשן גענומען מקנא זיין די שוואַרצהאָריקע און האָבן גענומען זוכן מיטלען, ווי אַזוי אויך צו ווערן גרויס און שטאָלץ און קלוג ווי די שוואַרצהאָריקע. האָבן זיי געזוכט און געזוכט און ניט געפונען. האָט זיך פון ערגעץ באַוויזן איינער אַ בלאָנדהאָריקער און האָט געזאָגט:

— ברידער, בלאָנדהאָריקע חכמים! איך האָב אַ מיטל ווי אַזוי מיר, די בלאָנדהאָריקע, זאָלן ווערן די גרויסע, די שטאָלצע און די קלוגע.

האָבן אַלע בלאָנדהאָריקע גענומען שרייען:

זאָג אונדז דאָס מיטל! זאָג אונדז דאָס מיטל!

רופט זיך אָפּ דער איינער:

— אַז איר וועט מיך מאַכן פאַר אייער פירער, וועל איך אייך זאָגן דאָס מיטל.

האָט מען אים שוין געוואָלט מאַכן פאַר דעם פירער, זיינען אָבער אַרויסגעקומען די בלאָנדהאָריקע באַראָנען און די רייכע און האָבן געזאָגט צו דעם איינעם אַזוי:

— מיר זעען, אַז דו קאָנסט זיין אַ פירער, און דו ביסט אונדז טאַקע געפעלן אויך, אָבער בעסער פון אַלץ איז אונדז געפעלן דיין נאָז. איז אַזוי: אויב דו וועסט זיך לאָזן פירן פון אונדז פאַר דער נאָז, וועלן מיר דיך מאַכן פאַר דעם פירער איבער די בלאָנד־האָריקע; אויב אָבער דו וועסט זיך פון אונדז ניט לאָזן פירן פאר דער נאָז — קאָנסטו ניט ווערן דער פירער איבער די בלאָנדהאָריקע.

האָט דער איינער זיך פאַרנייגט און גלייך געענטפערט:

— עס פרייט מיך זייער וואָס מיין נאָז איז אייך געפעלן, מיינע גנעדיקע האַרן: אָט האָט איר מיין נאָז און טוט מיט איר וואָס איר ווילט.

האָבן די באַראָנען און די רייכע געענטפערט:

— מיר זעען, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער פירער. דו מוזט אָבער אַלעמאָל געדענקען, אַז

מיר זיינען דיינע האַרן.

און דאָ האָבן די באַראָנען און די רייכע אים אָנגעטאָן אַ שטריקל אויף דער נאָז און אים דערקלערט פאַר דעם פירער איבער די בלאָנדהאָריקע, און אים געבעטן אַז ער זאָל זאָגן דאָס מיטל, ווי אַזוי די בלאָנדהאָריקע קאָנען ווערן גרויסע, שטאָלצע און קלוגע מענטשן. האָט דער פירער געזאָגט אזוי:

— ברידער, בלאָנדהאָריקע חכמים! דאָס מיטל איז פשוט: לאָמיר ארויסטרייבן די אַלע גרויסע, די אַלע שטאָלצע און די אַלע קלוגע — קורץ, די אַלע מיט די שוואַרצע האָר און מיט די ברוינע אויגן, — וועלן מיר בלייבן די איינציקע גרויסע, די איינציקע שטאָלצע און די איינציקע קלוגע!

האָבן די אַלע בלאָנדהאָריקע געפּאַטשט און געשריען: „בראַוואָ!"

און דער פירער האָט ווייטער גערעדט:

— ברידער, בלאַנדהאָריקע חכמים! איך האָב אויסגעפונען אין וואָס די קלוגשאַפט פון די שוואַרצהאָריקע באַשטייט: זייער קלוגשאַפט באַשטייט אין זייערע ברוינע אויגן. ברוין איז אַ קלוגע פאַרב. ווען מיר זיך אײַנגאַנצן אָנטאָן אין ברוין און מיר וועלן ווערן אײַנגאַנצן קלוגע — פון קאָפּ ביז די פיס קלוג!

דאָ האָבן ווידער די אַלע בלאָנדהאָריקע געפּאַטשט און געשריען: „בראַוואָ!" און דער פירער האָט ווייטער גערעדט:

— יאָ, זאָג איך — פון קאָפּ ביז די פיס קלוג! מיר וועלן אונדזערע הייזער אָפּפאַרבן ברוין און אויך אונדזערע הייזער וועלן ווערן קלוג! מיר וועלן דאָס גאַנצע לאַנד אַ נאָמען געבן ברוינלאַנד, וועט דאָס גאַנצע לאַנד ווערן קלוג!

דאָ האָט זיך דערהערט אַזאַ הילכיקער „בראַוואָ!" אַז די פענצטער אין גאַנצן לאַנד האָבן אַ ציטער געטאָן.

און די בלאָנדהאָריקע האָבן טאַקע אַזוי געטאָן ווי דער פירער האָט זיי געהייסן: זיי האָבן אַרויסגעטריבן די שוואַרצהאָריקע, זיך אָנגעטאָן אײַנגאַנצן אין ברוין, איבערגעפאַרבט די הייזער אויף ברוין און אַ נאָמען געגעבן דאָס לאַנד „ברוינלאַנד".

איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט און די בלאָנדהאָריקע זײַנען נאָך אַלץ ניט גרעסער געוואָרן, ניט שטאַלצער געוואָרן און אַוואַדע ניט קליגער געוואָרן. זײַנען זיי אַוועק צו זייער פירער און געזאָגט:

— זע נאָר, מיר האָבן אַלץ געטאָן ווי דו האָסט אונדז געהייסן און מיר זײַנען נאָך אַלץ ניט גרעסער, ניט שטאַלצער און ניט קליגער.

האָט דער פירער געזאָגט:

— איך האָב פאַר אײַך נאָך אַ מיטל, — גייט אין די גאַסן, הייבט אויף איין האַנט אין דער הויך, צו ווייזן ווי גרויס איר ווילט ווערן, און שרייט:

— הייל, איך בין גרויס!

— הייל, איך בין שטאַלץ!

— הייל, איך בין קלוג!

און איר זאָלט אַזוי היילן און היילן, שטאַרק און אָן אַן אויפהער, ביז די גאַנצע וועלט וועט אײַך דערהערן, וועט איר דאַמאָלסט גרויס ווערן און קלוג ווערן ביי אַלעמען אין די אויגן. און די פון אײַך, וואָס וועלן ניט טאָן אַזוי ווי איך הייס, און וועלן ריידן אַ וואָרט קעגן, וועל איך פאַרשפּאַרן הינטער גראַטעס און דערקלערן פאַר שונאים פון לאַנד. און איר ווייסט דאָך וואָס מיר טוען מיט שונאים פון לאַנד?!

האָבן די בלאַנדהאָריקע זיך געטראַכט, אַז ס'איז אַביסל נאַרי־שעוואַטע אַרומצוגיין איבער די גאַסן מיט אויפגעהויבענע הענט און שרייען — איך בין גרויס! איך בין שטאַלץ! איך בין קלוג! אָבער, אַז דער פירער הייסט, דאַרף מען פאָלגן. זיינען זיי אַרומ־געגאַנגען מיט איינגעבויגענע קעפּ איבער די גאַסן און געטאָן אַזוי ווי דער פירער האָט זיי געהייסן. אָבער, ווען זיי זיינען געוואָרן הונגעריק, זיינען זיי געקומען צום פירער און געזאָגט:

— מיר ווילן עסן.

האָט דער פירער געענטפערט:

— עסן? — כע, כע! דאָס איז אַ קלייניקייט! וועגן דעם דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן, דאָס וועל איך שוין טאָן פאַר אײַך; איך מיט מיינע מענטשן וועלן שוין עסן פאַר אײַך און טרינקען פאַר אײַך, איר דאַרפט נאָר טאָן איין זאַך: שרייען „הייל!"

האָבן די בלאָנדהאָריקע פאַרביסן די ליפּן, נאָך מער איינגעבויגן די קעפּ, געגאַנגען הונגעריקע איבער די גאַסן און געשריען:

— הייל, איך בין גרויס!

— הייל, איך בין שטאָלץ!

— הייל, איך בין קלוג!

— הייל, הייל, הייל!

און אַזוי זיינען זיי אַרומגעגאַנגען פאַרשמאַכטע און געהיילט. זיי האָבן שוין לאַנג חרטה געהאַט, וואָס זיי האָבן אַזאַ סאָרט מענטשן אָנגענומען פאַר זייער פירער, זיי האָבן אָבער ניט געוואַגט זאָגן אַ וואָרט. טאָמער האָט עמיצער געזאָגט, אַז ער איז ניט צופרידן, אָדער, אַז ער איז הונגעריק, האָט מען דעם יעניקן גלייך פאַרשפּאַרט הינטער גראַטעס — און מע האָט אים שוין מער ניט געזען.

ווען מיין זיידע האָט דאָס אַלצדינג אויסגעפונען און האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען וואָס אין ברוינלאַנד טוט זיך אָפּ, האָט ער זיך געטראַכט: מע דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן צוצוקוקן ווי מענטשן מאַכן זיך צום נאַר; ס'איז נעבעך אַ ביטערער רחמנות אויף זיי. מע דאַרף זיי העלפן ווערן מיט מענטשן גלייך. און ער טוט אַ פרעג די מענטשן:

— זאָגט מיר נאַר, מענטשן, איר ווילט איך זאָל אַייך העלפן ווערן מיט מענטשן גלייך?

דערפרייען זיך די בלאָנדהאָריקע און רופן אויס:

— אַוואַדע ווילן מיר! אָבער ש־ש־ש! רייד שטילער און זאָג אונדז, ווי אַזוי דו קאָנסט אונדז העלפן. מיר דאַרפן זיין זייער פאָרזיכטיק, ווייל דער פירער האָט אַ סך סאָלדאַטן, און אַ שיין ביסל מענטשן האָבן שוין געמוזט אַנטלויפן זיך באַהאַלטן אין פעלדער און אין וועלדער, אין זומפּן און אין היילן.

רופט זיך אָן מיין זיידע:

— מיט מיין מיטל וועט איר קיין מורא ניט האָבן פאַר דעם פירער מיט זיינע סאָלדאַטן. וואַרט נאָר צו אַ ווײַלע און איך קום גלייך צוריק.

און מיין זיידע האָט גלייך אַ שפּרונג געטאָן צום ים־ברעג און אַ רוף געטאָן: —

אַמגרון־טאַמגרון,
טאַמגרינגראַמען!
פון דעם טיפסטן אָפּגרונט,
פון די ווייטסטע ימען —
אײַל זיך, טראָג זיך ווי אַ וויכער!
קום נאָר גיכער, גיכער, גיכער!
דאָ, דערלעבן, דאָ, דערלעבן,
ווי אויף פליגלען קום צו שוועבן!

האָט זיך גלייך דער ים גענומען כוואַליען און שוימען, און דער וואַלפיש האָט זיך געגעבן אַ טראָג צום ברעג און האָט אויסגערופן: —

וואו דו זאָלסט זיך ניט געפינען,
בין איך גרייט דיך צו דינען.

האָט זיך מיין זיידע אַרויפגעזעצט אויפן וואַלפיש און געזאָגט: —

פיר מיך, פיר מיך גיך און געשווינד,
שווים און טראָג זיך שנעלער פונעם ווינט
און ברענג מיך אַהיים צו מיין באָבען.

האָט זיך דער וואַלפיש אַ טראָג געטאָן אַזוי שנעל, אַז ס'האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן. און באַלד דערזעט מיין זיידע ווי די שפּיצן פון די הימלקראַצער פון ניו יאָרק נעמען וואַקסן, ווי פון ים אַרויס און דערהויבן זיך פאַר זיינע אויגן ביז אין די וואָלקנס אַריין. און נאָך איידער מיין זיידע האָט צייט געהאַט צו באַוואונדערן דאָס שיינע בילד, וואָס האָט גענומען וואַקסן פאַר זיינע אויגן, האָט זיך שוין דער וואַלפיש אָפּגעשטעלט ביי די ברעגן פון ניו יאָרק.

איז מיין זיידע אַראָפּגעשטיגן און זיך אָנגערופן צום וואַלפיש:

— וואַרט אויף מיר אַ ווייל אָט אָ דאָ ביים ברעג ים און איך קום שוין צוריק.

האָט דער וואַלפיש געענטפערט, אַז ער קאָן ניט וואַרטן, ווייל ער האָט אַנדערע זאַכן צו טאָן, און איז פאַרשוואונדן. און מיין זיידע האָט אַ שפּרונג געטאָן אַהיים און זיך אָנגערופן צו מיין באָבען:

— באָבעניו, נעם גלייך און טו מיר אַ וועב אויס אַ שטיקל פון יענעם וואונדערלעכן געוואַנט.

איך האָב אייך נאָך ניט דערציילט פון מיין באָבען. איך האָב געהאַט א באָבע, וואָס האָט געקאָנט אַ סך וואונדערלעכע זאַכן. זי האָט געקאָנט אויסוועבן אַזאַ סאָרט געוואַנט, וואָס אַזוינס איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. ערשטנס, ווען מע האָט פון דעם געמאַכט אַן אָנצוג און אים אָנגעטאָן, האָט מען ניט געקאָנט זען דעם מענטשן, וואָס טראָגט דעם אָנצוג. און צווייטנס, האָט מען פון איין שטיקל געוואַנט געקאָנט באַקליידן אַ גאַנצע שטאָט, און אפילו אַ גאַנץ לאַנד.

ווען מיין באָבע איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם געוואַנט, האָט מיין זיידע גענומען זיין גרויסע שער און האָט צוגעשניטן אָן אַ שיר אָנצוגן, און מיט זיין גרויסער נאָדל זיי אויפגענייט. ווען ער איז

מיט דעם פּאַרטיק געוואָרן, האָט ער גענומען די אַלע אָנצוגן, אַ שפּרונג געטאָן צום ברעג ים און אַ רוף געטאָן: —

אַמגרון־טאַמגרון,
טאַמגרינגראַמען!
פון דעם טיפסטן אָפּגרונט,
פון די ווייטסטע ימען —
אײַל זיך, טראָג זיך ווי אַ וויכער!
קום נאָר גיכער, גיכער, גיכער!
דאָ, דערלעבן, דאָ, דערלעבן,
ווי אויף פליגלען קום צו שוועבן!

האָט זיך גלייך דער ים גענומען כוואַליען און שוימען, און דער וואַלפיש האָט זיך געגעבן אַ טראָג צום ברעג און האָט אויסגערופן: —

וואו דו זאָלסט זיך ניט געפינען,
בין איך גרייט דיך צו דינען.

האָט זיך מיין זיידע אַרויפגעזעצט אויפן וואַלפיש און האָט געזאָגט: —

פיר מיך, פיר מיך גיך און געשווינד,
שווים און טראָג זיך שנעלער פונעם ווינט
און ברענג מיך צו די ברעגען פון ברוינלאַנד.

האָט זיך דער וואַלפיש אַ טראָג געטאָן אַזוי שנעל, אַז ס׳האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן. און נאָך איידער מיין זיידע האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן, האָט ער שוין דערזען דאָס ברוינע לאַנד, און האָט דערהערט דאָס היילן וואָס ס׳טראָגט זיך פון דאָרטן.

ווי נאָר מיין זיידע האָט דערזען דעם ברעג, האָט ער זיך אָנגערופן צום וואַלפיש: —

דו האָסט מיר היינט געדינט ווי אַן אמתער גוטער פריינט;

און פאַר די בלאַנדהאָריקע האָסטו געטאָן וואונדער היינט,

און דערפאַר וועלן מיר דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

זיי זשע געזונט. איך בין שוין אויף דיר אַביסל צו לאַנג געזעסן. און מיין זיידע האָט אַ שפרונג געטאָן גלייך אין ברוינלאַנד אַריין.

געקומען אין ברוינלאַנד, האָט מיין זיידע אויסגעפונען, אַז אַלע מענטשן פון לאַנד וויסן שוין וועגן אים און אַלע וואַרטן שוין אויף אים. האָט ער צווישן זיי גלייך צעטיילט די אַלע וואונדער־אָנצוגן, וואָס ער האָט אויפגעגנייט פון דעם וואונדערלעכן געוואַנט.

ווען די מענטשן האָבן אָנגעטאָן די אָנצוגן, האָט זיי מיין זיידע צוגעפירט צו אַ שפיגל און געזאָגט:

— איצט קוקט זיך אָן און זעט, ווי גוט עס פּאַסט אייך.

איז ווי נאָר די מענטשן האָבן אַ קוק געטאָן אין שפיגל, אַזוי האָבן זיי זיך דערשראָקן און גענומען שרייען:

— וואו בין איך אַהינגעקומען?

— וואו בין איך אַהינגעקומען?

רופט זיך אָן מיין זיידע:

— שרעקט זיך ניט, איר זייט דאָ און איר וועט זיין! — דאָס איז דער וואונדער פון דעם אָנצוג, וואָס איך האָב אייך געגעבן. איצט וועט אייך קיינער ניט זען. איר אָבער וועט זען אַלץ און אַלעמען. איצט קאָנט איר אויפטאָן וואונדער. איר מוזט אָבער פאָלגן אַלץ, וואָס איך וועל הייסן.

זאָגן די מענטשן:

— אַוואַדע וועלן מיר פאָלגן. צוערשט אָבער מוזן מיר עפּעס עסן, ווייל מיר זיינען הונגעריק.

זאָגט מיין זיידע:

— גוט, לאָמיר אַלע גיין עסן. און ווען איר וועט זיצן און עסן וועל איך אַייך דערווייל זאָגן אַלצדינג, וואָס איר דאַרפט טאָן.

דאָס איז געווען אין אַ שיינעם פרילינג טאָג. דער פירער מיט זיינע האַרן זיינען געזעסן און געפרעסן פון די בעסטע מאַכלים, און געזויפן פון די בעסטע געטראַנקען. און ווען די האַרן זיינען געוואָרן שטאַרק באַזויפן, האָבן זיי אַ צי געטאָן דאָס שטריקל, וואָס זיי האָבן געהאַט אָנגעבונדן דעם פירער צו דער נאָז, און זיך אָנגערופן:

— הייל, פירער! זינג אונדז דאָס באַליבט לידל — וואָס מיר האָבן דיך אויסגעלערנט!

האָט זיך דער פירער צעזונגען: —

און די וואָס מאָנען עסן,
און ווילן ניט פאַרגעסן —
זאָג איך: —
דאָנער־ר־ר וועטער־ר־ר!
מיינע ליבע האַרן!
בעסער פריער, איידער שפּעטער,
הינטער גראַטעס זיי פאַרשפּאַרן!

— כאַ, כאַ, כאַ! הינטער גראַטעס זיי פאַרשפּאַרן! דאָס איז גוט! האָבן די האַרן געלאַכט און געשריען: —

האָך, צו אונדזער פירער!
הייל, אונדזער פירער!

אין דעם דערהערן זיי ווי אַ מעכטיק געזאַנג טראָגט זיך פון דער ווייטן: צוערשט פון איין זייט, דערנאָך פון אַ צווייטער, נאָכדעם פון אַ דריטער. און אַט קומט עס פון אַלע זייטן און שפרייט זיך, ווי אַ פאַרפלייצונג, וואָס קומט לאַנגזאַם און זיכער אַלץ נעענטער און נעענטער. און אַט דונערט שוין דאָס געזאַנג לעבן זיי און פאַרטרינקט זיי ווי אין אַ ריזיקן וואַסער־פאַל.

האָבן זיך דער פירער מיט זיינע האַרן גענומען ארומקוקן צעשראָקענע און זיך וואונדערן: — פון וואַנען קומט עס דאָס געזאַנג? קוקן זיי און קוקן אין אַלע זייטן און — זעען גאָרנישט. זיי הערן בלויז, אַז דאָס געזאַנג איז אַרום זיי, אָבער זען קאָנען זיי קיינעם ניט. האָבן די האַרן מיט ציטערדיקע הענט אַ צי געטאָן דעם פירערביים שטריקל און זיך צעשריען:

— ביסט דאָך עפּעס אַ פירער, צו אַלדי שוואַרץ יאָר! איז פאַרוואָס האָט דיר אָפּגענומען דאָס לשון? פאַרוואָס שרייסטו ניט?!

האָט זיך דער פירער אַ צאַפּל געטאָן און האָט זיך צעשריען:

— וואָס איז דאָס? אַ כישוף? איך האָב פאַר כישוף קיין מורא ניט! און הערט נאָר וואָס פאַר אַ ליד זיי זינגען! פאַר דעם ליד אַליין דאַרף מען זיי האַקן און בראָקן ווי אין קרויט אַריין! זאָל מען אַהער ברענגען מיינע סאָלדאַטן און הייסן שיסן!

צעשרייען זיך די האַרן מיט צאָרן:

— וואָס פאַר אַ פירער ביסטו? אַלץ וואָס דו קאָנסט איז שרייען! צו וואָס אָבער טויג דיין שרייען, אַז דו ווייסט ניט וואָס

צו שרייען! וואָס הייסטו שיסן? ווּעמען שיסן? וואוהין שיסן? אַז מע זעט קיינעם ניט!

דאָ האָבן די האַרן אַזאַ שטאַרקן צי געטאָן ביים שטריקל, אַז זיי האָבן אים שיר די נאָז ניט אָפּגעריסן.

און דער פירער שרייט אַלץ:

— אַז איך הייס ברענגען סאָלדאַטן, דאַרף מען ברענגען! און זאָלן די סאָלדאַטן שיסן אין געזאַנג אַריין!

האָט מען געבראַכט סאָלדאַטן און דער פירער אַליין האָט געגעבן אַ באַפעל:

— שיסן אין געזאַנג אַריין!

האָבן די סאָלדאַטן אָנגעשטעלט די ביקסן און שוין געוואָלט שיסן, נאָר מיטאַמאָל האָבן זיך די ביקסן געגעבן אַ דריי אום קעגן פירער מיט זיינע האַרן אַזוי, אַז די סאָלדאַטן אַליין האָבן זיך געוואונדערט, ווי אַזוי דאָס איז געשען. אָבער מיין זיידע מיט די מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן די וואונדערלעכע אָנצוגן, האָבן יאָ געוואוסט ווי אַזוי דאָס איז געשען. ווייל הינטער יעדן סאָלדאַט איז שוין פון פריער געשטאַנען אַ מענטש אָנגעגרייט אויף דעם.

ווען דער פירער האָט דערזען, אַז אַלע ביקסן זיינען אָנגעשטעלט אויף אים, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זיין רעכט אויג האָט זיך אויסגעדרייט אינגאַנצן צו דער לינקער זייט, און זיין לינק אויג האָט זיך אויסגעדרייט אינגאַנצן צו דער רעכטער זייט. און אַזוי איז אויך געשען מיט זיינע פיס. און ווען ער האָט געוואָלט נעמען אַנטלויפן, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט, ווי ער וואָלט געווען צוויי האַלבע מענטשן. האָט זיין רעכטע העלפט געוואָלט לויפן לינקס, און זיין לינקע העלפט האָט געוואָלט לויפן רעכטס. האָט זיין לינקע מיט דער רעכטער העלפט זיך גענומען שטויסן

און שטופּן איינע די אַנדערע, און ער איז געשטאַנען און האָט זיך פון אָרט ניט געקאָנט רירן.

אַז מיין זיידע מיט די מענטשן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אויסגעשאָסן אַזאַ געלעכטער, אַז ס׳האָט אָפּגעקלונגען פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער. נאָכדעם האָבן זיי געכאַפּט דעם פּירער מיט זיינע האַרן, זיי געבונדן און פאַרשפּאַרט אין שטייגן, אַזוי ווי חיות.

אָפּגעטאָן דאָס, פרעגן די מענטשן מיין זיידן:

— וואָס זאָלן מיר טאָן מיט דעם פּירער און מיט זיינע האַרן?

ענטפערט מיין זיידע:

— גאָר פשוט: אין קאָני אַיילאַנד איז פאַראַן אַ גרויסער צירק, דאַרף מען דאָרט האָבן ווילדע ברואים און פאַרזעענישן פאַר די פאָרשטעלונגען, וועלן מיר דעם פּירער מיט זיינע האַרן אַהין אַריינגעבן, ווייל זיי זיינען די גרעסטע פאַרזעענישן, וואָס מע קאָן אמאָל זען.

האָט מען אַזוי געטאָן.

אַז מע האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן, איז ברוינלאַנד געוואָרן אויס ברוינלאַנד און די מענטשן פון ברוינלאַנד האָבן אָנגעהויבן ווערן נאָכאַמאָל מיט מענטשן גלייך.

ווען מיין זיידע האָט דערזען, אַז די מענטשן פון ברוינלאַנד הייבן אָן ווערן שטיקלעך מענטשן, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלעמען און האָט זיך צוערשט געלאָזן צום ברעג ים און האָט שוין געוואָלט אַ רוף טאָן דעם וואַלפיש, דאָ אָבער האָט ער זיך באַטראַכט: צו וואָס דרייען אַ היטל דעם וואַלפיש, אַז ער קאָן מיט איין שפּרונג זיין אין דער היים.

געטראַכט און געטאָן. מיין זיידע האָט זיך אַ פאַרמעסט געטאָן און האָט אַזאַ שפרונג געטאָן, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ טראָג איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, ווי אַ פייל אויסן בויגן, און איז אָנגעקומען אַהיים פונקט צו וועטשערע.

2

אין שוואַרצלאַנד

גלייך ווי משה האָט געענדיקט, רופט זיך אָן חיים:

— דיין זיידע מיט דיין באָבען האָבן אויפגעטאָן אַ סך וואונדער אין ברוינלאַנד, נאָר איין זאַך פאַרדריסט מיך אויף דיין זיידן: אויב דיין זיידע האָט אַריינגעגעבן דעם פירער פון ברוינלאַנד מיט זיינע האַרן אין אַ צירק צו אַ פאַרזעעניש־פאַרשטעלונג, טאָ פאַרוואָס האָט ער שוין אויך ניט אַריינגעגעבן די בלאָנדהאָריקע מענטשן פון ברוינלאַנד אין אַ צירק אַריין? ווייל די בלאָנדהאָריקע זיינען ניט בעסער פון זייער פירער — אויב זיי האָבן זיך געלאָזן איינריידן אַזעלכע זאַכן פון אים!

און נאָך אַ זאַך, משה, געפעלט מיר ניט: צוליב וואָס האָסטו געדאַרפט אַריינברענגען דיין באָבען אַהער? וואָס? זי זאָל העלפן דיין זיידן? אַ שיינעם דאַנק דיר! איז דיר גוט, וואָס דיין זיידע איז אַ שניידער און דיין באָבע קאָן אים העלפן. וואָס זאָל איך אָבער טאָן ווען מיין זיידע איז אַ שוסטער, און אַ שוסטער האָט ניט ליב אַז אַ באָבע זאָל אים העלפן? נאָר גאָרנישט, אויב דיין באָבע האָט געקאָנט העלפן דיין זיידן, וועט שוין מיין באָבע אויך קאָנען העלפן מיין זיידן.

איצט הערט, וואָס מיט מיין זיידן האָט געטראָפן:

איינמאָל איז מיין זיידע געגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל זוכן אַרבעט. גייט ער זיך אַזוי איבער די וועגן — טראָגט דעם גרויסן אָל אויפן אַקסל ווי אַ ביקס, דעם קאָפּול מיט די דראַטוועס אין אַ זעקל אויף די פּלייצעס, — און זינגט זיך זיינע פריילעכע שוסטער־לידער, כדי דער וועג זאָל אים זיין פריילעכער. אַזוי גייענדיק איז ער צוגעקומען ביז צו איינעם פון די פינף גרויסע טייכן. זעט מיין זיידע, ווי ביים ברעג טייך שטייען דריי מענטשן און קוקן דורך אַ שפּאַקטיוו אין דער ווייט אַריין. ווערט מיין זיידן טשיקאַווע די זאַך. גייט ער צו, גיט זיי אָפּ שלום און פרעגט:

— ווי הייסט איר?

— ווער זענט איר?

— פון וואַנען קומט איר?

און וואָס קוקט איר דורך דעם שפּאַקטיוו? וועמען און וואָס ווילט איר דאָרט זען?

פאַרנייגן זיך די דריי עלעגאַנט און ענטפערן יעדער באַזונדער:

מיין נאָמען איז האַרטערי.

און מיין נאָמען איז באַרטערי.

און מיין נאָמען איז טאַרטערי.

מיר זיינען גרויסע שפּרינגער, גייען מיר אַרום פון לאַנד צו לאַנד און שפּרינגען איבער די העכסטע בערג און איבער די גרעסטע טייכן. אויף יענער זייט טייך ליגט אַן אַנדער לאַנד, ווילן מיר אַריבערשפּרינגען דעם טייך און קומען אין יענעם לאַנד. קוקן מיר דורך דעם שפּאַקטיוו צו זען ווי ווייט ס'איז דער אַנדערער ברעג פון טייך, כדי צו וויסן ווי צו פאַרמעסטן זיך.

דערהערט אַזעלכע רייד, רופט זיך אָן מיין זיידע:

— צו וואָס דאַרפט איר שפּרינגען, אַז איבער אַ טייך קאָן מען שווימען? סיידן איר קאָנט ניט שווימען?

ענטפערן די דריי:

— וואָס הייסט מיר קאָנען ניט שווימען? אַוואַדע קאָנען מיר שווימען אויך, נאָר מיר ווילן זיך ניט איינגעצן, וועלן מיר שוין בעסער שפּרינגען.

זאָגט מיין זיידע:

— נו, זאָל זיין אַזוי. איר ווילט שפּרינגען — שפּרינגט. איך וואָלט אָבער געוואָלט איר זאָלט מיך אויך אַריינגעמען אין קאָן. ווייל איך בין אויך אַ גרויסער שפּרינגער.

באַטראַכטן די דריי מיין זיידן פריער פון קאָפּ ביז די פיס, נאָכדעם טוען זיי זיך אַ רייד צוזאַמען אויף זייער שפּראַך אָט אַזוי:

— פאַנזאָנערי־טאַנזאָנערי!

— טאַנזאָנערי־פאַנזאָנערי!

— פאַנזאָני־טאַנזאָני!

און זיי זאָגן צו מיין זיידן:

— גוט, מיר נעמען דיך אַריין אין פאַרמעסט. און אויב דו וועסט געווינען, גיבן מיר דיר אונדזער שפּאַקטיוו; אויב אָבער דו וועסט פאַרלירן, דאַרפסטו אונדז געבן דיין גרויסע אָל.

טראַכט מיין זיידע, אַז ער וועט דאָך סיי ווי סיי געווינען דאָס געוועט, איז וואָס דאַרף ער מורא האָבן צוצוזאָגן אָפּגעבן זיין גרויסע אָל. זאָגט ער:

— גוט, לאָמיר אָנהייבן.

פאַרמעסט זיך צוערשט האַרטעריַ: ער גיט אַ שפּרונג און — אַלע קוקן דורך דעם שפּאַקטיוו און זעען, ווי ער לאָזט זיך אַראָפּ אין מיטן טייך און הייבט אָן שווימען צום אַנדערן ברעג.

נאָכדעם פאַרמעסט זיך באַרטעריַ: ער גיט אַ שפּרונג און — מע זעט דורך דעם שפּאַקטיוו, ווי ער איז אַריבערגעשפּרונגען האַרטעריַן, אָבער אויך ער איז דעם טייך ניט אַריבערגעשפּרונגען — ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן גאַנץ ווייט פון אַנדערן ברעג און זיך געלאָזט שווימען צום ברעג.

צולעצט פאַרמעסט זיך טאַרטעריַ: ער טוט אַ שפּרונג און — מיין זיידע קוקט אים נאָך אין שפּאַקטיוו און זעט, ווי טאַרטעריַ פליט אַריבער האַרטעריַן און באַרטעריַן און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער אַנדערער זייט טייך.

דערזעען אַזאַ זאַך, שרייט אַריבער מיין זיידע צו טאַרטעריַן:

— טאַרטעריַ, ביסט אַ גאַנץ גוטער שפּרינגער! וואַרט אָבער און זע, וואָס איך קאָן טאָן!

און מיין זיידע טוט זיך אַ פאַרמעסט און טוט אַזאַ שפּרונג, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ טראָג איבער האַרטעריַן, איבער באַרטעריַן, איבער טאַרטעריַן, און איבער דעם טייך און איבער דעם לאַנד, וואָס ליגט אויף יענער זייט טייך און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ גרויסן אייז־באַרג ביים נאָרד פּאָל. פון וואַנען האָט מיין זיידע געוואוסט, אַז דאָס איז דער נאָרד־פּאָל? גאָר פּשוט. ער האָט געזען, אַז אַרום און אַרום שפּרייטן זיך ווייסע שניי־וויסטעניש און ריזיקע בלויע אייזבערג, און פון הינטער די ריזיקע אייז־בערג זעצט אַרויס אַ רעגנבויגן פון פלאַמען, האָט מיין זיידע פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער נאָרד־פּאָל.

שטייט מיין זיידע אויפן אייז־בארג ביים נארד־פאל, באוואונדערט דאס צפון־ליכט, וואס שלאגט ווי א פילפארביקער פאנטאן פון הינטער די בלויע אייז־בערג ארויס און טראכט:

וואס פאר א שיינקייט! וואס פאר א פראכט! ווען משהס זיידע איז דא, וואלט ער פון די אלע ליכט־פאסן געקאנט מאכן די וואונדערלעכסטע אנצוגן. און ס'פאלט איין מיין זיידן אזא געדאנק: צו וואס זאל ער שפרינגען צוריק אהיים, אז ער קאן אנשניידן די קאלירטע ליכט־פאסן און מיט זיין אל און דראטווע צוזאמענניייען פון דעם א שיף מיט זעגלען און זיך לאזן פארן צוריק אהיים. זענט איר שוין אמאל געפארן אויף א זעגל־שיף, וואס איז געמאכט פון קאלירטן צפון־ליכט? ניין, אוואדע ניט. אבער מיין זיידע וואלט אויף דעם געפארן, ווען ער דערזעט ניט די וואלרוסן. עס איז אזוי געווען: ווען מיין זיידע האט זיך געלאזן גיין אנשניידן די קאלירטע ליכט־פאסן צו בויען א זעגל־שיף, האט ער אויפן וועג אנגעטראפן פיר ריזיקע וואלרוסן. באטראכט מיין זיידע די וואלרוסן און ס'פאלט אים איין א נייער געדאנק: ער וועט נעמען די וואלרוסן, זיי איינשפאנען צו אן אייזבארג, און אליין וועט ער זיך ארויפזעצן אויפן אייזבארג ווי אויף א טראן פון קרישטאל און וועט לאזן די וואלרוסן אים ארומפירן איבער אלע ימען.

געטראכט און געטאן.

נעמט מיין זיידע זיין אל מיט די דראטוועס, ארבעט אויס א געשפאן פאר אלע פיר וואלרוסן און שפאנט זיי איין צום אייזבארג. נאכדעם זעצט ער זיך ארויף אויפן אייזבארג, ווי אויף א טראן פון קרישטאל, און טאקע גלייך האבן זיך די וואלרוסן געלאזן שווימען און מיטגעשלעפט דעם אייזבארג מיט מיין זיידן.

שווימען די וואַלרוסן ים אויס און ים אײַין, און מיין זיידע זיצט זיך אויף זיין קרישטאָלענעם טראָן און באַטראַכט די וועלט, וואָס טראָגט זיך פאַרביי אים. אַזוי זיינען זיי געשוואומען איבער שטילע און איבער שטורעמדיקע ימען, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום ים פון די וואַרעמע געגנטן. ווי נאָר זיי זיינען אַריינגעקומען אין ים פון די וואַרעמע געגנטן, אַזוי האָט דאָס אײַיז אָנגעהויבן זיך שמעלצן און דער אײַיזבאַרג האָט אָנגעהויבן ווערן קלענער. ווען מיין זיידע האָט דערזען, אַז דער אײַיזבאַרג ווערט קלענער און קלענער, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין קרישטאָלענעם טראָן און גענומען קוקן אין אַלע זייטן. מיטאַמאָל דערזעט ער פון דער ווייטן אַ פאַרשוואַרצט און פאַרחושכט לאַנד ליגט און גלאַנצט מיט דער פינצטערניש אַנטקעגן דער זון. וואונדערט זיך מיין זיידע און זאָגט צו זיך אַליין:

— זע נאָר, אין אַזאַ זוניקער געגנט, אַזאַ פאַרפינצטערט לאַנד! מע דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך און פאַרוואָס דאָס לאַנד איז אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן.

און מיין זיידע טראַכט ניט לאַנג. ער לאָזט איבער די וואַלרוסן מיטן אײַיזבאַרג, מיטן קרישטאָלענעם טראָן און טוט אַ שפרונג גלייך אין יענעם לאַנד אַריין.

געקומען אין יענעם לאַנד, האָט מיין זיידע צוערשט ניט געקאָנט זען וואָס סע טוט זיך אַרום אים — אַזוי פינצטער איז דאָרטן געווען. אַביסל שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צו דער פינצטערניש, האָט ער אָנגעהויבן דערזען זאַכן. און דאָס, וואָס ער האָט דאָרטן געזען איז געווען אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבן אין ערגעץ ניט געזען און קיינמאָל אויף זיין לעבן אין ערגעץ ניט געהערט.

צוערשט האָט מיין זיידע דערזען, אַז אַלצדינג איז דאָרטן אָפּגעפּאַרבט שוואַרץ, — ניטאָ גאָר קיין אַנדער קאָליר אַחוץ שוואַרץ. נאָכדעם האָט מיין זיידע דערזען, אַז די הייזער שטייען דאָרטן פאַרקערט — מיטן דאַך אראָפּ און מיטן דיל אַרויף. וואונדערט זיך מיין זיידע: ווי קאָנען די מענטשן פון דעם לאַנד וואוינען אין אַזעלכע הייזער? סיידן די מענטשן גייען אויך מיטן קאָפּ אראָפּ. גייט מיין זיידע אַביסל ווייטער, דערזעט ער טאַקע, אַז די מענטשן גייען דאָרטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און זיינען אָנגעטאָן אינגאַנצן אין שוואַרצן, נאָר קיין שיך טראָגן זיי ניט. וואונדערט זיך מיין זיידע נאָך מערער און פרעגט די מענטשן:

— זאָגט מיר נאָר, מענטשן, ווי הייסט אייער לאַנד?

ענטפערן די מענטשן:

— זעסט דען ניט ווי ס'הייסט אונדזער לאַנד? אונדזער לאַנד הייסט „שוואַרצלאַנד".

פרעגט מיין זיידע ווייטער:

— זאָגט מיר נאָר מענטשן, צוליב וואָס האָט איר געבויט אייערע הייזער מיטן דאַך אראָפּ און מיטן דיל אַרויף, און פאַרוואָס עפּעס גייט איר אַלע אַרום מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף? — זענט איר אַזוי געבוירן געוואָרן?

ענטפערן די מענטשן:

— ניין, מיר זיינען געבוירן געוואָרן ווי אַלע אַנדערע מענטשן אויף דער וועלט. נאָר ס'איז אויפגעקומען אַ נייער פירער אין אונדזער לאַנד, זאָגט ער: כדי די מענטשן זאָלן זיין גליקלעך און צופרידן, דאַרפן זיי לעבן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מענטשן אויף דער וועלט און דאַרפן אַרומגיין אַנדערש. און ער האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע באַפעלן:

1) כדי די מענטשן זאָלן זיך קאָנען פילן גליקלעך און צופרידן, באַפעל איך, אַז זיי זאָלן פון היינט אָן און ווייטער אַרומגיין מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. און

2) כדי די מענטשן זאָלן זיך קאָנען פילן גליקלעך און צופרידן, באַפעל איך, אַז זיי זאָלן פון היינט אָן און ווייטער בויען זייערע הייזער מיטן דאַך אַראָפּ און מיטן דיל אַרויף. און

3) כדי די מענטשן זאָלן זיך קאָנען פילן גליקלעך און צופרידן, באַפעל איך, אַז זיי זאָלן פון היינט אָן און ווייטער טראָגן און זען בלויז די שוואַרצע קאָלירן — אַלע אַנדערע קאָלירן זיינען פאַרבאָטן.

האָבן מיר צוערשט אויסגעבויט אונדזערע הייזער מיטן דאַך אַראָפּ און נאָכדעם האָבן מיר גענומען גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ. איצט זאָגט אונדזער פירער אַז מיר זיינען גליקלעך און צופרידן — מוזן מיר אויך אַזוי זאָגן.

הערט מיין זיידע, שטוינט און וואונדערט זיך:

— וואָס מע קאָן פון מענטשן מאַכן ?!

— וואָס מע קאָן פון מענטשן מאַכן ?!!!!

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ איבער וואָס צו וואונדערן זיך אין שוואַרצלאַנד. אָט איז נאָך אַ וואונדער פון יענעם לאַנד: ווען ס׳קומט די צייט פון עסן, און עסן איז ניטאָ וואָס, שטעלן זיך די מענטשן אויס אין קרייזן און נעמען שלינגען איינע די אַנדערע. אָבער אַזוי ווי די מענטשן האָבן גרויסע לעכער אויבן אין זייערע פיס, קריכן די איינגעשלונגענע אַרויס פון די לעכער און שלינגען גלייך איין זייערע שלינגער.

ווען מיין זיידע האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און האָט אויסגעשריען צו די מענטשן:

— נאַראָנים וואָס איר זענט ? פאַרוואָס שטעלט איר זיך ניט אויף די פיס און ווערט מענטשן מיט מענטשן גלייך ?

ענטפערן די מענטשן :

— מיר קאָנען מער אויף די פיס ניט שטיין ; מיר האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, ווי מע טוט עס. און חוץ דעם האָבן מיר מורא פאַר דעם פירער מיט זיינע סאָלדאַטן.

טראַכט מיין זיידע, אַז ס'איז ניט גוט. מע מוז זיך גלייך אַן עצה האַלטן מיט דער באָבען וואָס צו טאָן. ווייל זי איז אַ קלוגע פרוי, וועט זי צוטראַכטן דאָס ריכטיקע מיטל.

טוט מיין זיידע אַ שפרונג צוריק אַהיים, דערציילט דער באָבען אַלצדינג, וואָס ער האָט געזען אין שוואַרצלאַנד און פרעגט זי וואָס מע קאָן טאָן צו ראַטעווען די מענטשן. האָט מיין באָבע לאַנג ניט געטראַכט און האָט געענטפערט :

— איך האָב עס ! איך האָב דאָס ריכטיקע מיטל צו דעם !

פרעגט מיין זיידע :

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מיטל ?

רופט זיך אָן מיין באָבע :

דאָס מיטל באַשטייט אין דעם : איך האָב אויסגעאַרבעט אַזאַ סאָרט לעדער, וואָס, אַז מע מאַכט אַ פאָר שיך פון דעם און מע טוט זיי אָן, וועט דער וואָס טראָגט אַזאַ פאָר שיך ניט קאָנען איינשטיין אויף איין אָרט ; ער וועט מוזן גיין, און גיין, און צעטרעטן אַלצדינג, וואָס ס'וועט זיך אים שטעלן אין וועג. טאָ נעם דיין גרויסן אָל און טו אַ ניי אויף גענוג שיך צו באַשוכן אַלע מענטשן פון שוואַרצלאַנד און דאָס איבעריקע וועט שוין פון זיך אַליין געשען.

האָט זיך מיין זיידע דערפרייט, וואָס די באָבע איז אַזאַ קלוגע פרוי און קאָן מאַכן אַזעלכע וואונדערלעכע זאַכן. ער האָט געכאַפּט זיין גרויסן אָל און געגעבן אַ ניי אויף געניג שיך צו באשוכן דאָס גאַנצע שוואַרצלאַנד. פּאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, נעמט ער צוזאַמען די אַלע שיך און פרעגט מיין באָבען:

— באָבע, דו ווילסט אויך אַ שפּרונג טאָן מיט מיר און זען דעם סוף פון שוואַרצלאַנד?

רופט זיך אָן מיין באָבע:

— ניין, ניט נייטיק. דו צעטייל נאָר די שיך און שטעל די מענטשן אויף די פיס, וועט שוין דער סוף פון זיך אַליין קומען.

האָט מיין זיידע אַ שפּרונג געטאָן אין שוואַרצלאַנד אַריין, צעטיילט די שיך צו די מענטשן און זיי געהאָלפן שטעלן זיך אויף די פיס.

איז ווי נאָר די מענטשן האָבן אָנגעטאָן די שיך און זיך געשטעלט אויף די פיס, אַזוי האָבן זיי אָנגעהויבן גיין, און גיין, און גיין אָן אַן אויפהער! זיי האָבן געטראָטן אויף אַלץ וואָס ס'איז זיי געשטאַנען אין וועג; זייערע אייגענע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען מיטן דאַך אַראָפּ, האָבן זיי צעטראָטן. אַזוי גייענדיק, האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעריסן די שוואַרצע קליידער און זיך אָנגעטאָן אין פאַרביקע קאָלירן. ווי נאָר זיי האָבן זיך איבערגעטאָן אין פאַרביקע קליידער, אַזוי איז ליכטיקער געוואָרן אין לאַנד.

ווי נאָר דער פירער פון שוואַרצלאַנד האָט דערזען, אַז ס'איז ליכטיקער געוואָרן אין לאַנד, האָט ער זיך צעשריען:

— ווער האָט עס געוואַגט גיין קעגן מיין באַפעל?! ווער האָט געבראַכט ליכט און פאַרביקייט אין שוואַרצלאַנד?! שוין זאָל מען

אַרויסרופן סאָלדאַטן! אַלע סאָלדאַטן פון לאַנד זאָל מען אַרויסרופן און באַשטראָפן די יעניקע וואָס האָבן געוואַגט טאָן אַזאַ זאַך!

האָט מען געבראַכט אַלע סאָלדאַטן פון לאַנד און ארומגעשטעלט אַרום דעם פירער און דער פירער האָט צו זיי גערעדט און געזאָגט:

— מיינע טייערע סאָלדאַטן, היטער קעגן ליכט און פאַרביקייט! שוואַרצלאַנד איז אין געפאַר! אין שוואַרצלאַנד הויבט אָן אַריינ־קומען ליכט! אין שוואַרצלאַנד הויבט אָן אַריינקומען פאַרביקייט! וואָס נאָך וועט געשען מיט אונדזער שוואַרצלאַנד? באַלד וועלן זיך נאָך די מענטשן שטעלן אויף די פיס, און דאַן — דאַן וואָס? איר, פרייע סאָלדאַטן. . . .

מער האָט דער פירער ניט געקאָנט ריידן. ווייל דאָ האָבן זיך דערהערט טריט, טריט, טריט, — פון אַלע זייטן! מע גייט, און מע גייט, און מע גייט — שווייגנדיקע — פון דאַנען, פון דאָרט, און פון דאָרט, אין די הונדערטער, אין די טויזנטער, אָן א סוף און אָן אַן אויפהער — טריפּ־טראָפּ! טריפּ־טראָפּ! טריפּ־טראָפּ!

ווען דער פירער האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבן אַ פאַרציטערטער. און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו געבן אַ באַפעל צו זיינע סאָלדאַטן, זיינען די טריט אָנגעקומען און צעטראָטן, און צעטראַמפּלט דעם פירער, מיט זיינע מענטשן, מיט זיינע סאָלדאַטן.

און טאַקע גלייך איז געוואָרן ליכטיקער אין לאַנד, און די מענטשן האָבן ווידעראַמאָל אָנגעהויבן לעבן ווי מענטשן, און מיין זיידע האָט אַ צופרידענער אַ שפרונג געטאָן צוריק אַהיים.

3

אין געללאַנד

ווען חיים האָט געענדיקט, רופט זיך אָן געצל:

אײַערע ביידנס זיידעס און אײַערע ביידנס באָבעס האָבן אויפגעטאָן אַ סך וואונדער. און אײַערע ביידנס זיידעס זיינען גאַנץ גוטע שפּרינגער. זיי קומען אָבער ניט צו מיין זיידן. אָט הערט:

איינמאָל איז מיין זיידע געגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל זוכן אַרבעט. גייט ער זיך אַזוי, טראָגט זיין סטאָליער־געצייג אויפן אַקסל און זינגט זיך זיינע פריילעכע סטאָליער־לידער. זינגענדיק אַזוי האָט ער גאָרניט באַמערקט ווי ער איז צוגעקומען צום ברעג ים.

פרעגט מיין זיידע ביי די מענטשן אַרום:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ים?

— און וואוהין פירט ער?

ענטפערן די מענטשן:

— דאָס איז דער פּאַסיפישער אָקעאַן. און פירן פירט ער אומעטום, וואו די וועלט האָט אַן עק.

טראַכט מיין זיידע: וואו די וועלט האָט אַן עק? איז צו וואָס זאָל ער זיך לאָזן אין עק וועלט זוכן אַרבעט? ער איז שוין אַזוי אויך גענוג ווייט פאַרגאַנגען, — אַזש ביז צום עק פון קאַליפאָרניע — ער וועט שוין בעסער גיין צוריק. און ווי געטראַכט אַזוי געטאָן.

גייט מיין זיידע אויף צוריק איבער די קאַליפאָרניער וועגן און זעט, ווי ווייט פאַראויס דערהויבט זיך אַ ריזיק־הויכער באַרג

מיט אַ שניי־באַקרויגטן קאָפּ. שטעלט זיך מיין זיידע אָפּ אינמיטן וועג באַוואונדערן דעם באַרג.

מיט אַמאָל דערזעט ער ווי פון אַ טאָל אַרויס דערנעענטערן זיך דריי מענטשן אויף אייזלען. אַלע דריי זיינען אָנגעטאָן אין סאַמעטענע קליידער, מיט קורצע הויזן, מיט לאַנגע ווייסע זאָקן, מיט שוואַרצע לאַקירטע ווייכע שיך, און אַרום קאָפּ טראָגט יעדער אַ רויט־געקווייטלט טיכל אַרומגעבונדן. צוגעקומען צו מיין זיידן, שטעלן זיך די דריי אָפּ, קריכן אַראָפּ פון די אייזלען און נעמען זיך אויך קוקן אויף דעם שניי־באַקרוינטן באַרג.

באַטראַכט מיין זיידע די דריי פאַרשוין פון קאָפּ ביז די פיס, נאָכדעם גיט ער זיי אָפּ שלום־עליכם און פרעגט זיי:

— ווי הייסט איר?
און ווער זייט איר?
און פון וואַנען קומט איר?
און וואָס טוט איר דאָ?

ענטפערן די דריי אַלע אינאיינעם, דאָס הייסט, צוויי ריידן אויף אַמאָל און איינער שלעפּט זיך נאָך — ווייל דער איינער האָט זיך אויסגעלונקען אַ פוס שפרינגענדיק איבער אַ באַרג אין יאַפּאַן, קאָן ער ניט נאָכהאַלטן נאָך די צוויי — ענטפערן זיי:

— מיר הייסן —
צינגלאַצינגלי,
ווינגלאַווינגלי,
טינגלאַטינגלי,
— הייסן מיר, זאָגט דער הינקעדיקער.

און מיר קומען איצט פון יאַפּאַן.
קומען מיר, זאָגט דער הינקעדיקער.
און מיר זײנען גרויסע שפּרינגער.
זײנען מיר, זאָגט דער הינקעדיקער.
און מיר זײנען ערשט אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַסיפישן אָקעאַן.
זײנען מיר, זאָגט דער הינקעדיקער.
און איצט װילן מיר אַריבערשפּרינגען אָט דעם הויכן, שנײ־באַקרוינטן באַרג.
װילן מיר, זאָגט דער הינקעדיקער.

װערט מײן זײדן טשיקאַװע די גאַנצע זאַך, װײל ער אַלײן איז אַ גרויסער שפּרינגער. ער קאָן זיך אַזוי אַ שפּרונג טאָן אויף אײן פוס און אַ האַלבע װעלט אַריבערשפּרינגען. הײנט װער רעדט נאָך װען ער זאָל אַ שפּרונג טאָן מיט בײדע פיס? . . .

טוט מײן זײדע אַ זאָג:

— אויב איר װעט מיך אַרײננעמען אין קאָן, נעם איך זיך אונטער שפּרינגען דרײ מאָל אַזוי הויך און דרײ מאָל אַזוי װײט, װי דער, װאָס איז דער בעסטער שפּרינגער פון אײך.

רײדן זיך די דרײ צוזאַמען אויף אַ פרעמד לשון אָט אַזוי:

— א האטא מאטאטא!

— א קאלטא טאמאטא!

— א האטא מאטאטא! — שרײט אויס דער הינקעדיקער.

און זײ ענטפערן מײן זײדן אַזוי:

— גוט. מיר נעמען דיך אַרײן אין קאָן. און אויב דו װעסט געװינען דעם פּאַרמעסט, גיבן מיר דיר אײנעם פון אונדזערע אײזלען.

— גיבן מיר דיר, זאָגט דער הינקעדיקער.

אָבער, אויב דו ווּעסט פאַרלירן, דאַרפסטו אונז געבן דיין גרויסע זעג.

— דאַרפסטו, זאָגט דער הינקעדיקער.

אַוועקגעבן זיין גרויסע זעג האָט מיין זיידע גאָר קיין חשק ניט. ווייל איר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ קונציקע זאַכן מיין זיידע קאָן מאַכן מיט זיין זעג. אָבער מיין זיידע ווייסט דאָך, אַז ער וועט סיי ווי סיי געווינען דעם געוועט, זאָגט ער:

— גוט, לאָמיר אָנהייבן דעם פאַרמעסט.

פאַרמעסט זיך צוערשט דער הינקעדיקער: ער טוט אַ שפּרונג און דערגרייכט בלויז ביז צום פוס פון באַרג.

נאָכדעם פאַרמעסט זיך דער צווייטער: ער טוט אַ שפּרונג און דערגרייכט ביז צום מיט פון באַרג.

נאָכדעם פאַרמעסט זיך דער דריטער: ער טוט אַ שפּרונג און דערגרייכט ביז צום שנייאיקן קאָפּ פון באַרג.

שטייען אַלע דריי אויף די ערטער, וואָס זיי האָבן מיטן שפּרינגען דערגרייכט און שרייען אַריבער צום זיידן:

— איצטער שפּרינג דו, און לאָמיר זען ווי ווייט דו קאָנסט שפּרינגען!

— לאָמיר זען! שרייט דער הינקעדיקער.

טראַכט מיין זיידע: מע דאַרף זיי ווייזן וואָס הייסט שפּרינגען. און ער טוט זיך אַ פאַרמעסט און טוט אַזאַ שפּרונג, אַז ער האָט זיך געגעבן אַ טראָג אַרום-און-אַרום דעם וועלט-קוגל, איז אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט וועלט און איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף איינעם פון די דריי אייזלען, וואָס זיינען געשטאַנען און צוגעקוקט דעם פאַרמעסט. האָט זיך דאָס אייזל שטאַרק דערשראָקן, זיך צעטראָגן, צעשפּרונגען, צעדריגעט און זיך אַוועקגעלאָזן איבער די פעלדער,

דורך די וועלדער, איבער בערג און איבער טאָלן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן מיט מיין זיידן.

ווען דאָס אייזל האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך מיין זיידע ארומגעקוקט און דערזען, אַז ער איז גאָר אין אַן אַנדער לאַנד, מיט אַנדערע מענטשן, מיט אַנדערע פּירונגען. דאָס לאַנד האָט מען גערופן „געללאַנד". און די מענטשן זיינען דאָרטן געווען אַזעלכע, וואָס מיין זיידע האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געזען.

ער האָט דאָרטן געזען פינף פאַרשידענע סאָרטן מענטשן.

איין סאָרט מענטשן, וואָס מיין זיידע האָט אין געללאַנד געזען, איז געווען אינגאַנצן קאָפּלאָז — אָן אַ קאָפּ און אָן אַ האַלדז. וועט איר דאָך פרעגן: ווי אַזוי האָבן די מענטשן געגעסן? ווי אַזוי האָבן זיי געהערט און געזען? איז אָט ווי אַזוי: דאָס מויל איז ביי זיי געווען אין ברוסטקאַסטן, און איז געווען אַזוי גרויס ווי דער גאַנצער ברוסטקאַסטן. ווען זיי זיינען געווען הונגעריק, האָבן זיי צעעפנט דעם ברוסטקאַסטן, אַנגעשטאָפּט שפּייז און צוריק צוגע־מאַכט, איז דאָס שפּייז גלייך אַראָפּ אין מאָגן און זיי האָבן פאַרשפּאָרט צו קייען. די נאָז איז ביי זיי געווען גלייך פון אָנהויב איבערן ברוסטקאַסטן און איז געווען גרויס און שאַרף ווי אַ שפּיז — ווייל מיט דער נאָז האָבן זיי געדאַרפט פילן ווי ווייט צו גיין. ווען זיי האָבן אָנגעטאַפּט אַ וואַנט מיט דער נאָז, האָבן זיי געוואוסט, אַז ווייטער טאָר מען ניט גיין. די אויערן זיינען ביי זיי געווען אויף די הענט, — אויף דער האַנטפלאַך. ווען זיי האָבן געוואָלט עפּעס הערן, האָבן זיי אָנגעשטעלט די הענט און געהערט. און ווען זיי האָבן ניט אָנגעשטעלט די הענט, האָט מען געקאָנט ריידן און ריידן, אָבער ס'איז געווען אלצאיינס ווי ריידן צו דער וואַנט. די אויגן האָבן זיי געהאַט אויבן, אין די אַקסלען — אין יעדן אַקסל איין אויג.

האָבן זיי טאַקע ניט געזען און ניט געהערט וואָס סע טוט זיך אַרום זיי, — ווייל זיי האָבן נאָר געקאָנט קוקן אַרויף צו. ווען זיי האָבן אמאָל געוואָלט אַ קוק טאָן וואָס סע טוט זיך אַרום זיי, האָבן זיי זיך געשטעלט אויף אַלע פיר — ווי אַ קו — און געקוקט. אָט די מענטשן האָבן, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. זיי האָבן זיך נאָר געפּלאָנטערט אַלעמען אונטער די פיס און האָבן אויפגעגעסן אַלצדינג וואָס אַנדערע האָבן פאַר זיך אָנגעגרייט.

אַ צווייטער סאָרט מענטש, וואָס מיין זיידע האָט איין געלאַנד געזען, איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון פיס: פון אונטן ביז אַרויף—פיס. און אויבן אויף די הויכע פיס זיצט אַ קליין קערפּערל מיט קליינע הענטעלעך, און אויפן קערפּערל זיצט אַ שמאָל און שפּיציק קעפּעלע. אָט די מענטשן זיינען קיינמאָל ניט איינגעשטאַנען רואיק אויף איין אָרט: זיי האָבן זיך אַלעמאָל באַוואויגן, שטענדיק געשפּאַנט, געגאַנגען, געלאָפן, געטאַנצט און געשפּרונגען. האָט מען אָט די מענטשן טאַקע גערופן „פיס־מענטשן".

אַ דריטער סאָרט מענטש, וואָס מיין זיידע האָט איין געלאַנד געזען, איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון קאָפּ: פון אויבן ביז אַראָפּ — קאָפּ. און אונטן, אונטער דעם גרויסן קאָפּ, הענגט נאָך אַ קליין קערפּערל מיט קליינע הענטלעך. און אונטער דעם קליינעם קערפּערל פּלאָנטערן זיך אַ פּאָר פיסלעך. אָט די מענטשן האָבן שטענדיק געקלערט, שטענדיק געטראַכט. האָט מען זיי טאַקע גערופן „קאָפּ־מענטשן".

אַ פערטער סאָרט מענטש, וואָס מיין זיידע האָט איין געלאַנד געזען, איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון קערפּער — איין הויכער, ברייטער, גרויסער, ריזיקער קערפּער. און אונטערן קערפּער —

אַ פּאָר קורצע, גראָבע און שווערע פּיס; און ביי די זייטן פון קערפּער — אַ פּאָר אַייזערנע הענט מיט געשוואָלענע מוסקולן, מיט אָנגעצויגענע אָדערן ווי שטאָלענע דראָטן; און צווישן די ריזיקע אַקסלען איז געזעסן אַ קעפּעלע ווי אַן עפּעלע — קליין און קיילעכ־דיק. אָט די מענטשן האָבן שטענדיק געאַרבעט, שטענדיק געטאָן; זיי האָבן אויף זייערע ריזיקע פּלייצעס דאָס גאַנצע געללאַנד געטראָגן. האָט מען זיי טאַקע גערופן „קערפּער־מענטשן".

דער פינפטער סאָרט מענטש, וואָס מיין זיידע האָט אין געללאַנד געזען, איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון הענט: איין פּאָר לאַנגע, דינע, אויסגעצויגענע הענט מיט גרויסע לאַדאָניעס ווי לאָפּעטעס, מיט לאַנגע פינגער מיט שפּיציקע נעגל. די הענט האָלט צוזאַמען אַ קורץ, גראָב און רונדיק קערפּערל ווי אַ גרויסער קנופּ פון א קאַנאַט. אונטערן קערפּערל — אַ פּאָר קורצע, גראָבע פּיסלעך; איבערן קערפּערל — אַ פלאַך און נאַקעט קעפּל. אָט די מענטשן האָבן געוואוסט נאָר איין זאַך — נ ע מ ע ן: זיי האָבן שטענדיק צוגענומען, צוגעשאַרט, צוגעשלעפּט און צוגעכאַפּט אַלצדינג, וואָס די אַנדערע פיר סאָרטן מענטשן האָבן געמאַכט, און אַלצדינג וואָס די אַנדערע פיר סאָרטן מענטשן האָבן פאַרמאָגט. האָט מען דעם פינפטן סאָרט מענטשן טאַקע גערופן „הענט־מענטשן".

און דאָס שענסטע וועגן די מענטשן פון געללאַנד איז געווען דאָס, וואָס זיי זיינען אַלע געווען געמאַכט פון איין טייג און קיין איינער פון זיי האָט קיין רוקנביין ניט געהאַט. וואָרום, וואָלטן די פּיס־מענטשן, די קאָפּ־מענטשן און די קערפּער־מענטשן געהאַט רוקנביינער, וואָלטן זיי דאָך ניט דערלאָזן, אַז די הענט־מענטשן זאָלן פון זיי אַלצדינג צונעמען. און וואָלטן די הענט־מענטשן געהאַט רוקנביינער, וואָלטן זיי דאָך געקאָנט צוריקהאַלטן זייערע

אייגענע הענט פון צונעמען, צושאַרן, צושלעפּן און צוכאַפּן אַלצדינג פון די אַנדערע סאָרטן מענטשן.

ווען מײַן זיידע האָט דערזען אַזעלכע סאָרטן מענטשן, האָט ער זיך געטראַכט, אַז ס׳איז אַ גרויס פאַרברעכן ווי זיי פירן זיך: אַז מע טאָר אַזעלכעס ניט דערלאָזן; אַז מע דאַרף זיי מאַכן מיט לייטן גלייך. און אים איז אײַנגעפאַלן אַ פּלאַן. ער האָט אַ שפּרונג געטאָן גלייך צו זיך אַהיים און זיך אָנגערופן צו מײַן באָבען:

— אַלטע, — אַזוי האָט ער זי גערופן, — אַלטע, איך האָב פאַר דיר אַ שטיקל אַרבעט.

מײַן באָבע איז אַלעמאָל געווען גרייט צו טאָן אַן אַרבעט. רופט זי זיך אָן:

— איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס דו האָסט פאַר מיר אַן אַרבעט, אָבער, זאָג מיר נאָר, אַלטער, — אַזוי האָט זי אים גערופן, — אין וואָס באַשטייט די אַרבעט?

זאָגט מײַן זיידע:

— קום, וועסטו זען.

מײַן באָבען, אַז מע האָט געזאָגט „קום״, איז זי געווען גרייט צו גיין. און אַ שפּרינגערקע איז זי געווען אַ גוטע — פּונקט ווי מײַן זיידע — זאָגט זי:

אַז גיין, איז געגאַנגען. קום, אַלטער, לאָמיר שוין אַ שפּרונג טאָן אויף איין פוס און זען וואָס מע דאַרף דאָרט טאָן, וואָרים איך קאָן קיין סך צייט ניט פאַרלירן.

האָבן זיי זיך ביידע אָנגענומען פאַר די הענט און אַ שפּרונג געטאָן גלייך אין געללאַנד אַרײַן. געקומען אין געללאַנד, ווײַזט אָן מײַן זיידע אויף די מענטשן און זאָגט:

— זעסט, אַלטע, אַט די אַלע סאָרטן מענטשן זיינען אַלע ווי פון איין טייג געקנאָטן, אָבער, עפּעס פעלט זיי, קאָנסטו מיר אפשר זאָגן, וואָס זיי פעלט?

מאַכט מיין באָבע:

— אַוואַדע קאָן איך. די מענטשן קוקן מיר אויס אַביסל רוילעך, ווי ניט דערבאַקן ברויט, וואָס מע האָט צופריי פון אויוון אַרויס־גענומען. און סע פעלט זיי שוין גאָר אַ סך צו זיין מענטשן. נעם, אַלטער, און מאַך מיר אויף גיך אַ גרויסע דייזשע און גרייט מיר אויף גיך אָן אַ גרויסן אויוון. און איך וועל שוין טאָן דאָס מייניקע צו מאַכן זיי פאַר מענטשן מיט לייטן גלייך.

איז מיין זיידע אַוועק אין וואַלד און האָט מיט זיין גרויסער זעג אויסגעזעגט די גרעסטע ביימער, און האָט פון די אַלע ביימער איין גרויסע דייזשע געמאַכט. נאָכדעם האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע אויוונס פון געללאַנד, און האָט פון די אַלע אויוונס איין גרויסן אויוון צוזאַמענגעשטעלט.

ווען מיין זיידע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מיין באָבע פאַר־קאַשערט די אַרבל (זי איז געווען אַ גרויסע בריה), גענומען די אַלע מענטשן פון געללאַנד און זיי אין דער גרויסער דייזשע אַריינגעוואָרפן און פון זיי אַלע איין גרויסע ראָשטשינע געמאַכט. נאָכדעם האָט זי די ראָשטשינע צעטיילט אויף גלייכע חלקים, און די חלקים האָט זי איבערגעקנאָטן, איבערגעפורעמט און איבער־געבאַקן.

ווען מיין באָבע האָט זיי אַרויסגענומען פון גרויסן אויוון — נייאינקע, פרישינקע, הייסינקע און פאַרברוינטע, — האָט מיין זיידע גענומען פון שטאַרקסטן האָלץ און האָט יעדן איינעם פון זיי אַריינ־

געזעצט אַ שטאַרקן און גלייכן רוקנביין. פאַרטיק געוואָרן מיט אַריינזעצן דעם רוקנביין, האָט ער יעדן איינעם געגעבן אַ פּאַטש אין פּלייצע און געזאָגט:

— איצט גיי און זיי אַ מענטש מיט לייטן גלייך!

איצט האָט איר געמעגט אָנקוקן די מענטשן פון געללאַנד — זיי זיינען גאָר נייע מענטשן געוואָרן! און דאָס לאַנד האָט גאָר אַן אַנדער פּנים באַקומען!

און מיין זיידע מיט דער באָבען זיינען שוין אין געללאַנד פאַרבליבן ביזן סוף פון זייערע טעג.

אַלטע ביימער

1) אַ בוים ווי אַ מענטש.

2) אַ בוים ווי אַ פויגל.

3) אַ בוים ווי אַ מנורה.

1

אַ בוים ווי אַ מענטש

משה, חיים און געצל זיינען אַרומגעגאַנגען אין באָטאַנישן גאָרטן, האָבן באַטראַכט די פאַרשידענע בלומען און ביימער, האָבן פאַנטאַזירט און זיך באַרימט.

משה האָט געזאָגט: איך האָב אַמאָל געזען אַזאַ ניימאָדנעם אַלטן בוים, וואָס ניט אַלע מענטשן קאָנען זען. דער בוים איז אפשר הונדערט יאָר אַלט! און דיק איז ער — אַזוי ווי צען ביימער צוזאַמענגענומען! און געוואָקסן איז ער מאָדנע, גאָר ניט ווי אַלע ביימער, נאָר זייער הויך אויף אַרויף און נאָכדעם האַלב־רונדיק איינגעבויגן אַזוי ווי אַ געשריבענער „רייש". און פון דעם איינגעבויגענעם טייל האָבן זיך פון רעכטס און פון לינקס געצויגן צווייגן ווי הענט אויף אַראָפּ ביז צו דער ערד, און האָבן זיך געשפרייט אַרום און אַרום דעם שטאַם אַזוי, אַז מע האָט די וואָרצלען ניט געקאָנט אַרויסזען.

האָט טאַקע דער בוים אויסגעזען ווי אַ ריזיקער מענטש וואָלט געשטאַנען איינגעבויגן, און וואָלט מיט גרויסע בלעטערדיקע הענט געהאַלטן זיינע ריזן־פיס אַרומגענומען.

אָט אַזאַ בוים האָב איך אַמאָל געזען.

2

אַ בוים ווי אַ פויגל

האָסטו געזען אַביסל אַ ניימאָדנעם בוים? רופט זיך אָן חיים. ס'איז שוין גאָר ניט נײַ! און גאָר ניט מאָדנע!

אָט, איך האָב אַמאָל געזען אַזאַ מין מאָדנעם אַלטן בוים, וואָס קיינער אין דער וועלט קאָן אַזאַ בוים ניט זען. דער בוים איז אפשר טויזנט יאָר אַלט! און דיק איז ער — אַזוי ווי הונדערטביימער צוזאַמענגענומען! און געוואַקסן איז דער בוים גאָר מאָדנע, ניט ווי אַלע ביימער; נאָר, הויך, הויך אויף אַרויף און דערנאָכדעם אײַנגעבויגן אַזוי ווי אַ געדרוקטער „דאַלעד”. און וואָרצלען האָט דער בוים געהאַט גראָבע, אַזוי ווי די קלעצער און זיי האָבן אַרויסגעשטעקט פון דער ערד אַזוי הויך, אַז אַ פּאָר פערד האָבן אונטער זיי געקאָנט דורכפאָרן. און צווייגן האָט דער בוים אויך געהאַט, — שוין גאָר אַ סך צווייגן, און זיי זײַנען אַלע געוואַקסן נאָר אויף דעם אײַנגעבויגענעם זייט בוים, און זײַנען געהאַנגען אויסגעשפּרייט ברייט און ווייט אין בײדע זײַטן.

האָט טאַקע דער בוים אויסגעזען, ווי אַ ריזיקער פויגל וואָלט געשטאַנען אויף איין פוס מיט זײַנע גרויסע פליגלען אויסגעשפּרייט, ווי ער וואָלט געווען גרייט צו פליען.

אָט דאָס איז אַ ניימאָדנער בוים!

3

אַ בוים ווי אַ מנורה

רופט זיך אָן געצל: אייערעביידנס ביימער זיינען ניט ניימאָדנע.

אָט, איך האָב אַמאָל געזען אַזאַ ניימאָדנעם אַלטן בוים, וואָס איז אין ערגעץ אויף דער וועלט ניטאָ. אַלט איז ער — ווי די וועלט אַליין! און דיק איז ער — אַזוי ווי טויזנט ביימער צוזאַמענגענומען! און געוואַקסן איז דער בוים זייער מאָדנע, גאָרניט ווי אַלע ביימער, נאָר אײַנגעבויגן און אויסגעדרייט אַזוי ווי אַ געדרוקטער „לאַמעד״. און די וואָרצלען האָבן אַרויסגעשטעקט פון דער ערד און זיינען געווען אָט אַזוי די גרעב. זיי האָבן אויסגעזען ווי גראָבע קאַנאַטן געפלאָכטן איינע אין די אַנדערע. און דער גאַנצער בוים האָט קיין צווייגן ניט געהאַט. נאָר ביים שפּיץ בוים זיינען געוואַקסן עלאַסטיש־בויגעוודיקע צווייגן אַזוי פאַרדרייט, פאַרפּלאָנטערט און אײַנגעפלאָכטן איינע אין די אַנדערע, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי אויפן שפּיץ בוים וואָלט געוואַקסן אַ גרויסע מנורה. און די צווייגן האָבן קיין בלעטער ניט געהאַט. נאָר פון שפּיץ פון יעדן צווייג איז אַראָפּגעהאַנגען איין גרויס בלאַט. וויפיל צווייגן, אַזויפיל בלעטער, און די בלעטער האָבן אויסגעזען ווי ברייטע, לאַנגע פייער־פּאַסן, און האָבן זיך געצויגן ביז צו דער ערד אַראָפּ.

האָט טאַקע דער בוים אויסגעזען ווי אויף אַ גרויסן, דיקן ׳לאַמעד״ שטייט אַ זייער גרויסע מנורה, און פון דער מנורה ציען זיך ברייטע, לאַנגע פייערן ביז צו דער ערד אַראָפּ.

אָט דאָס איז אַ ניימאָדנער בוים.

פאַרמערשע בערד

1) זיין באָרד שלאָפט אין אַ באַזונדער בעט.

2) אַ באָרד וואו קינדער שפילן זיך אין באַהעלטעניש.

3) אַ באָרד וואו אַ קעלבל האָט פאַרבלאָנדזשעט.

1

זיין באָרד שלאָפט אין אַ באַזונדער בעט

משה, חיים און געצל האָבן די זומער־חדשים פאַרבראַכט אין די בערג — יעדער איינער אויף אַ באַזונדער פאַרם. ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אין שטאָט, האָבן זיי זיך באַגעגנט און גענומען דערציילן די וואונדער, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען אויף די פאַרמס, און זיך גענומען באַרימען איינער פאַרן אַנדערן.

היינטיקס מאָל האָבן זיי זיך באַרימט מיט די פאַרמערשע בערד.

משה האָט געזאָגט:

דער פאַרמער, ביי וועמען איך בין איינגעשטאַנען, האָט געהאַט אַט אַזאַ גרויסע באָרד! אַז ער פלעגט דאַרפן ערגעץ גיין, פלעגט ער זיין באָרד אַריבערוואַרפן איבער די אַקסלען און זי פלעגט אים אַראָפּהענגען איבער די פלייצעס ווי אַ גרויסע און ברייטע פעלערינע. און אַז ער פלעגט זיך דאַרפן לייגן שלאָפן, פלעגט ער זיין באָרד אויסשפרייטן אויף אַ באַזונדער גרויס בעט, וואָס איז געשטאַנען לעבן זיין בעט, און אַזוי פלעגן זייביידע שלאָפן: ער — אין איין בעט, און זיין באָרד — אין דעם צווייטן.

איינמאָל איז אויף דער פאַרם געווען אַ זייער קאַלטע נאַכט. און פונקט יענע נאַכט בין איך געשלאָפן מיט דעם פאַרמערס יינגלעך. זיי האָבן ליב געהאַט צו הערן מיינע מעשהלעך, האָבן זיי מיך פאַרבעטן צו זיך, האָב איך זיי אַזוי לאַנג דערציילט מעשהלעך

ביז מיר זיינען אַלע אײַנגעשלאָפן. אינמיטן נאַכט דערפילן מיר אַזאַ קעלט, אַז מיר ווערן שיר דערפראָרן. און מיט וואָס צודעקן זיך איז ניטאָ — ווייל דער פאַרמער האָט זיינע אַלע קאָלדרעס אַוועקגעגעבן צו די געסט, וואָס זיינען ביי אים אײַנגעשטאַנען. וואָס זשע זאָלן מיר דאָ טאָן? זיצן מיר אין די בעטן, ציטערן פאַר קעלט און טראַכטן: וואו נעמט מען אַ קאָלדרע? אַזוי טראַכטנדיק דער־זעען מיר דעם פאַרמערס באָרד. טוען מיר אַ שפּרונג אויף, רוקן צו אונדזערע בעטן צום פאַרמערס בעט און דעקן זיך אַלע צו מיט דעם פאַרמערס באָרד. איז אונדז געוואָרן אַזוי וואַרעם ווי אין אַן אויוון, און מיר זענען אָפּגעשלאָפן ביז אין האַלבן טאָג אַריין.

איינמאָל זאָגט צו מיר דער פאַרמער:

— משה, גייסט זיך באָדן?

זאָג איך:

— אַוואַדע גיי איך.

געקומען צום טייך, זע איך ווי דער פאַרמער נעמט זיך פלעכטן זיין באָרד. פרעג איך:

— צוליב וואָס טוסטו דאָס?

ענטפערט ער:

— אַז איך וועל דיר זאָגן וועסטו דאָך מיר סיי ווי ניט גלויבן. איז בעסער וואַרט, וועסטו זען.

בין איך דערווייַלע אַריין אין טייך, זיך אויסגעבאָדן, און ווען איך בין אַרויס איז שוין דער פאַרמער געווען אין וואַסער און געלייגט קלאַפּטער אין דער לענג און אין דער ברייט פון טייך. אַיי איז ער געשוואומען — ווי אַ פיש!

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער פאַרמער אויך אַרויס פון טייך. איך גיב אַ קוק — וואָס איז דאָס? זיין באָרד זעט אויס ווי אַ

גרויסער אָנגעפילטער זאַק און זי וואַרפט זיך ווי ביי אַ טראָגעדיקער קו די זייטן. פרעג איך:

— וואָס איז דאָס, דיין באָרד שוואַנגערט מיט אַ קעלבל?

צעלאַכט זיך דער פאַרמער, בויגט זיך איין און זאָגט:

— קוק אַריין, וועסטו זען וואָס פאַר אַ קעלבער דאָרט זיינען.

קוק איך אַריין צו אים אין באָרד און — טרעפט, וואָס איך האָב דאָרט דערזען? — אַ פולע באָרד מיט גרויסע, פרישע און צאַפּלדיקע פיש, וואָס שפּרינגען איינער איבער דעם אַנדערן ווי די קעלבער! דאָס האָט ער פון דער באָרד אויסגעפלאָכטן אַ נעץ און שווימנדיק האָט ער אָנגעכאַפּט אַ פולע באָרד מיט פיש.

ווען מיר זיינען געקומען אַ היים, האָט דער פאַרמער אויס־געטרייסלט דעם פאַנג פון באָרד און ס'איז שוין געווען גענוג פיש אויף צו קאָכן, אויף צו פּרעגלען און אויף צו בראָטן.

2

אַ באָרד וואו קינדער שפּילן זיך אין באַהעלטעניש

— אויך מיר אַ וואונדער, רופט זיך אָן חיים, כאַפּן פיש מיט אַ באָרד! דאָס איז גאָר קיין נייס ניט! ס'זיינען פאַראַן פייגל וואָס כאַפּן פיש מיט זייערע פעדערן.

אָט, דער פאַרמער, ביי וועמען איך בין איינגעשטאַנען, האָט געהאַט אַזאַ גרויסע באָרד, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ סטויג היי. ווען איך האָב איינמאָל געשפּילט אין באַהעלטעניש מיט זיינע קינדער, האָבן זיי זיך אַלע באַהאַלטן אונטער זיין באָרד. האָב איך זיי אַרומגעזוכט דעם גאַנצן טאָג און זיי ניט געקאָנט געפינען.

פאַרנאַכט, ווען דער פאַרמער האָט זיך אויפגעהויבן גיין מעלקן די קי, האָב איך דערזען, אַז די קינדער זיצן אונטער זיין באָרד ווי הינדעלעך ביי א הון אונטער די פליגל.

איינמאָל זאָגט צו מיר דער פאַרמער:

— חיים, ווילסטו גיין זען ווי מע נעמט אַראָפּ דאָס היי פון פעלד?

זאָג איך:

אַוואַדע וויל איך.

האָט ער איינגעשפּאַנט צוויי פערד אין אַ גרויסן וואָגן און מיר זיינען געפאָרן צום היי־פעלד.

געקומען צום היי־פעלד, האָט זיך דער פאַרמער אויסגעשפּרייט אויפן פריש־אָפּגעשניטענעם גראָז און איז איינגעשלאָפן. איך האָב ארומגעשטיפט אין פעלד און צוגעזען ווי זיינע צען אַרבעטער האָבן מיט לאַנגע היי־גאָפּלען געלאָדן דאָס היי אויפן גרויסן וואָגן.

פאַרנאַכט איז שוין דער וואָגן געווען הויך ווי אַ באַרג. האָט מען פאַרוואָרפן שטריק, איינגעבונדן דאָס היי, אויפגעוועקט דעם פאַרמער, און מיר האָבן זיך אַלע געלאָזן נאָכן וואָגן אַהיים.

געקומען אַהיים, נעמען זיך די אַרבעטער אויסלאָדן דעם וואָגן און טראָגן דאָס היי אין שטאַל אַריין צו די קי, ערשט דער פאַרמער צעשרייט זיך:

— העי, חברה, וואוהין שלעפּט איר מיין באָרד?

קוקט מען זיך אַרום און מע דערזעט, אַז דער וואָגן איז אָנגעלאָדן ניט מיט היי, נאָר מיט דעם פאַרמערס באָרד.

פרעגט שוין ניט וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעטאָן! מענטשן האָבן געלאַכט, און די פאַרמערקע האָט געשריען:

גערעאָטענע אַרבעטער האָב איך — ניטאָ וואָס צו ריידן! אָט, זאָלן מענטשן הערן און זאָלן מענטשן זאָגן: צען דערוואַקסענע יונגען פאַרן אַוועק אין פעלד אַריין אָנלאָדן אַ וואָגן היי, אַרבעטן זיי אָפּ אַ גרויסן, לאַנגן זומער טאָג, און וואָס מיינט איר האָבן זיי אויפגעטאָן? — אָנגעלאָדן דעם פאַרמערס באָרד אויפן וואָגן!

פרעג איך אַייך מענטשן, ווי קאָן מען דאָס גאָר אויסהאַלטן?

אָבער דאָס איז נאָך ניט דער סוף פון דער מעשה. הערט זשע ווייטער:

אַז מע האָט ניט געבראַכט קיין היי אַהיים, האָבן דאָך די קי ניט געהאַט וואָס צו עסן. וואָס זשע זאָל דאָ דער פאַרמער טאָן? ער וועט דאָך ניט לאָזן די קי זיין הונגעריק אַ גאַנצע נאַכט, — הונגעריקע קי גיבן ניט קיין מילך — איז ער די גאַנצע נאַכט געשטאַנען צווישן די קי און זיי געלאָזן קייען זיין באָרד.

מיינט איר דאָך, אַז ס'האָט זיך עפּעס אָנגעזען אויף זיין באָרד, וואָס אַזוי פיל קי האָבן אַ גאַנצע נאַכט פון איר געגעסן? — ווייס איך וואָס! און ווען נאָך אַ צענדליק קי וואָלטן פון איר געגעסן — וואָלט זיך דען אָנגעזען?

ווען איך האָב אינדערפרי אַ קוק געטאָן אויף זיין באָרד, האָט זי נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַ סטויג היי.

3

אַ באָרד וואו אַ קעלבל האָט פאַרבלאָנדזשעט

— נו, איז וואָס? רופט זיך אָן געצל. וואָס פאַר אַ קונץ איז אָנלאָדן אַ באָרד אויף אַ היי־וואָגן און זי ברענגען אַהיים? אָדער, לאָזן אַז אַ פּאָר צענדליק קי זאָלן אַ גאַנצע נאַכט קייען די באָרד?

אָט, דער פּאַרמער, ביי וועמען איך בין איינגעשטאַנען, האָט געהאַט אַזאַ גרויסע באָרד, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ קאָרן־פעלד. איינמאָל ווען ער איז געלעגן אין פעלד און געשלאָפן, זיינען געקומען די שניטער אַראָפּנעמען דעם קאָרן פון פעלד, האָבן זיי אים אַ שטיק באָרד אָפּגעשניטן, — ווייל זיי האָבן געדענקט, אַז זיין באָרד איז אַ טייל פון פעלד.

דאַרף זיך מאַכן, אַז זיין רויטע קו זאָל זיך אָפּקעלבן און האָבן אַ שוואַרץ און ווייס קעלבל. ווען דאָס קעלבל איז אונטערגעוואַקסן, נעמט עס דער פּאַרמער איינמאָל אַרויס אין פעלד אויף פּאַשע.

געקומען אין פעלד, נעמט ער זיין רויט טיכל, בינדט עס דעם קעלבל אַרום האַלדז אַרום — כדי ער זאָל עס דערקאָנען, ס'האָבן זיך דאָרטן געפּאַשעט נאָך קעלבלעך אַזעלכע ווי זיינע — און אַליין לייגט ער זיך שלאָפן. ביים קעלבל זיינען אַלע גראָזן גל'ייך, האָט עס פריער געגעסן דאָס גראָז אַרום דעם פּאַרמער, נאָכדעם איז עס פאַרקראָכן צום פּאַרמער אין באָרד אַריין און זיך דאָרטן פאַר־פּלאָנטערט.

דער פּאַרמער כאַפּט זיך אויף — ניטאָ דאָס קעלבל. זוכט ער עס אַרום איבערן גאַנצן פעלד — ניטאָ דאָס קעלבל. טראַכט ער: וועלף האָבן מיסטאַמע אויפגעגעסן דאָס קעלבל.

גייט ער אַוועק אַהיים און הערט ניט אויף טראַכטן פונעם קעלבל; ער זעט עס אַלעמאָל פאַר די אויגן מיט די שוואַרצע און ווייסע פלעקן און מיטן רויטן טיכל אַרום האַלדז אַרומגעבונדן.

גייט דורך אַ צוויי, דריי יאָר און דער פּאַרמער דערפילט ווי מיט יעדן טאָג ווערט זיין באָרד שווערער און שווערער — ממש עס ציט אים צו דער ערד אַרונטער. באַשליסט ער: גיין אָפּשערן זיין באָרד.

קומט ער צום שערער. לייגט אים דער שערער אַוועק אויף דער שטול און נעמט אים איינזייפן די באָרד. זייפנדיק, דערהערט דער שערער פון באָרד אַרויס אַ „מו־ו־ו!" און גלייך נאָכדעם קומט אַ „מע־ע־ע!" איז דער שערער געבליבן דערשראָקן אויף טויט. און נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו קומען צו זיך, זעט ער ווי פון דער באָרד שפּרינגט אַרויס אַ שוואַרץ־ווייסע קו מיט אַ רויט טיכל אַרום האַלדז אַרומגעבונדן. און נאָך דער קו שפּרינגט אַרויס אַ רויט קעלבל.

ווען דער פּאַרמער האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שערערס שטול, אַרומגעכאַפּט די קו ביים האַלדז און מיט פרייד גענומען שרייען —

הערט נאָר, מענטשן! זעט נאָר, קינדער!
אָט, אַ וואונדער! אָט, אַ וואונדער!
פון מיין קעלבל איז אַ קו געוואָרן!
און מיין קו האָט מיר אַ קעלבל געבאָרן!



אין „זו" (זאָלאָגישן גאָרטן)

א

1) פון פייגל־הויז.

2) פון זשיראַפן־הויז.

3) דער העלפאַנט און די גרויסע וואונדער וואָס ער האָט געקאָנט באַווייזן.

1

פון פויגל־הויז

משה, חיים און געצל האָבן איינמאָל אין אַ זונטיק באַשלאָסן גיין אין „זו" (זאָאָלאָגישן גאָרטן). האָט מען מיטגענומען נאַשערייען, זיך אויפגעזעצט אויף דער באַן און געפאָרן צום „זו".

ווען זיי זיינען געקומען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, האָבן זיי זיך געלאָזן פון געביידע צו געביידע און האָבן מיט נייגעריקייט אַלצדינג באַקוקט, באַטראַכט און באַוואונדערט. זיי האָבן זיך דאָרט אָנגעזען אַ סך מאָדנע באַשעפענישן און זיך אָנגעהערט אַ סך מאָדנע קלאַנגען. ווען זיי זענען מיד געוואָרן, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף איינער פון די בענק, וואָס שטייען אין גאָרטן, געגעסן די נאַשערייען, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט, און נאָכגעטראַכט נאָך די אַלע זאַכן, וואָס זיי האָבן זיך דאָ אָנגעזען. אָבער צו לאַנג זיצן און שווייגן קאָנען זיי דאָך ניט, האָט זיך משה אָנגערופן:

— איר ווייסט, חברה, איך וועל אײַך היינט דערציילן אַן אמתע מעשה. דאָס מיינט, אַזאַ מעשה, וואָס איז אַן אמת און אין דערזעל־ביקער צייט פול מיט וואונדער.

רופן זיך אָן חיים און געצל:

— אויב דו וועסט דערציילן אַן אמתע מעשה, וועלן מיר אויך דערציילן אמתע מעשות. יאָ, אמתע מעשות וואָס זענען פול מיט וואונדער.

ענטפערט משה:

— גוט אַזוי. ווייל ווען מע זעצט זיך אָט אָ דאָ אין גאָרטן, און מע זעט די אַלע חיות אַרום און אַרום, און מע הערט די אַלע קלאַנגען — ווילט זיך דערציילן און סע ווילט זיך הערן בלויז אמתע מעשות וואָס זענען פול מיט וואונדער.

אָט הערט, וואָס סע האָט זיך פּאַרלאָפן מיט מיין קאָמפּאָזיטאָר:

איך האָב אַמאָל געקאָנט אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָס פלעגט שרייבן זייער שיינע מעלאָדייעס. אָבער אַליין איז ער גאָר ניט געווען קיין שיינער. ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, מיט אַ לאַנג, שמאָל פּנים, מיט אַ דינער אויסגעקרימטער נאָז, ווי דער שנאָבל פון אַ פויגל, און מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, וואָס זענען אים אַראָפּגע־האַנגען איבער די אַקסלען ביז צו די קנאָפּל פון זיינע פּיס. האָט ער טאַקע אויסגעזען מאָדנע, און מענטשן פלעגן פון אים לאַכן, און אים רופן — „דער זו־זו פויגל".

ווען ער פלעגט הערן ווי מע לאַכט פון אים און מע רופט אים „זו־זו פויגל" פלעגט ער ביטערלעך שמייכלען און זאָגן צו מיר:

— הערסט, משה, ביי אונדז מוזיקער איז דאָ אַ ווערטל —
„ווער עס זיצט אין פויגל הויז
מיינט, אַז ער איז אַ זינגער." —

און אָט די אַלע מיינען, אַז זיי זענען מענטשן, זיי קוקן אין שפּיגל און זעען זיך ניט.

ער איז געווען אַ מאָדנער מענטש, אָט דער קאָמפּאָזיטאָר. ווען ער פלעגט מיך דערזען אויף דער צווייטער זייט גאַס, פלעגט ער צו מיר אַריבערשרייען: גלין־ן־ן! גלין־ן־ן! דאָס האָט געמיינט: האַלאָ, משה! וואָס מאַכסטו? פלעג איך אים צוריק ענטפערן: גלאַן־ן־ן! גלאַן־ן־ן! און דאָס האָט געזאָלט מיינען האַלאָ, פראָ־

פעסאָר! וואָס איך מאַך? — אַ קאַסטן פאַר היטלערן מאַך איך. פלעגט ער זיך צעלאַכן און אַוועקגיין.

ווען אָט דער פּראָפעסאָר פלעגט דאַרפן אָנשרייבן אַ סימפאָניע, פלעגט ער אַוועקגיין אין „זו", זיך אַריינזעצן אין פויגל־הויז און פלעגט פון דאָרטן ניט אַרויס, ביז ער האָט אָנגעשריבן זיין סימפאָניע. און אפילו ווען זיין סימפאָניע איז שוין געווען פאַרטיק, פלעגט ער אַ סך מאָל ניט וועלן אַוועק פון פויגל־הויז. ווייל אין פויגל־הויז פלעגט קיינער פון אים ניט לאַכן, און ער האָט זיך דאָרטן געפילט בעסער ווי צווישן מענטשן.

איינמאָל זאָגט ער צו מיר:

ווייסט, משה, פייגל זענען די איינציקע אמתע מוזיקער אויף דער וועלט. די צרה איז נאָר, וואָס אַ פויגל קאָן קיין נאָטן ניט שרייבן.

און דעריבער טאַקע, פלעגט דער קאָמפּאָזיטאָר גאַנץ אָפט גיין אין פויגל־הויז און ווען ער פלעגט אַרויסגיין פון דאָרטן, פלעגט ער מיט זיך טראָגן גאַנצע פּעק מיט אָנגעשריבענע נאָטן.

מיט דער צייט האָט דער קאָמפּאָזיטאָר אָנגעהויבן אונטער־נעכטיקן אין פויגל־הויז. ווייל ס'זיינען פאַראַן אייניקע סאָרטן פייגל, וואָס קאָנען זינגען בלויז ביינאַכט, אין דער פינצטער, און ווי נאָר די ערשטע שטראַלן פון דער זון באַווייזן זיך, אַזוי ווערן זיי אַנטשוויגן. האָט דער קאָמפּאָזיטאָר אַזוי לאַנג אונטערגענעכטיקט אין פויגל־הויז ביז ער האָט איבערגענומען די אַלע געזאַנגען פון די פייגל און האָט אַליין אָנגעהויבן זינגען ווי אַ פויגל.

***

און דאָ איז מיט אים געשען אַ שיינע זאַך. ווי נאָר דער קאָמ־פּאָזיטאָר האָט אָנגעהויבן זינגען ווי אַ פויגל, אַזוי האָט ער מער

ניט געוואַלט אָפּטרעטן פון פויגל־הויז און האָט דאָרט אָנגעהויבן טאָגן־און־נעכטיקן. — ער פלעגט דאָרט זיצן אַ פאַרחלומטער און זינגען מיט אַלע פייגל גלייך. איז ער אַזוי לאַנג געזעסן אין פייגל־הויז ביז ער האָט אינגאַנצן אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ פויגל.

און פונקט אין יענער צייט איז אָנגעקומען אַ נייער אויפפּאַסער איבערן פויגל־הויז. גייט דער אויפפּאַסער איינמאָל בייגאַכט איבערן פויגל־הויז צו זען אויב אַלץ איז דאָרט אין אָרדענונג. דערזעט ער ווי אויף אַ באַנק זיצט עפּעס אַ מאָדנער פויגל מיט לאַנגע שוואַרצע האָר און זינגט (און דאָס איז געווען מיין קאָמפּאָזיטאָר). כאַפּט ער אים און זעצט אים אַריין אין אַ שטייג. זיצט ער נאָך דאָרטן ביזן היינטיקן טאָג.

און דאָס איז אַן אמתע מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט מיין באַקאַנטן קאָמפּאָזיטאָר. איר געדענקט, ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער לעצטער שטייג אין פייגל־הויז, האָט איינער פון די פייגל צו מיר אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ און אויסגעקלונגען — „גלין־ן־ן, גלין־ן־ן! אַזוי ווי אַ גלעקל! — דאָס איז ער, דער געוועזענער קאָמפּאָזיטאָר, ער האָט מיך דערקענט.

2

פון זשיראַפן־הויז

— נו, איז וואָס? רופט זיך אָן חיים. עס טרעפן אַזעלכע זאַכן. און אַזאַ געשעעניש איז גאָר פון די קליינע וואונדער. אָט, איך האָב אַמאָל געקאָנט אַ דיכטער, פלעגט ער שטענדיק זאָגן אַזאַ גראַם:

„אַז מען זיצט אויף אַ זשיראַפן־האַלדז פון אויבן,
מיינט מען אַז מען איז דערהויבן.״

און דער דיכטער האָט עס געזאָגט פון אייגענער דערפאַרונג. די זאַך האָט טאַקע מיט אים אַליין געטראָפן.

עס איז אַזוי געווען:

אין „זו" האָט מען איינמאָל געבראַכט אַ זייער הויכן זשיראַף, האָט דער זשיראַף געהאַט אַזאַ לאַנגן האַלדז, אַז זיין קאָפּ האָט דערגרייכט ביז אין די וואָלקנס אַריין. איז וואו זאָל מען אַהינטאָן אַזאַ הויכן זשיראַף? מע קאָן דאָך אים ניט האַלטן אינדרויסן? האָט מען באַשלאָסן אויפצובויען פאַר אים אַ שטאַל. ס'איז אָבער גרינג צו זאָגן: „אויפבויען אַ שטאַל"! ווי קאָן מען אויפבויען אַ שטאַל, וואָס זאָל גרייכן ביז אין די וואָלקנס אַריין? האָט מען באַשלאָסן אויפצובויען אַזאַ גרויסע, רונדיקע שטאַל, אַז ווען דער זשיראַף וועט איינבויגן זיין קאָפּ זאָל ער קאָנען אַהין אַריין. האָט מען אַזוי געטאָן. פלעגט דער זשיראַף אַריינגיין אין שטאַל נאָר ווען ער האָט געדאַרפט שלאָפן, אָדער ווען ער האָט געוואָלט עסן. אָפּגעגעסן, פלעגט ער אַרויס אינדרויסן, אַריינשטעקן זיין קאָפּ אין די וואָלקנס אַריין און דרעמלען.

איינמאָל, אין אַ פאַרוואָלקנטן טאָג, איז אַ צעפּעלין געפלויגן איבער דער שטאָט און זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן, ווייל מע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט זען וואָס סע טוט זיך פון אונטן. איז וואָס זאָל מען טאָן? דער צעפּעלין מוז זיך דאָך אָפּשטעלן! האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעשטעלט זיין שפּאַקטיוו און גענומען זוכן, אפשר וועט ער דערזען אַן אָרט, וואו מע קאָן זיך אָפּשטעלן. אָבער די וואָלקנס זענען געווען אַזוי געדיכט, אַז אפילו מיט דעם שפּאַקטיוו האָט מען גאָרנישט ניט געקאָנט זען. רופט זיך אָן דער קאַפּיטאַן צו צוויי פון זיינע פליגל־מענטשן:

— טוט אויף זיך אָן די פליגל און לאָזט זיך אַרויס אַ זוך טאָן, אפשר וועט איר קאָנען געפינען אַן אָרט וואו מע קאָן אָפּשטעלן דעם צעפּעלין.

האָבן זיך די פליגל־מענטשן אַרויסגעלאָזט, באַלד זיך צוריק־געקערט און געזאָגט:

— מיר זענען אַרומגעפלויגן נידעריק איבער דער גאַנצער געגנט, וואו די שטאָט ליגט פון אונטן. אָבער מיר האָבן גאָרנישט ניט געקאָנט זען. זענען מיר געקומען איבער אַ געגנט — ווי דער קאָמפּאַס האָט אונדז געוויזן, האָט עס געמוזט זיין איבערן „זו״ — האָבן מיר דערזען ווי עפּעס אַ מאָדנע זאַך שטעקט פון די וואָלקנס אַרויס. זענען מיר צוגעפלויגן נאָענט און עס באַטראַכט: און וואָס מער מיר האָבן עס באַטראַכט, אַלץ מער האָט זיך אונדז ניט געגלויבט, אַז ס'איז אמת וואָס מיר זעען. און מיר זענען זיכער, אַז אויך איר וועט אונדז ניט גלויבן וואָס מיר האָבן געזען.

שרייט דער קאַפּיטאַן:

— זאָגט שוין גיכער, וואָס האָט איר געזען?

זאָגן די פליגל־מענטשן:

— מיר האָבן געזען אַ קאָפּ פון אַ זשיראַף שטעקט פון די וואָלקנס אַרויס, אָבער . . .

— וואָס אָבער? ווער אָבער? מיר פליען אַהין פאַראַנקערן!

אַז דער צעפּעלין איז צוגעקומען נאָענט צום זשיראַפס קאָפּ, האָט דער קאַפּיטאַן גלייך געהייסן פאַרוואַרפן שטריק און צובינדן דעם צעפּעלין צום זשיראַפס הערנער. האָט מען אַזוי געטאָן.

פונקט אין דער מינוט האָט דער אויפפאַסער אַריינגעבראַכט פריש היי אין שטאַל פאַרן זשיראַף. ווען דער זשיראַף האָט דער־שמעקט דעם ריח פון פריש היי, האָט ער געגעבן אַ בויג אַיין זיין

קאָפּ, אַריין אין שטאַל און מיטגעשעלפּט דעם צעפּעלין מיט זיך. די מענטשן, וואָס זענען געווען אין „זו״, האָבן זיך דערשראָקן, אָבער די מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען מיטן צעפּעלין, האָבן זיך דערפרייט און זענען אַלע אַרויס און זיך אַוועקגעלאָזט באַטראַכטן דעם „זו״.

⁂

צווישן די מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען מיטן צעפּעלין, איז אויך געווען מיין באַקאַנטער דיכטער. אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט אַז ער איז אַ דיכטער, און קיינער האָט צו אים ניט אַרויפגעקוקט. און מיין דיכטער האָט אַלעמאָל געוואָלט זיין דערהויבן, און געוואָלט אַז מע זאָל צו אים אַרויפקוקן. איז ווי נאָר ער האָט דערזען דעם זשיראַף, אַזוי איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן ווי דערהויבן צו ווערן. און ער האָט אויסגערופן מיט פרייד:

— אַך, וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל! אַך, וואָס פאַר אַ גאָלדענע געלעגנהייט!

ער האָט אין אַיילעניש צעעפנט זיין רענצל און האָט פון דאָרט גענומען שלעפּן פּאַפּיר מיט בלייפעדערס און עס גענומען שטופּן אין זיינע קעשענעס. צולעצט האָט ער געכאַפּט אַ גרויסן ווערטערבוך פון גראַמען און איז געווען גרייט.

און טאַקע באַלד האָט דער זשיראַף איינגעבויגן דעם קאָפּ אָנצונעמען אַ מויל היי. האָט זיך מיין דיכטער געגעבן אַ כאַפּ אַרויף צו אים אויפן קאַרק און זיך אָנגעהאַלטן פאַר די קורצע הערנער.

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען: די מענטשן, וואָס האָבן עס צוגעזען, האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי

פון שרעק און פאַרוואונדערונג. דער זשיראַף אַליין האָט זיך דערשראָקן, איז אַרויסגעלאָפן פון שטאַל, אויפגעהויבן זיין קאָפּ אין די וואָלקנס אַריין און אים מער ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן.

ווען די נייס וועגן מיין דיכטער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, זענען טויזנטער מענטשן געלאָפן צום „זו" יעדן טאָג אָנקוקן דעם בייזוואונדער. און מיין דיכטער איז זיך געזעסן ביים זשיראַף אויפן קאַרק, האָט געשריבן פּאָעזיע און אָנגעקוואָלן פון דעם וואָס אַזוי פיל מענטשן קוקן צו אים אַרויף.

אָבער לאַנג אָנקוועלן האָט מיין דיכטער ניט געקאָנט, ווייל אים האָט זיך אָנגעהויבן וועלן עסן און ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אַראָפּצוגיין, איז ער געזעסן אויבן און געהונגערט. אָבער ווען ס'איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר טעג און דער הונגער האָט גענומען שניידן אין בויך ווי מיט מעסערס, האָט ער אָנגעהויבן וויינען און בעטן:

— געוואַלד, מענטשן, העלפט!

איך בעט אייך, העלפט מיר אַראָפּגיין!

האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ סך מענטשן און אים געוואָלט העלפן, האָבן זיי אָבער ניט געקאָנט אויפשטעלן אַזוינע הויכע לייטערס. האָבן די מענטשן געאַרבעט, און געאַרבעט, טאָג און נאַכט, ביז זיי זענען אַלע מיד געוואָרן און זענען איינגעשלאָפן ביי דער אַרבעט — יעדערער וואו ער איז געשטאַנען: איינער אויפן האַמער, איינער אויף דער זעג, איינער אויפן לייטער און איינער אונטערן לייטער.

ווען דער זשיראַף האָט דערפילט, אַז ס'איז שטיל געוואָרן אַרום אים, האָט זיך אים פאַרגלוסט כאַפּן אַ מויל היי, וואָס איז געלעגן אָנגעגרייט פאַר אים. איז ווי נאָר דער זשיראַף האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ, אַזוי איז דער דיכטער פון דאָרט אַראָפּגעפאַלן, זיך צוגע-

קייקלט ביז צום שטאַל און איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער.

ווען מיין דיכטער איז געקומען צו זיך און האָט דערזען, אַז אַרום־און־אַרום ליגן מענטשן און כראָפּען, האָט ער גענומען און אָנגעשריבן אַזאַ צעטעלע:

„אַז מען זיצט אויף אַ זשיראַפן־האַלדז פון אויבן,
מיינט מען אַז מען איז דערהויבן.״

האָט אויפגעקלעפּט דאָס צעטעלע אויפן זשיראַפן־שטאַל, און האָט זיך שטילערהייט פאַרקליבן ערגעץ אויף אַ בוידעם־שטיבל און זיצט נאָך דאָרטן ביזן היינטיקן טאָג.

און דאָס איז אַן אמתע מעשה. אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט מיינעם אַ באַקאַנטן דיכטער.

3

דער העלפאַנט און די גרויסע וואונדער וואָס ער האָט געקאָנט באַווייזן

רופט זיך אָן געצל:

— אויך מיר אַ מעשה פול מיט וואונדער! משהס מעשה מיטן קאָמפּאָזיטאָר, מוז איך צוגעבן, איז טאַקע טשיקאַווע. אָבער, וואו איז דאָרטן דאָס וואונדער? און אין חיימס מעשה מיטן דיכטער איז בלויז דער זשיראַף אַביסעלע אַנדערש. אָבער, דאָס איז נאָך אַלץ פון די קליינע וואונדער.

אָט, איך האָב אַמאָל געקאָנט אַ פּראָפעסאָר פון זאָאָלאָגיע, איז ער געווען אַזאַ קליין מענטשעלע, אַז ער האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן ביי אַ העלפאַנט אין אויער. און איינמאָל איז טאַקע אַזוי געשען.

דאָס איז געווען, ווען מע האָט געבראַכט אַ נייעם העלפאַנט פון אַפריקע. האָט מען געבעטן דעם פּראָפעסאָר צו מאַכן אַ שטודיום איבערן העלפאַנט. האָט דער פּראָפעסאָר צוגעשטעלט אַ לייטער, אַרויפגעקראָכן צום העלפאַנט אויפן קאַרק און גענומען אויסמעסטן דעם העלפאַנטס קאָפּ. פּונקט דעמאָלט האָט אַ לייב זיך אַרויס־געריסן פון זיין שטייג און זיך געלאָזן מיט א געברילל איבערן „זו". האָט זיך דער פּראָפעסאָר שטאַרק דערשראָקן, איז ער אַריינגעלאָפן צום העלפאַנט אין אויער און זיך דאָרטן באַהאַלטן. האָט מען אַ שטיק צייט ניט געוואוסט וואו דער פּראָפעסאָר איז אַהינגעקומען — האָט מען שוין גענומען טראַכטן: אפשר האָט דער לייב אים איינגעשלונגען?

איינמאָל, ווען די אויפפּאַסער האָבן געבאָדן דעם העלפאַנט, האָבן זיי אים גענומען אַריינשפּריצן וואַסער אין די אויערן. ערשט מע טוט אַ קוק: פון העלפאַנטס לינקן אויער לויפט אַרויס דער פּראָפעסאָר — אינגאַנצן אַ נאַסער, מיט צעפּאַטלטע האָר — און צעשרייט זיך:

— וואו איז דער לייב? האַ?
וואו
איז
דער
לייב?!

איר מיינט דאָך, אַז די אויפפּאַסער האָבן זיך צעלאַכט? — ניין. זיי ווערלן פון דעם פּראָפעסאָר ניט לאַכן, ווייל כאָטש ער איז געווען אַ קליין מענטשעלע, איז ער אָבער געווען זייער אַ גרויסער געלערנטער. האָבן אים די אויפפּאַסער ערנסט געענטפערט:

— אָ, דער לייב ? דעם לייב האָט מען באַלד געכאַפּט און צוריק פֿאַרשפּאַרט אין שטייג.

האָט זיך דער פּראָפעסאָר באַרואיקט.

***

אָט דער פּראָפעסאָר פֿלעגט מיר אַלעמאָל זאָגן :

— דו ווייסט, געצל ?

אַז מען זיצט אין אַ העלפֿאַנט־הויז,

מיינט מען אַז מע איז גרויס.

און אויך מיין פּראָפעסאָר, אַזוי ווי חיימס דיכטער, האָט עס געזאָגט פֿון אייגענער דערפֿאַרונג. ווייל ס'האָט מיט אים געטראָפֿן אַזאַ מעשה :

אין „זו" איז געווען אַ זייער גרויסער העלפֿאַנט, וואָס טאַקע אָט דער פּראָפעסאָר האָט אַריינגעבראַכט. האָט דער העלפֿאַנט געהאַט אַזאַ לאַנגע און ברייטע נאָז, אַז מע האָט זי אַמאָל גענוצט ווי אַ קאַנאַל.

דאָס איז געווען מיט אַ גאַר לאַנגער צייט צוריק, ווען דער העלפֿאַנט איז נאָך געווען אין מצרים. אין יענע צייטן האָט מען נאָך פֿון קיין קאַנאַלן ניט געוואוסט. און, פֿאַרשטייט זיך, אַז דער סועץ קאַנאַל איז נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט ניט געווען. אָבער שיפֿן האָבן דאָך געדאַרפֿט פֿאָרן פֿון איין לאַנד אין אַנדערן ? און פֿאָרן מיט אַ שיף פֿון די מיטללענדישע ים־ברעגן קיין אינדיע, האָט מען אין יענע צייטן געמוזט פֿאָרן אַרום און אַרום אַפֿריקע — און דאָס איז געווען צו ווייט. זיינען די מצריים געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן (זיי זיינען געווען קלוגע מענטשן, אָט די מצריים — אויף אַלץ האָבן זיי געהאַט אַ פּלאַן). זיי האָבן גענומען דעם העלפֿאַנט און אַוועקגעשטעלט ביים סוף פֿון רויטן ים. און דער העלפֿאַנט איז געווען

זייער אַ קלוגער, — ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס מע וויל פון אים. האָט ער זיך אָוועקגעלייגטביים רויטן ים און אויסגעצויגן זיין לאַנגע נאָז איבער סיני־מדבר ביז צום מיטללענדישן ים. אַז זיין נאָז איז אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער ווי אַ קאַנאַל, זיינען די שיפן פון מיטללענדישן ים אַריינגעפאָרן צו אים אין נאָז און זענען נאָכדעם דורך זיין מויל אַרויסגעשוואומען אין רויטן ים אַריין.

און אַזוי האָט דעם העלפאַנטס נאָז געדינט פאַר אַ קאַנאַל אַ סך יאָרן און די מצריים זענען דורך דעם רייך געוואָרן — ווייל יעדע שיף האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר דורכפאָרן דעם העלפאַנטס נאָז־קאַנאַל. אָבער די מצריים זענען געווען שלעכטע מענטשן, האָבן זיי באַהאַנדלט דעם העלפאַנט שלעכט: אים געשלאָגן, געגעבן ווייניק עסן און כמעט קיין רו ניט געגעבן. האָט זיך דער העלפאַנט געטראַכט: וואַרט, ס'וועט קומען אַ טאָג, און איך וועל זיך מיט אייך אָפּרעכענען! און אַ העלפאַנט פאַרגעסט ניט. האָט ער געוואַרט ביז דער טאָג איז געקומען. און ער האָט זיי אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל, וואָס איז נאָכדעם פאַרשריבן געוואָרן אין די כראָניקעס.

דאָס איז געווען, ווען די יידן האָבן זיך באַפרייט פון מצרים און זענען געקומען צו די ברעגן פון רויטן ים. און די מצריים האָבן צוזאַמענגענומען זייער מיליטער און מיט פערד און רייטוועגן גענומען נאָכיאָגן די יידן. ווען דער העלפאַנט האָט דאָס דערזען, האָט ער גלייך געגעבן אַ צי אַריין די וואַסערן פון רויטן ים צו זיך אין נאָז אַריין און געלאָזן די יידן אַריבערגיין איבער דעם אויס־געטריקנטן בעט פון ים ווי איבער אַ געוויינלעכן טאָל. אָבער, ווען די מצריים האָבן גענומען נאָכיאָגן די יידן איבער דעם בעט פון ים, האָט דער העלפאַנט געגעבן אַ לאָז די וואַסערן פון זיין נאָז און דערטרונקען די מצריים מיט זייערע פערד און רייטוועגענער.

אָט אַזוי האָט זיך דער העלפאַנט אָפּגערעכנט מיט זיינע שלעכטע באַלעבאַטים.

***

מיט יאָרן שפּעטער האָט מיין באַקאַנטער פּראָפעסאָר געמאַכט אַ רייזע איבער עגיפּטן און האָט דאָרטן געפונען דעם העלפאַנט. האָט ער אים מיטגענומען מיט זיך קיין ניו־יאָרק און אים אָריינ־געגעבן אין „זו".

ס'איז גרינג צו זאָגן: „מיטגענומען קיין ניו־יאָרק". — ס'טוט זיך ניט אַזוי גרינג ווי עס רעדט זיך! מע האָט געמוזט בויען ספּעציעלע שיפן און ספּעציעלע באַנען. האָט מען טאַקע אויסגעבויט אַ ריזיקע שיף, אַרויפגעזעצט דעם העלפאַנט מיט דעם פּראָפעסאָר און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דער גאַנצער וועג פון עגיפּטן ביז אַמעריקע איז צוגעגאַנגען גאַנץ גלאַטיק — פאַרשטייט זיך מיט דער אויסנאַם פון אַ פּאָר קלייניקייטן. אַ שטייגער: ווען די שיף האָט זיך נאָך געפונען אין מיטללענדישן ים, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער שטורעם, און כוואַליעס האָבן זיך גענומען הויבן — בערג די הויך! וואָס זשע האָט דאָ דער העלפאַנט געטאָן? — איין קלייניקייט: ער האָט אויסגעשטרעקט זיין לאַנגע נאָז אַנטקעגן די שטורעמדיקע כוואַליעס און, ווי נאָר אַ כוואַליע האָט זיך גענומען טראָגן אַנטקעגן דער שיף, אַזוי האָט ער זי איינגעשלונגען און נאָכדעם אויסגעגאָסן אויף דער אַנדערער זייט שיף, אַזוי אַז די שיף האָט זיך געגליטשט איבערן וואַסער ווי איבער אַ שפּיגל. אָבער שלינגענדיק די כוואַליעס, האָט ער איינמאָל צוזאַמען מיט דער כוואַליע אַריינגעצויגן אַ גאַנצע פאַמיליע ים־חזירים אין נאָז אַריין. איז אים אַזוי ביטער געוואָרן אין נאָז פון דעם גערוך, אַז ער האָט פאַרהויבן זיין נאָז און געגעבן

אַ שפּיי אַרויס די ים־חזירים מיט דער כוואַליע צוזאַמען. און פונקט דעמאָלט האָט זיך די שיף געפונען לעבן איטאַליע, זענען די ים־חזירים אַריינגעפלויגן קיין איטאַליע און זענען שוין דאָרט פאַר־בליבן ביזן היינטיקן טאָג.

***

גלייך נאָכדעם ווי דער העלפאַנט האָט אַרויסגעשפּיגן די ים־חזירים אויף איטאַליע, האָט ער אָפּגעטאָן נאָך אַ שפּיצל, וואָס האָט געראַטעוועט אַ גאַנצן אינדזל מיט מענטשן פון אַ גרויסער געפאַר. דאָס איז אַזוי געווען.

ווען דער העלפאַנט האָט אויסגעשפּיגן די ים־חזירים, איז אים נאָך אַלץ פאַרבליבן אין נאָז דער שלעכטער גערוך פון אָט די שליימיקע ים־חיות. האָט ער אַוועקגעקערט זיין קאָפּ פון איטאַליע צו דער צווייטער זייט שיף און האָט אַריינגעצויגן אַ פולע נאָז מיט דעם געזאַלצענעם ים־וואַסער, און עס געגעבן אַ גאָס אויס איבערן מאַלטאַ־אינדזל, וואָס האָט זיך געזען פון דער ווייטן. און טאַקע גוט, וואָס ער האָט אַזוי געטאָן. ווייל פונקט דעמאָלט האָט אַ היישעריק באַדעקט דעם גאַנצן אינדזל און זיך גענומען פרעסן אַלצדינג, וואָס ס'איז אים נאָר געקומען אין וועג. דער היישעריק האָט שוין געהאַט אויפגעגעסן אַלצדינג פון די פעלדער, פון די וועלדער, פון די סעדער און פון די גערטנער און זיך שוין גענומען פרעסן די שאָף און רינדער. ווייל דער היישעריק איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז ער האָט געשלונגען שעפּסן ווי די האַלעשקעס! די מענטשן האָבן נאָכדעם דערציילט, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי ביי אייניקע היישעריקן האָט אַרויסגעשטעקט פון מויל אַ קאָפּ פון אַ באַראַן, און דער באַראַן האָט געשריען: מע־ע־ע! און ביי אייניקע היישעריקן האָט אפילו אַ קאָפּ פון אַ קו אַרויסגעשטעקט פון מויל

און די קו האָט רחמנותדיק געשריען: מו־ו־ו! און די מענטשן האָבן עס צוגעזען און האָבן גאָרניש געקאָנט טאָן. ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער היישעריק וועט ניט האָבן וואָס צו עסן, וועט ער זיך נעמען שלינגען מענטשן. איז ווי די מענטשן שטייען אַזוי און ציטערן, דערזעען זיי מיטאַמאָל ווי אַ שטאַרקער שטראָם וואַסער האָט זיך געגעבן אַ לאָז — ווי פון הימל אַראָפּ — און האָט אַראָפּגעשווענקט דעם היישעריק אין ים אַריין.

דערזעען אַזאַ זאַך, זענען די אײַנוואוינער פונעם אינדזל געוואָרן פול מיט פרייד, האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די באַרגיקע ברעגן פונעם אינדזל און האָבן געדאַנקט דעם העלפאַנט, וואָס ער האָט זיי געהאָלפן פטור ווערן פונעם היישעריק.

און נאָך ביז היינטיקן טאָג דערציילן זיך די אײַנוואוינער פונעם מאַלטאַ־אינדזל די מעשה פון דעם גוטן העלפאַנט מיט דער לאַנגער נאָז, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פונעם בייזן היישעריק.

***

און אַזוי האָט זיך די שיף געגליטשט איבער די בלויע וואַסערן פונעם מיטללענדישן ים, ביז זי איז אַרײַנגעפאָרן אין די גרינע וואַסערן פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. און דאָ איז געשען אַ קלייניקייט: פונקט דעמאָלט, ווען דער העלפאַנט איז אײַנגעשלאָפן, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם אויפן ים און האָט צעבראָכן די רודערס פון דער שיף. איז געוואָרן אַ גערודער אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן האָט אַ בראַוער אַרומגעמאַרשירט איבער דער שיף, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן ווינקל און געשריען:

— אַ האַ־אַ־אַי! אַ האָ־אַ־אַי!
צו אַלע שיפן איבערן ים דעם טיפן:

וואָס גיכער זיך אַיילן דורך ימיקע מיילן
צו העלפן אַ ברודער! —
מיר זענען אַ שיף אָן אַ רודער!

אויף אַ צווייטער טייל פון שיף האָבן די אָפיצערן אַרומגעמאַרשירט — אַלע ווי איין מאַן — זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן ווינקל און אַלע ווי איין מאַן געשריען:

— אַ האָ־אָ־אָי! אַ האָ־אָ־אָי!
צו אַלע שיפן איבערן ים דעם טיפן:
וואָס גיכער זיך אַיילן דורך ימיקע מיילן
צו העלפן אַ ברודער! —
מיר זענען אַ שיף אָן אַ רודער!

און אויף אַ דריטער טייל פון שיף האָבן די מאַטראָזן — אַלע ווי איין מאַן — געמאַרשירט, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן ווינקל און אַלע ווי איינער געשריען:

— אַ האָ־אָ־אָי! אַ האָ־אָ־אָי!
צו אַלע שיפן איבערן ים דעם טיפן:
וואָס גיכער זיך אַיילן דורך ימיקע מיילן
צו העלפן אַ ברודער! —
מיר זענען אַ שיף אָן אַ רודער!

פון דעם געשריי און גערודער האָט זיך דער העלפאַנט אויפגעוועקט פון זיין שלאָף. און ווען ער האָט אויסגעפונען וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, האָט ער אַריינגעלאָזט זיין לאַנגע נאָז אין ים אַריין און מיט איר גענומען רודערן. האָט זיך די שיף גענומען טראָגן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז נאָך איידער מע האָט צייט געהאַט זיך אַרומקוקן, איז שוין די שיף אָנגעקומען צו אַ ברעג.

אָבער אַנשטאָט אָנקומען קיין ניו יאָרק, איז די שיף פאַרפאָרן קיין פילאַדעלפיע. האָט מען אין פילאַדעלפיע אויסגעבויט אַ ספּעציעלע גרויסע באַן, אַרויפגעזעצט דעם העלפאַנט מיט דעם פּראָפעסאָר און די באַן האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. האָט זיך די באַן קוים געשלעפּט מיט דער שווערער מאַסע. און טאַקע דאָ אויפן וועג פון פילאַדעלפיע קיין ניו יאָרק האָט שיר געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. עס איז אַזוי געווען:

ווען די באַן איז שוין געווען ניט ווייט פון ניו־יאָרק און האָט געהאַלטן אין קרייצן אַ ריי אַנדערע רעלסן, דערזעט דער פּראָפעסאָר, ווי איבער איינער פון די רעלסן טראָגט זיך אַ שנעל־צוג, און אָט, אָט, פּאָרט דער שנעל־צוג אין זייער באַן אַריין. האָט זיך דער פּראָפעסאָר זייער דערשראָקן, האָט צוגעמאַכט די אויגן און שוין געוואַרט אויפן קראַך. און דער קראַך וואָלט טאַקע געשען ווען ניט דער העלפאַנט. ווען דער העלפאַנט האָט דערזען וואָס דאָ וועט באַלד געשען (אַ זייער קלוגער העלפאַנט געווען) האָט ער גיך געגעבן אַ צי אויס זיין לאַנגע נאָז דעם שנעל־צוג אַנטקעגן. איז דער שנעל־צוג אַריינגעפלויגן צום העלפאַנט אין נאָז ווי אין אַ טונעל אַריין, און איז אַרויסגעפלויגן פון העלפאַנטס מויל אויף דער אַנדערער זייט באַן און זיך ווייטער געטראָגן אין וועג גלייך ווי גאָרניט איז געשען. און ווען דער פּראָפעסאָר האָט געעפנט זיינע אויגן און דערזען וואָס דער העלפאַנט האָט דאָ אויפגעטאָן, האָט ער זיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט. און פון דעמאָלט אָן טאַקע איז דער פּראָפעסאָר צוגעזאָטן געוואָרן צום העלפאַנט און פון אים מער ניט געוואָלט אָפּטרעטן.

שפּעטער, ווען מע האָט דעם העלפאַנט געבראַכט אין „זו" און פאַר אים דאָרט אויסגעבויט אַ ריזיק־גרויס הויז, האָט זיך דער פּראָפעסאָר אַריינגעקליבן אין העלפאַנט־הויז און האָט דאָרטן

געוואוינט מיטן העלפאַנט צוזאַמען. און ווען מענטשן פלעגן קומען יעדן טאָג, זיך אַרומקלייבן אַרום די גראַטעס, צו באַוואונדערן דעם העלפאַנט, פלעגט דער פּראָפעסאָר זיצן הינטער די גראַטעס מיטן העלפאַנט און דערציילן פאַר די מענטשן די אַלע גרויסע וואונדער, וואָס דער העלפאַנט האָט אויפגעטאָן.

****

איינמאָל האָט דער פּראָפעסאָר זיך געוויצלט איבער דער גרויס פון דעם העלפאַנט און די מענטשן האָבן שטאַרק געלאַכט, האָט דער העלפאַנט זיך באַליידיקט, איז אַרויס פון הויז און האָט פאַרשפּאַרט די טיר הינטער זיך.

ווען דער פּראָפעסאָר איז געבליבן אַליין אין אַזאַ ריזיק הויז הינטער גראַטעס, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט זייער קליין און אים האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז מיט יעדער מינוט ווערט ער קלענער און קלענער, און באַלד וועט פון אים גאָרנישט ניט ווערן — ער וועט אַריינוואַקסן אין זיך אַליין ביז צום סוף פון זיינע פיס און מע וועט אים אפילו פון זיינע שיך ניט אַרויסזען. האָט דער פּראָפעסאָר אויך געוואָלט אַנטלויפן פון דעם ריזיקן הויז, האָט ער אָבער די טיר ניט געקאָנט עפענען, איז ער שוין פאַרבליבן אין העלפאַנט־הויז. און ווען מענטשן פלעגן יעדן טאָג קומען אָנקוקן דעם גרויסן העלפאַנט און אנשטאָט דעם גרויסן העלפאַנט דאָרט געפונען דעם קליינינקן פּראָפעסאָר, פלעגן זיי זייער שטאַרק לאַכן און זאָגן:

— קוקט נאָר אָן דעם גרויסן העלפאַנט! — האָט איר שוין אַמאָל אַזוינס געזען?

און פון דעמאָלט אָן האַלט דער פּראָפעסאָר אין איין זאָגן דאָס ווערטל

„אַז מען זיצט אין אַ העלפאַנט־הויז,
מיינט מען אַז מען איז גרויס״.

איר ווילט דאָך מסתמא וויסן דעם סוף פונעם העלפאַנט? קאָן איך אײַך זאָגן, אַז דעם סוף פונעם העלפאַנט ווייסט משה. און דעם סוף פונעם פּראָפעסאָר? — דאָ איז קיין סוף ניטאָ. דער פּראָפעסאָר זיצט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין העלפאַנט־הויז.



„אין זו״ (זאָלאָגישן גאָרטן)

ב

1) וועגן אַ ריזיקן היפּאָפּאָטאַמוס וואָס האָט אײַנגעשלונגען זיין הויז מיט זיך צוזאַמען.

2) דער וואָלף, די שעפּס, און זייער קינד — שעפּסלוואָלף.

3) אַ רייזע אין בויך פון אַ שלאַנג איבערן אָפּגרונט פון פּאַסיפישן אָקעאַן.

1

וועגן אַ ריזיקן היפּאָפּאָטאַמוס וואָס האָט אײַנגעשלונגען זײַן הויז מיט זיך צוזאַמען

ווען געצל האָט געענדיקט דערציילן, רופט זיך אָן משה:

— איר ווייסט, חברה, איך פיל איצט ווי צו דערציילן נאָך אַ מעשה. ווייל געצלס מעשה מיטן העלפאַנט איז געווען אַזוי אינטע־רעסאַנט, אַז מע קאָן עס מיט אַן אמת אָנרופן: אַן אמתע מעשה פול מיט וואונדער. און דערפאַר טאַקע וויל איך אײַך איצט דערציילן אַן אַנדער אמתע מעשה וואָס איז פול מיט נאָך מער וואונדער ווי געצלס. דאָס איז די מעשה מיט דעם היפּאָפּאָטאַמוס. אָט הערט:

— וואַרט אַ ווײַלע! שרײַט אויס חיים. אויב דו וועסט דערציילן נאָך אַ מעשה, וועל איך אויך דערציילן נאָך אַ מעשה. און אַז איך וועל דערציילן נאָך אַ מעשה, וועט דאָך געצל אויך וועלן דערציילן נאָך אַ מעשה, איז ווען וועלן מיר אַהיימפאָרן? איר ווייסט, אַז סע ווערט שוין שפּעט?

— נו, איז וואָס אַז סע ווערט שפּעט? רופט זיך אָן געצל. פאַר מעשות דערציילן איז קיינמאָל ניט צו שפּעט. און חוץ דעם האָב איך אַן עצה: לאָמיר אָנהויבן דערציילן, און אַז סע וועט ווערן צו שפּעט צו ענדיקן אַלע מעשות דאָ, וועלן מיר זיך אויפזעצן אויף דער באַן און, פאָרנדיק אַהיים, דערענדיקן דערציילן די מעשות.

האָט מען אויף דעם אײַנגעשטימט. און משה האָט אָנגעהויבן דערציילן:

איינמאָל איז אין „זו" געווען אַזאַ גרויסער היפּאָפּאָטאַמוס, אַז ווען מע האָט אים געוואָלט אָנקוקן אין זיין גאַנצער גרויס, האָט מען געמוזט קומען צום „זו" דריי טעג נאָכאַנאַנד, און יעדן טאָג זען אַ באַזונדער טייל פון אים. צום ביישפּיל: אויב מע האָט מאָנטיק אינדערפרי אָנגעהויבן אָנקוקן זיין קאָפּ, איז מען ערשט מיטוואָך פאַרנאַכט צוגעקומען צו זיין עק.

ווען מע האָט אָט דעם היפּאָ צום ערשטן מאָל געפירט אין „זו" אַריין, האָט מען פאַר אים געמוזט שניידן ספּעציעלע גאַסן, ווייל די אַלטע גאַסן זיינען געווען צו שמאָל פאַר אים. ס'איז אָבער גרינג צו זאָגן — „שניידן גאַסן"! סע וואָלט דאָך געדויערט יאָרן ביז מע וואָלט מיט אַזאַ אַרבעט פאַרטיק געוואָרן! און וואַרטן קאָן מען ניט. איז וואָס זשע זאָל מען דאָ טאָן? איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן: מע האָט פריער אויסגעהונגערט דעם היפּאָ, און נאָכדעם האָט מען אָנגעלאָדן אַ לאַסט-וואָגן מיט פרישע ים-גראָזן און אים געפירט דורך די גאַסן. ווען דער היפּאָ האָט דערשמעקט די פרישע ים-גראָזן, האָט ער זיך געלאָזט לויפן נאָכן וואָגן און האָט מיט זיין ריזיקן קערפּער פאַנאַנדערגערוקט די מויערן — זיינען די גאַסן געוואָרן ברייטע. און אַזוי האָט מען כמעט אָן שוועריקייטן געפירט דעם היפּאָ צום „זו".

אָבער, ווען מ'איז צוגעקומען צום „האַרלעם ריווער", האָט זיך דעם היפּאָ פאַרגלוסט כאַפּן אַ דרימל. האָט ער זיך אויסגעלייגט אין דער גאַנצער לענג פון טייך און איז אַיינגעשלאָפן. און ס'איז געווען שיין צו זען ווי דער היפּאָ שלאָפט אין „האַרלעם ריווער", וויל ער האָט מיט זיין ריזיקן קערפּער צוגעדעקט דעם טייך ווי מיט אַ ריזיקן דעקל. זיינען טאַקע טויזנטער מענטשן געקומען אָנקוקן דעם וואונדער. און אַזוי ווי קיין בריקן זיינען נאָך דעמאָלט ניט

געווען, האָבן אויטאָמאָבילן און וועגענער גענומען פאָרן איבערן היפּאָ ווי איבער אַ בריק. טייל אויטאָמאָבילן זיינען אַריינגעפאָרן אין דעם היפּאָס נאָזלעכער — ווייל די אויטאָ־טרייבער האָבן געמיינט אַז דאָס זיינען גרויסע טונעלן — זיינען זיי נאָכדעם דורך זיינע אויערן אַרויסגעקומען אויף דער אַנדערער זייט טייך.

פונקט דעמאָלט — ווען די אויטאָמאָבילן און וועגענער האָבן געהאַלטן אין פאָרן איבער אים — האָט זיך דעם היפּאָ פאַרגלוסט צו בייטן זיין פּאָזיציע און אויסקירעווען זיין קערפּער מיטן קאָפּ אין דער אַנדערער ריכטונג. האָט ער זיך אויפגעהויבן, האָט זיך אויסגעקירעוועט, און אפילו קיין איין אויטאָמאָביל איז פון אים ניט אַראָפּגעפאַלן. דאָס האָט צוגעזען אַ גרויסער אינזשינער, איז דעם אינזשינער איינגעפאַלן אַ פּלאַן פון אַ גרויסער בריק וואָס זאָל זיך אַרומדרייען אפילו ווען אויטאָמאָבילן און וועגענער געפינען זיך אויף איר. האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. און ווען די בריק איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען זי גערופן די „היפּאָ־בריק". און אַזוי איז אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע בריק אין ניו יאָרק.

אָבער דאָס איז נאָך ניט דער סוף פון דער מעשה מיטן היפּאָ. הערט ווייטער:

***

ווען מע האָט דעם היפּאָ געבראַכט אין „זו" אַריין, האָט מען אים אין ערגעץ ניט געקאָנט אַריינפּאַסן, ווייל אַלע געביידעס זיינען געווען צו קליין פאַר אים. און אויפבויען אַ ספּעציעלע געביידע האָט מען זיך געפוילט, האָט מען אים געלאָזן אַרומגיין פראַנק און פריי איבערן „זו". און דאָ הויבן זיך אָן די צרות.

עסן, האָט אָט דער היפּאָ געקאָנט אויפעסן אַ וועלט! יעדן טאָג פלעגט מען אים ברענגען אַ פּאָר וועגענער היי. האָט ער עס געגעבן אַ שלונג איין און אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע, קיילעכדיקע אויגן ווי די רעדער און אָנגעקוקט די אויפפּאַסער גלייך ווי ער וואָלט געפרעגט:

— און דאָס גאָר? וואָס קלעקט דאָס פאַר מיר?

איינמאָל איז ער געוואָרן שטאַרק הונגעריק און וואָס צו עסן האָט מען אים אַזוי גיך ניט געגעבן, האָט ער זיך אַריינגעבראָכן אין שטייג צו די וועלף און האָט אײַנגעשלונגען אַלע וועלף פון שטייג. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען גענוג פאַר אים, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ סטאַדע שעפּסן און האָט זיי אַלע אײַנגעשלונגען. אָבער דאָ האָט זיך מיין היפּאָ שטאַרק באַנאַרישט: ווייל די וועלף וואָס ער האָט פריער אײַנגעשלונגען זיינען געווען שטאַרק הונגעריק, איז ווי נאָר די שעפּסן האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין בויך אַריין, אַזוי האָבן זיך די וועלף צוגעכאַפּט און אויפגעגעסן אַלע שעפּסן.

איז דער היפּאָ ווידער אַמאָל געבליבן מיט אַ ליידיקן מאָגן און איז ווידער אַמאָל געווען הונגעריק, איז ער צוגעגאַנגען און אײַנגעשלונגען אַ פּאָר העלפאַנטן. און קיינער וואָלט פון דעם ניט געוואוסט, ווען ניט דער צופאַל, וואָס גלייך נאָך דעם מאָלצייט האָט זיך דעם היפּאָ פאַרוואָלט אַ טרונק. און טרינקען פלעגט דער היפּאָ גיין נאָר צום האָדסאָן טייך. איז ווי ער שטייט אַזוי אין האָדסאָן טייך און טרינקט, דערזעט מען ווי צוויי העלפאַנטן שווימען פון דעם היפּאָס מויל אַרויס און לאָזן זיך אַוועק מיטן האָדסאָן קיין אָלבאַני. איז געוואָרן אַ געלויף מיט אַ געשריי איבער גאַנץ ניו יאָרק:

— כאַפּט זיי! האַלט זיי! דערלאָזט ניט די העלפאַנטן קיין אַלבאַני! האָט מען זיי געכאַפּט און געבראַכט צוריק אין „זו“ אַריין.

אָבער דאָ איז נאָך אַ שיינע זאַך געשען: פּונקט דעמאָלט, ווען דער היפּאָ איז געשטאַנען אינעם האָדסאָן און געטרונקען, האָט אויסגעבראָכן אַ גרויס פייער אויף דער צווייטער זייט טייך. און אַזוי ווי קיין בריקן זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען, האָבן זיך די פייערלעשער מיט זייערע גרויסע וועגענער אַוועקגעלאָזן איבערן רוקן פונעם היפּאָ, זיינען אַריבערגעפאָרן אויף דער צווייטער זייט טייך, אויסגעלאָשן דאָס פייער און זיך געלאָזן צוריק. אָבער אנשטאָט אַרויפפאָרן מיט זייערע גרויסע וועגענער צום היפּאָ אויפן רוקן, זיינען זיי גאָר אַריינגעפאָרן אין איינעם פון זיינע נאָזלעכער און האָבן דאָרטן פאַרבלאָנדזשעט. און פּונקט דעמאָלט האָט זיך דער היפּאָ אומגעקערט צוריק אין „זו“ אַריין, זיך אויסגעשפּרייט אַרום דעם שלאַנגענהויז און איז איינגעשלאָפן.

איז טאַקע גוט וואָס דער היפּאָ האָט אַזוי געטאָן. ווייל פּונקט דעמאָלט האָט די פייער־שלאַנג זיך צעווילדעוועט און האָט גענומען וואַרפן פאַסן פייער אין אַלע זייטן.

איר האָט נאָך ניט געזען די פייער־שלאַנג: ס'איז אַ שלאַנג ווי אַלע שלאַנגען — לאַנג, שמאָל, קריכט אויפן בויך און איז גיפטיק. אָבער צום גיפט האָט נאָך די פייער־שלאַנג אַ זעקעלע פייער; און צום פייער האָט נאָך די פייער־שלאַנג צוויי הענט. ווען זי צעוויל־דעוועט זיך, זעצט זי זיך אויף איר עק, צעוויגט איר קערפּער אין אַלע זייטן, צעעפנט אַ גרויס מויל און נעמט ציש־ש־שען און היס־ס־סען, און נעמט ציען מיט אירע הענט פאַסן פייער פון מויל אַרויס און וואַרפן אין אַלע זייטן. פון אַזאַ שפּיל קאָן זיך אָנצינדן

דאָס גאַנצע הויז. האַלט מען טאַקע די פייער־שלאַנג אין אַזאַ שטייג, וואָס איז אַרום־און־אַרום מיט וואַסער.

דאָס מאָל אָבער, ווען די פייער־שלאַנג האָט זיך צעווילדעוועט, האָט זי אַרויסגעלאָזן אַזאַ גיפט איבערן וואַסער, אַז דאָס גאַנצע וואַסער האָט זיך אָנגעצונדן און גענומען פלאַקערן מיט אַ העליש פייער. און פון וואַסער האָבן זיך די פלאַמען פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שלאַנגען־הויז. איז געוואָרן אַ געשריי: „פייער!" „פייער!" און די פייערלעשער זיינען ניטאָ. האָט מען זיי אַרומגעזוכט איבער דער גאַנצער שטאָט — און ניטאָ. מיטאַמאָל דערהערט מען ווי סע קלינגט. קוקט מען זיך אַרום און מע דערזעט ווי די פייערלעשער פליען פון דעם היפּאָס צווייטער נאָז־לאָך אַרויס. איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד. ווען די פייער־לעשער האָבן דערזען וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, האָבן זיי גלייך געכאַפּט און אויסגעלאָשן דאָס פייער. נאָכדעם האָבן זיי געכאַפּט די פייער־שלאַנג, האָבן איר אויסגעשניטן דאָס פייער־זעקעלע און האָבן זי פאַרשפּאַרט אין אַן אייזערנער שטייג, אַז זי זאָל מער ניט קאָנען אָנצינדן דאָס שלאַנגען־הויז.

***

און דער היפּאָ איז די גאַנצע צייט געשלאָפן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז ער געווען שטאַרק הונגעריק, און וואָס צו עסן האָט מען אים נאָך אַלץ ניט געגעבן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זוכן. איז ער צוגעקומען צו דער „גרענד סענטראַל" באַן־סטאַנציע. און פונקט דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ באַן וואָס האָט געפירט אַ צירק. האָט דער היפּאָ אויפגעעפנט זיין גרויס מויל און האָט איינגעשלונגען דעם גאַנצן צירק מיט די העלפאַנטן, מיט די לייבן, מיט די באַנען, מיט אַלץ מיט אַנאַנדער.

איז געוואָרן אַ גרויס גערודער: וואָס זאָל מען דאָ טאָן מיטן היפּאָ? מע טאָר אים מער ניט לאָזן אַרומגיין פראַנק און פריי!

האָט מען גענומען און מע האָט אויסגעבויט אַ ריזיקע אייזערנע געביידע און אַהין איינגעשפּאַרט דעם היפּאָ. און דאָ איז שוין זיין סוף געקומען גיך. עס איז אַזוי געווען:

איינמאָל, ווען דער היפּאָ איז געוואָרן שטאַרק הונגעריק און קיין עסן האָט מען אים אַזוי גיך ניט געבראַכט, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין זיין אייזערנער געביידע אַ בייזער, און איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ ווילדער, ביז ער האָט געגעבן אַן עפן אויף זיין גרויס מויל, איינגעשלונגען זיין גאַנץ הויז, מיט זיך, מיט אַלעמען מיט אַנאַנדער.

און דאָ איז געשען אַ גאָר שיינע זאַך — ס׳לאָזט זיך ניט גלויבן, ס׳איז אָבער אַן אמת:

ווען דער היפּאָ האָט זיך אַליין איינגעשלונגען, האָט ער ביי זיך אין בויך אָנגעטראָפן דעם גאַנצן צירק מיט די העלפאַנטן און מיט די לייבן. איז ווי נאָר די העלפאַנטן האָבן דערזען דעם היפּאָ, אַזוי האָבן זיי אים גענומען טרעטן מיט די פיס, און די לייבן זענען אים באַפאַלן און אים צעריסן אויף שטיקער.

און דאָס איז געווען דער סוף פון מיין היפּאָפּאָטאַמוס.

2

דער וואָלף, די שעפּס, און זייער קינד — שעפּסלוואָלף

— ווייסט, משה, רופט זיך אָן חיים, דיין מעשה איז מיר שטאַרק געפעלן. ווייל דיין היפּאָ איז באַלד אַזוי וואונדערלעך ווי געצלס העלפאַנט. געצלס העלפאַנט האָט טאַקע באַוויזן מער וואונדער,

דערפאַר אָבער האָט דיין היפאָ געהאַט אַ שענערן סוף. און ס'איז טאַקע אַן אמת אויך. און יעדער איינער קאָן זען אַז ס'איז אַן אמת: ווייל וואָס וועט אַ פרעסער ניט טאָן כדי אָנצושטאָפּן זיין מאָגן? — ער וועט אפילו אויפעסן זיך אַליין. איין זאַך מוז איך דיר אָבער זאָגן, משה: כאָטש דיין מעשה מיטן היפאָ איז פול מיט וואונדער, און די מעשה, וואָס איך וועל באַלד דערציילן, האָט כמעט אינגאַנצן קיין וואונדער ניט, דאָך איז מיין מעשה אינטערעסאַנטער פון דיינער. אָט הערט:

אין אַ טיפן וואַלד, ניט ווייט פון אַ דאָרף, האָט געוואוינט אַ וואָלף. איז דער וואָלף געווען אַ ריז, — מע קאָן זאָגן: ווי אַ הויז די גרויס! און אַ מויל האָט ער געהאַט — ווי אַ טויער. אַז ער פלעגט עפענען אַ מויל, האָבן אפשר הונדערט שעפסן געקאָנט אַהין אַריינמאַרשירן.

און דער וואָלף האָט טאַקע שטאַרק ליב געהאַט שעפסן־פלייש: ער פלעגט אָננעמען אַ פול מויל מיט שעפסן, געבן אַ כראָמטשקע, אַראָפּשלינגען און פאַרטיק.

ס'איז געווען שיין צו זען ווי אַזוי דער וואָלף כאַפּט די שעפסן. ער פלעגט זיך נאָך זיי ניט יאָגן, נאָר פאַרקערט, די שעפסן פלעגן אַליין קומען צו אים אין מויל אַריין. ווייל ווען אים האָט זיך פאַרוואָלט עסן, איז ער אַוועק און אָנגענומען אַ פול מויל מיט פרישע גראָז. נאָכדעם האָט ער אָנגעטאָן אַ טויער אויף זיין מויל, זיך צוגערוקט צו אַ סטאַדע שעפסן, געעפנט דעם טויער און גענומען זינגען מיט אַ זיס שטימעלע אָט אַזאַ לידעלע:

> שעפּסעלעך, לעמעלעך,
> פון די ווייטע וועגן!

כ'האָב גראָז געגרייט.
פֿאַר אײַך געשפּרייט
אויף די ווייסע זעגן.

שעפּסעלעך, לעמעלעך,
פון די גרינע טאָלן!
קומט געניסן
אַ גוטן ביסן
פון די רויטע שאָלן.

שעפּסעלעך, לעמעלעך,
ביי דעם זילבער־טייכל!
קומט פאַרזוכן
זיסן קוכן
האָניק־טאָרט — אַ מאַכל!

שעפּסעלעך, לעמעלעך,
פון די באַרגן־שפּאַלטן!
פון ווינטעלע,
פון הינטעלע,
איך וועל אײַך באַהאַלטן!

שעפּסעלעך, לעמעלעך,
פון נאָענט און פון ווייט!
קומט אַריין!
אַלע אַריין!
אָ, ווי גוט איר זייט!

ווי נאָר די שעפּסן פֿלעגן דערהערן אַזאַ זיס לידעלע, פֿלעגן זיי זיך אַלע אַרומקלייבן אַרום טויער. און שטייענדיק ביים טויער פֿלעגן זיי דערשמעקן די פֿרישע גראָזן און פֿלעגן אַלע אַריינמאַרשירן דורכן טויער צום וואָלף אין מויל אַריין. דאָ פֿלעגט דער וואָלף געבן אַ מאַך צו זיין מויל, אַ כראָמטשקע, אַראָפּשלינגען און פֿאַרטיק.

* * *

די פּויערים פֿון דאָרף האָבן זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן וואָלף — ער האָט אויפגעגעסן זייערע שעפּסן און מען האָט אים קיינמאָל ניט געקאָנט כאַפּן. האָבן זיי געטראַכט און געטראַכט ביז זיי האָבן צוגעטראַכט אַ גוטן פּלאַן: ניט ווייט פֿון דאָרף איז געווען אַ באַרג פֿון קיזלשטיין. און קיזלשטיין איז דאָך דער האַרטסטער שטיין, וואָס מע קאָן נאָר געפֿינען אויף דער וועלט. האָבן די פּויערים גענומען און אויסגעהאַקט אַ סטאַדע שעפּסן פֿון קיזלשטיין. און האָבן די שטיינערנע שעפּסן אויסגעשטעלט אין גרינעם טאָל; צווישן די באַרג־שפּאַלטן; און ביים טייכל. האָבן די שעפּסן אויסגעזען אַזוי ווי לעבעדיקע.

ווען דעם וואָלף האָט זיך פֿאַרוואָלט עסן, איז ער אַראָפּגעקומען אין גרינעם טאָל, זיך צוגערוקט צו דער סטאַדע שעפּסן און גענומען זינגען זיין לידעלע — ווי אַלעמאָל. ער זינגט און זינגט און די שעפּסן רירן זיך ניט פֿון אָרט. איז דער וואָלף געוואָרן בייז, האָט אַראָפּגעשליידערט דעם טויער פֿון מויל און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די שעפּסן. ווען ער האָט שוין געהאַט אַ פֿול מויל מיט שעפּסן האָט ער מיט האַסט געגעבן אַזאַ כראָמטשקע, אַז אַלע ציינער האָבן זיך אים אויסגעבראָכן און זיינען אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון מויל צוזאַמען מיט די שטיינערנע שעפּסן. און פֿון ווייטיק האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַזאַ שרעקלעכער געשריי, אַז די בערג האָבן אַ

ציטער געטאָן, און די ביימער אין וואַלד האָבן פון שרעק צו דער ערד זיך אײַנגעבויגן. און דער וואָלף איז מיט אַ ווילדן געיאָמער אין טיפן וואַלד אַנטלאָפן, אין זיין נאָרע זיך פאַררוקט און איז דאָרטן פאַרבליבן ביז זיין מויל האָט זיך אים אַביסל אויסגעהיילט.

* * *

ווי נאָר זיין מויל האָט זיך אים אַביסל אויסגעהיילט, האָט דער וואָלף שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם הונגער און האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבערן וואַלד זוכן עסן. גייט ער אַזוי און דערזעט אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפּסעלע לויפט און וויינט:

— מאַ־מע! מאַ־מע! וואו ביסטו?
מאַ־מע! מאַ־מע! נעם מיך אַהיים!

שפּרייט זיך דער וואָלף אויס אויפן גראָז, עפנט אַ גרויס מויל אָן ציינער און רופט זיך אָן:

— וויין ניט, מיין טייער שעפּעלע!
וויין ניט, מיין זיס לעמעלע!
אומזיסט דיינע טרערעלעך רינען.
אין מיין שטאַל, מיין טייער שעפּעלע!
אין מיין שטאַל, מיין טייער לעמעלע!
וועסטו דיין מאַמען געפינען.

האָט דאָס נאַרישע לעמעלע מיט פרייד אַרײַנגעטאַנצט צום וואָלף אין מויל. האָט דער וואָלף גלייך געגעבן אַ מאַך צו זיין מויל און עס שוין געוואָלט איינשלינגען לעבעדיקערהייט (ווייל אָן ציינער, האָט ער נאָר געקאָנט שלינגען). דאָ אָבער, איז אים אײַנגעפאַלן אַ פּלאַן, האָט ער אַרויסגעלאָזט דאָס לעמעלע פון מויל און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ פאַלש געלעכטערל:

— האַ, האַ, האַ, האָסט זיך געוויס דערשראָקן, דו נאַריש לעמעלע. איך האָב בלויז געמאַכט אַ שפּאַס!

דאָס לעמעלע אָבער האָט ניט געהערט, וואָס דער וואָלף האָט געזאָגט, און האָט אין שרעק גענומען אַנטלויפן. האָט דער וואָלף אויסגעשריען: — העי, דו, קליינע! וואַרט אַ ווײַלע!

מאַכט דאָס לעמעלע:

— מע־ע־ע! וואָס ווילסטו פון מיר?

— וואוהין לויפסטו? פרעגט דער וואָלף.

— איך לויף אַהיים צו מיין מאַמען, האָט דאָס לעמעלע געענטפערט.

— דיין מאַמע איז איצט ניטאָ אין דער היים, האָט דער וואָלף געזאָגט. בעסער וואַרט אויף מיר און איך וועל דיך שפּעטער אָפּפירן אַהיים.

איז דאָס נאַרישע לעמעלע געבליבן וואַרטן.

האָט דער וואָלף אַ שמייכל געטאָן, גענומען אַרומשפּאַנען אַרום דעם לעמעלע הין און צוריק און גענומען באַטראַכטן זיין פּלאַן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין פּלאַן, איז שוין גוט פינצטער געווען, האָט דער וואָלף גענומען דאָס לעמעלע און זיך געלאָזן מיטן וועג צום דאָרף.

* * *

ווען ער האָט זיך אַריינגעגנבעט צו די שעפּסן אין שטאַל, האָבן זיך די שעפּסן שטאַרק דערשראָקן, זיך צונויפגעשטופּט אין אַ ווינקל און געציטערט. האָט דער וואָלף אָנגעצויגן אַ ליב שמייכעלע אויף זיין פּנים און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ זיס שטימעלע:

— מיינע ליבע שעפּסן און מיינע טייערע לעמער! איר דאַרפט ניט מורא האָבן פאַר מיר, ווייל איך בין ניט געקומען אייך שלעכטס

טאָן. איך בין בלויז געקומען מיט אַ פריינטלעכן באַזוך צו זען מיינע גוטע שכנים. און אָט האָט איר אַ סימן, אַז איך בין ניט אויסן קיין שלעכטס — איך האָב אַייך צוריקגעבראַכט אַייער פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע. און נאָך מער: איך בין זיכער, אַז ס'וועט אַייך פרייען די גוטע נייס, וואָס איך וועל אַייך דערציילן. אָט הערט:

איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געהאַט קיין גוטע פריינט. און ס'איז ניט אינגאַנצן מיין שולד, וואָס איך האָב זיך קיין פריינט ניט געפונען. ווי זאָגט דאָס ווערטל:

„דער וואָס האָט וואָס צו עסן — עסט;
הונגער — פרעסט."

איך בין אַלעמאָל געווען הונגעריק, און האָב קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט צו זוכן זיך פריינט. איצט אָבער בין איך אַלט גענוג צו פאַרשטיין, אַז —

א גוטער פריינט איז ווערט מער ווי אַ גוטער מאָלצייט.

דעריבער בין איך געקומען צו אַייך, מיינע טייערע לעמער און מיינע ליבע שעפּסן, און בעט: זייט מיינע פריינט! איך האָב אַייך אַלעמאָל ליב געהאַט. און איצט זייט איר מיר נאָך ליבער און טייערער ווי ווען עס איז פריער.

דאָ האָט זיך אַן אַלטע שעפּס אַרויסגערוקט פון דער סטאַדע און האָט זיך אָנגערופן:

— יאָ, איך ווייס ווי דו האָסט אונדז ליב, דו אַלטער שינדער! ווען דו ביסט הונגעריק ווערן מיר דיר אַלע ליב און טייער — ליבער ווי ווען עס איז פריער! קאָנסט אויפהערן דיינע ליבע ריידעלעך, דו בייזער פרעסער, מיר גלויבן דיר ניט אַ וואָרט!

— איך האָב געוואוסט, אַז איר וועט מיר ניט גלויבן — האָט זיך דער וואָלף אָנגערופן. איר זייט דאָך אָבער קלוגע שעפּסן, און קלוגע שעפּסן וועלן דאָך געוויס פאַרשטיין, אַז —

„וואָס געוועזן און וואָס געשען וועט דעם מאָרגן ניט זען".

איך גיב צו, אַז איך בין געווען שלעכט צו אייך, און איך פיל זיך שולדיק פאַר די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב געטאָן צום שעפּסן־פאָלק. איצט אָבער פאַרזיכער איך אייך, אַז איך וועל אייך מער קיינמאָל קיין שלעכטס ניט טאָן. ווייל איך בין געקומען צום שכל, אַז —

אַ גוטער פריינט איז ווערט מער ווי אַ גוטער מאָלצייט.

דאָ האָט זיך ווידער אָפּגערופן די אַלטע שעפּס:

וואָס זשע דען וועסטו עסן ווען דו וועסט ווערן הונגעריק? — פייגעלעך וועסטו כאַפּן, דו פאַלשער פרעסער?

— וועגן דעם טאַקע וויל איך מיט דיר ריידן — האָט זיך דער וואָלף געווענדט צו דער אַלטער שעפּס. דו געפעלסט מיר, און איך פיל, אַז דו וועסט מיך פאַרשטיין.

הער, מיין טייערע, האָט דער וואָלף ווייטער גערעדט. דו ביסט דאָך אַלט גענוג צו פאַרשטיין, אַז עסן מוז איך, און קיין פייגעלעך כאַפּן קאָן איך ניט, וועל איך דאָך אַמאָל — ווען דער הונגער'ט וועט מיך טרייבן — מוזן אַראָפּשלינגען אַ יונגע שעפּס. דעריבער, אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל מער קיין שעפּסן־פלייש ניט עסן, און אויב דו ווילסט, אַז דיין שעפּסן־פאָלק זאָל קאָנען לעבן רואיק און אָן מורא, — מוזטו קומען וואוינען מיט מיר און קאָכן פאַר מיר מאָלצייטן.

דאָ האָט זיך די אַלטע שעפּס צוזאַמענגעמעקעט מיט די איבעריקע שעפּסן פון שטאַל און האָט געענטפערט דעם וואָלף מיט אַ העלדישן טאָן:

— פאַר מיין שעפּסן־פאָלק בין איך גרייט צו טאָן אַלץ — אפילו שטאַרבן! קום וואָלף, איך גיי מיט דיר!

און זיי זיינען ביידע אַוועק.

* * *

ווען זיי זיינען געקומען אין טיפן וואַלד, האָט דער וואָלף אויסגעבויט אַ שיין הויז און די שעפּס האָט דאָרט געוואוינט מיטן וואָלף אין רו און אין פרידן. דער וואָלף פלעגט יעדן פרימאָרגן אַוועק אין וואַלד און צוריקברענגען גאַנצע זעק מיט גוטע זאַכן. און די שעפּס איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע, פלעגט זי פון די אַלע גוטע זאַכן מאַכן געשמאַקע מאכלים פאַרן וואָלף. האָט דער וואָלף די שעפּס ליב געהאַט דערפאַר און איז געווען זייער גוט צו איר.

מיט דער צייט האָט די שעפּס געבוירן דעם וואָלף אַ קינד. איז דאָס קינד געווען איןביידן געראָטן — דער גאַנצער קאָפּ און די פאָדערשטע לאַפּעס זיינען געווען פון אַ וואָלף, און די גאַנצע הינטערשטע טייל איז געווען פון אַ שעפּס. האָבן זיי ביידע שטאַרק ליב געהאַט זייער קינד, און האָבן עס אַ נאָמען געגעבן „שעפּסל־וואָלף".

אָבער ווי זאָגט דאָס ווערטל:

נ י ט אַ ל ץ ו ו אָ ס א י ז ג ל י י ב י ק א י ז א י י ב י ק.

דער וואָלף, די שעפּס און שעפּסלוואָלף האָבן געלעבט אין גליק און פרידן אַ לאַנגע צייט, ביז — ביז ס'הויבט זיך אָן דער סוף פון דער מעשה:

איינמאָל האָט זיך אין יענעם טיפן וואַלד פאַרקליבן אַ ריזיקע שלאַנג, האָט זיך צעהאַנגען איבער דיביימער, און ווער ס'איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען האָט זי אַיינגעשלונגען. האָט דער וואָלף גענומען צוטראַכטן אַ מיטל פטור צו ווערן פון דער שלאַנג. און אַז מען טראַכט, דערטראַכט מען זיך. אין שיינעם פרימאָרגן האָט דער וואָלף פאַרוואָרפן אַ גרויסן זאַק איבערן אַקסל, און האָט זיך אָנגערופן צו דער שעפּס:

— מיין טייערע שעפּס, דו קאָך אָן אַ גרויסן קעסל וואַסער און וואַרט ביז איך וועל צוריקקומען.

— און וואוהין גייסטו? פרעגט די שעפּס.

— איך גיי אַריינבאַרן די שלאַנג אין זאַק אַריין — האָט דער וואָלף געענטפערט און איז אַרויס פון הויז.

— זע נאָר, אַז די שלאַנג זאָל דיך ניט אַריינבאַרן אין איר זאַק אַריין — האָט די שעפּס אים נאָכגעשריען.

האָט זיך דער וואָלף צעלאַכט מיט אַ גרויס געלעכטער און איז פאַרשוואונדן אין טיפן וואַלד.

האָט די שעפּס געוואַרט אַ טאָג, און געוואַרט צוויי טעג, און אַז דער וואָלף איז נאָך אַלץ ניט צוריקגעקומען, האָט זי זיך אָנגערופן צום שעפּסלוואָלף:

— מיין טייער קינד, דו בלייב אין הויז, פאַרשפּאַר די טיר און היט דעם קעסל קאָכיק וואַסער.

— און וואוהין גייסטו? האָט שעפּסלוואָלף געפרעגט.

— איך גיי זוכן דיין טאַטן, מיין קינד — האָט די שעפּס געענטפערט, און איז אַרויס פון הויז.

— זע נאָר, אַז דו זאָלסט ניט בלייבן דאָרט וואו דער טאַטע איז — האָט שעפּסלוואָלף איר נאָכגעשריען.

איז די שעפּס אַוועק אין טיפן וואַלד און איז ניט צוריקגעקומען. האָט שעפּסלוואָלף געוואַרט אַ טאָג, געוואַרט צוויי טעג, געוואַרט דריי טעג, און אַז קיינער האָט ניט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז געבליבן איינער אַליין אין דער וועלט; אַז זיין טאַטע און זיין מאַמע וועלן שוין מער קיינמאָל ניט צוריקקומען. האָט ער זייער שטאַרק באַוויינט און באַקלאָגט זיין טאַטע־מאַמע און איז ברוגז געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט; עס האָט זיך אים געגלוסט אָנפאַלן אויף אַלץ און אַלעמען און בייסן און רייסן.

* * *

שעפּסלוואָלף האָט געמוזט אָנהויבן זאָרגן פאַר זיך אַליין. און כאָטש ער איז שוין געווען גרויס גענוג צו נעמען זיך אַליין עסן, איז אים דאָך אָנגעקומען שווער צו געפינען וואָס צו עסן. איז ער אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג און געהונגערט.

איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט האָט דער הונגער אָנגעצונדן גרינע פייערלעך אין שעפּסלוואָלפס אויגן. האָט ער געעפנט אַ גרויס מויל ווי זיין טאַטע, האָט צעשפּרייט די נעגל פון זיינע פאָדערשטע לאַפּעס, געריסן די ערד פון אונטער זיך, און איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געווען גרייט אָנצופאַלן, צערייסן און אויפעסן די ערשטע באַשעפעניש, וואָס וועט אים אַנטקעגן קומען. דער ווינט האָט אים דערטראָגן אַ באַקאַנטן ריח, וואָס האָט אים איצט געשמעקט אַזוי גוט און גערייצט זיין אַפּעטיט — דאָס איז געווען דער ריח פון שעפּסן־פלייש. האָבן זיך זיינע נאָזלעכער ברייט צעשפּרייט, זיינע וועלפישע ציין האָבן גענומען קלאַפּן מיט צאָרן, און ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעלאָזן אַ מוראדיק וועלפישן

געהייל, האָט זיך אָבער זיין געהייל פאַרענדיקט מיט אַ „בלא־א־א!“ אַזוי ווי פון אַ שעפּס.

דאָ האָט שעפּסלוואָלפּס פאַדערשטע טייל אַ שפּרונג געטאָן און מיט ווילדער רציחה זיך געוואָרפן אויף זיין הינטערשטער טייל, זיך אָנגעכאַפּט פאַרן עק און מיט הונגער זיך גענומען פרעסן, און פרעסן, און פרעסן. פון גרויס רציחה האָט ער אפילו קיין ווייטיק ניט געפילט, און האָט זיך אַזוי לאַנג געפרעסן, ביז ער האָט זיך אינגאַנצן אויפגעגעסן.

און דאָס איז געווען דער סוף פון דער באַשעפעניש, וואָס איז געווען האַלב שעפּס און האַלב וואָלף.

3

אַ רייזע אין בויך פון אַ שלאַנג איבערן אָפּגרונט פון פּאַסיפישן אָקעאַן

ווען חיים האָט געענדיקט, רופט זיך אָן געצל:

—נו, חברה, סע ווערט שוין פינצטער און מע הייסט שוין אַלעמען אַרויסגיין פון „זו“. איז לאָמיר זיך אויפזעצן אויף דער באַן, און, פאַרנדיק אַהיים, וועל איך אייך דערציילן מיין מעשהלע.

האָט מען אַזוי געטאָן און ווי נאָר די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט געצל אָנגעהויבן דערציילן:

אַמאָל איז אין יאַפּאַן געווען אַ שלאַנג, איז זי געווען אַזוי גרויס, און אַזוי לאַנג, אַז ווען זי האָט זיך צונויפגעדרייט אין אַ קנויל, האָט זי אויסגעזען ווי אַ ריזיקער באַרג וואָס רירט אָן מיטן שפּיץ די

וואַלקנס. יעדע נאַכט פלעגט זיך די שלאַנג פאַנאַנדערוויקלען און זיך אַוועקלאָזן איבער די וועלדער זוכן שפּייז. און אַז זי פלעגט ניט געפינען וואָס צו שלינגען אין די וועלדער, פלעגט זי אויס־שטרעקן איר קאָפּ אַריבער דעם יאַפּאַנעזישן ים קיין כינאַ, און פלעגט נעמען שלינגען כינעזער ווי די האלעשקעס! די שלאַנג האָט ליב געהאַט די כינעזער, און איז אַלעמאָל געווען גרייט זיך אָפּזאָגן פון אַ פעטער קו צוליב אַ כינעזער. קוים האָט זי זיך צוגעכאַפּט צו די כינעזער, האָט זי זיי געשלונגען גאַנצע פּראָווינצן אויף אַ מאָל. דאָס אַלץ פלעגט זי אָפּטאָן נאָר ביינאַכט. און ווי נאָר סע פלעגט אָנהייבן טאָגן, פלעגט זי זיך צוזאמענדרייען אין אַ קנויל ווי אַ באַרג די גרויס און אַזוי אָפּליגן דעם גאַנצן טאָג.

און די יאַפּאַנעזער האָבן ניט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ שלאַנג. זיי האָבן געדענקט, אַז דאָס איז אַ ריזיקער באַרג, וואָס רוקט זיך איבער יעדע נאַכט אויף אַן אַנדער אָרט, האָבן זיי שטאַרק מורא געהאַט פאַרן באַרג, און געוואָרנט יעדן איינעם ניט צו קומען נאָענט צו אים, וואָרים זיי האָבן זיך אָנגעהערט זייער פיל שרעקלעכע מעשות וועגן אָט דעם באַוועגלעכן באַרג.

* * *

ווען די מעשה מיטן באַוועגלעכן באַרג איז באַוואוסט געוואָרן איבער דער וועלט, האָבן זיך פון אַלע עקן וועלט אַ לאָז געטאָן טוריסטן קיין יאַפּאַן אָנצוקוקן דעם וואונדער. אַ סך פון די טוריסטן האָבן זיך געלאָזט קלעטערן אויפן באַרג — זיי זיינען אָבער מער קיינמאָל ניט צוריקגעקומען. און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט זיי איז געשען.

איינמאָל האָט זיך די שלאַנג צוזאַמענגעדרייט ביי אַ גרויסן וואַלד און האָט שוין פון דאָרטן ניט געוואָלט אַוועקגיין, ווייל אין

וואַלד זיינען געווען גענוג חיות צום שלינגען. זי האָט בלויז געדאַרפט אַראָפּלאָזן איר קאָפּ פון דער הויך און געבן אַ שלונג — און אײַנשלינגען אַ לייב; אַ שלונג — און אײַנשלינגען אַ היפּאָ־פּאָטאַמוס; אַ שלונג — און אײַנשלינגען אַ העלפאַנט. און אַז ס'איז ניט געווען קיין חיות צום שלינגען, האָט זי גענומען שלינגעןביימער, האָט טאַקע די שלאַנג זיך ניט געוואָלט איבעררוקן אויף אַן אַנדער אָרט.

אָבער דער וואַלד האָט געהערט צו אַ רייכן לאָרד, און דער לאָרד האָט מורא געהאַט, אַז דער באַרג וועט ביסלעכווייז אײַנשלינגען זיין גאַנצן וואַלד. ווייל אויך דער לאָרד האָט ניט געוואוסט, אַז דער באַרג איז אין דער אמתן אַזאַ ריזיקע שלאַנג. וואָס זשע זאָל ער דאָ טאָן? האָט ער געדונגען הונדערט האָלצהעקער און זיי געשיקט אויסהאַקן זיין וואַלד. וואָרים ער האָט זיך געטראַכט: בעסער אַן אויסגעהאַקטער וואַלד איידער גאָר קיין וואַלד ניט.

האָבן זיך די הונדערט האָלצהעקער אויפגעהויבן מיטן טאָג גלייך, מיטגענומען עסן, פאַרוואָרפן די גרויסע העק אויף די פּלייצעס, זיך אויפגעזעצט אויף אייזלען און זיך געלאָזן צום וואַלד. ווען זיי האָבן דערזען דעם וואַלד פון ווייטן, האָבן זיי זיך צעזונגען זייער העקער־ליד —

העקער־ליד

אויפן אַקסל — די שאַרפע האַק;
אויפן פּלייצע — ברויט אין זאַק;
לאָזט זיך האָלצהעקער אין וועג,
צו דעם וייטן וואַלד אַוועק.

קומט ער אָן אין גרויסן וואַלד,
נעמט זיך צו דער אַרבעט באַלד,
האַקט די ביימער — הוק! און האַק!
און ער זינגט אַ ליד צום טאַקט:
הוק! האַק! הוק! האַק!

אוי, העקעלע, מיין העקעלע!
די נויט איז זייער גרויס.
גיי, העקעלע, צום וועלדעלע
און האַק מיר ביימער אויס.
הוק! האַק! הוק! האַק!

גייט העקעלע אין וועלדעלע
און טוק! און הוק! און האַק!
האַקט ביימעלע נאָך ביימעלע,
און ביימער גרויס און שטאַרק.
הוק! האַק! הוק! האַק!

ווערן ביימער אויסגעהאַקט,
וואַקסט די פרייד דאָך גרויס:
ס'האָט מיין טייער העקעלע
פאַרטריבן נויט פון הויז.
הוק! האַק! הוק! האַק!

זינג איך צו מיין העקעלע:
טוק! און הוק! און האַק!
זיין זאָלסטו מיר, העקעלע,
שטענדיק שאַרף און שטאַרק!
הוק! האַק! הוק! האַק!

און אַזוי זינגענדיק זיינען זיי אַריינגעפאָרן אין וואַלד. זיינען זיי אַזוי געפאָרן דורכן וואַלד מיט געזאַנג ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַ ריזיקן טונעל. רופן זיי זיך אָן צו זייער פירער:

— מיר האָבן דאָ, אויף דעם וועג, נאָך קיינמאָל קיין טונעל ניט געזען, — עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק!

רופט זיך אָן דער פירער:

— אויב איר האָט דאָ פריער קיין טונעל ניט געזען, זעט איר עס איצט. איז לאָמיר קיין צייט ניט פאַרלירן און דורכפאָרן דורכן טונעל.

זיינען זיי אַריינגעפאָרן. און מער האָט מען זיי ניט געזען, און מער האָט מען פון זיי ניט געהערט. ווארים דער „טונעל" איז אין דער אמתן געווען דאָס אָפענע מויל פון דער שלאַנג.

* * *

אַז די מעשה מיט די האַלצהעקער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, האָט אַ גרויסער געלערנטער פון יענער צייט, (וואָס איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון געאָלאָגיע, צי פון אַנטראָפּאָלאָגיע, און אפשר גאָר פון אַנאַנדעראָלאָגיע) באַשלאָסן זיך אַוועקלאָזן אויס־שטודירן דעם באַרג. האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַן עקספּעדיציע פון אַ גאַנצן קלאַס סטודענטן, מיטגענומען פאַרשידענע מאַשינען, אויטאָמאָבילן, לאַסטוועגענער און זיך אַוועקגעלאָזן קיין יאַפּאַן צום באַוועגלעכן באַרג.

ווען די עקספּעדיציע איז צוגעקומען צום באַרג, האָבן זיי דערזען, ווי אַ ברייטער וועג דרייט זיך און שלענגלט זיך באַרג אַרויף, ווארים די שלאַנג איז געווען אַזוי ברייט, אַז אַרום אַ פּאָר צענדליק אויטאָמאָבילן אויסגעשטעלט אין דער ברייט האָבן געקאָנט פאָרן איבער איר רוקן. האָט דער פּראָפעסאָר געגעבן אַ קאָמאַנדעווע:

— פאָרן באַרג אַרויף!

האָט מען פאַרקירעוועט די אויטאָמאָבילן מיט די לאַסטוועגענער און די גאַנצע עקספּעדיציע האָט זיך געלאָזן באַרג אַרויף.

זיינען זיי אַזוי געפאָרן, און געפאָרן, אַלץ העכער און העכער, איבער דעם געדרייטן און געשלענגלטן וועג, ביז זיי האָבן שוין באַלד דערגרייכט צום סאַמע שפּיץ. וואָרים וואָס העכער זיי זיינען געפאָרן, אַלץ שמעלער איז דער באַרג געוואָרן. אָבער ווען זיי זיינען צוגעקומען צום לעצטן געדרייטן וועג, האָבן זיי מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך אַ ריזיקן טונעל. האָט דער פּראָפעסאָר געהייסן אַריינפאָרן אין טונעל, איז מען אַריינגעפאָרן. און מער האָט מען פון זיי ניט געהערט און מער האָט מען זיי ניט געזען. וואָרים, איר פאַרשטייט דאָך שוין וואָס פאַר אַ „טונעל" דאָס איז געווען. נאָך ווען די עקספּעדיציע האָט זיך געלאָזן באַרג אַרויף, האָט שוין די שלאַנג געעפנט איר מויל און געוואַרט אויף זיי. איז ווי נאָר זיי זיינען אַריינגעפאָרן צו איר אין מויל אַריין, אַזוי האָט זי געגעבן אַ מאַך צו איר מויל און האָט זיי אַלעמען אַראָפּגעשלונגען.

און דאָ הויבט זיך אָן דער סוף פון דער שלאַנג.

ווי נאָר די שלאַנג האָט איינגעשלונגען דעם פּראָפעסאָר מיט זיין עקספּעדיציע, אַזוי האָט זי גענומען פילן ניט גוט און האָט קיין אָרט פאַר זיך ניט געקאָנט געפינען. האָט זי זיך פאַרנאַנדערגעוויקלט און זיך געלאָזט וואַנדערן. האָט זי אַזוי לאַנג געוואַנדערט, ביז זי איז צוגעקומען צום פּאַסיפישן אָקעאַן. ווען זי איז צוגעקומען צום ברעג ים, האָט זי דערפילט נאָך גרעסערע שמערצן: זי האָט דערפילט ווי עפּעס אינעווייניק אין איר האָט גענומען שטעכן, ברעכן, בויערן און ברענען — גאָר אָן אַן אויפהער! האָט זי זיך געלאָזן אין ים אַריין צו לעשן דעם ברענענדיקן ווייטיק. און אַזוי ווי זי איז געווען

זייער גרויס און שווער און האָט ניט געקאָנט שווימען, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן איבערן אָפּגרונט פון ים.

לאָמיר דאָ לאָזן די שלאַנג קריכן איבערן אָפּגרונט פון ים און דערווייל כאַפּן אַ קוק וואָס סע טוט זיך ביי איר אין בויך.

* * *

איר געדענקט דאָך, אַז די שלאַנג האָט אַיינגעשלונגען אַ שיין ביסל טוריסטן; פאַרשידענע חיות פון וואַלד ווי — אַ לייב, אַ העלפאַנט, אַ היפּאָפּאָטאַמוס; אַ שיין ביסל ביימער פון וואַלד; הונדערט האָלצהעקער מיט זייערע גרויסע העק און מיט זייערע אייזלען; און צולעצט — דעם פּראָפעסאָר מיט זיינע סטודענטן, מיט זיינע אויטאָמאָבילן, לאַסטוועגענער און מאַשינעריע — איז אַזוי געוועזן:

ווי נאָר דער פּראָפעסאָר איז אָנגעקומען צו דער שלאַנג אין בויך אַריין, האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן זיין מאַנטל און הוט און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— חברה, מיר מוזן זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט! וואָרים מיר האָבן זייער פיל צו טאָן!

רופן זיך אָן די סטודענטן:

— ווי קאָנען מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט, אַז ס'איז אַזוי פינצטער? לאָמיר צוערשט מאַכן ליכטיק.

מאַכט דער פּראָפעסאָר:

— גערעכט, גערעכט. לאָמיר מאַכן ליכטיק.

האָבן זיי גלייך גענומען און געלאָזט אין באַוועגונג די מאַשין וואָס פּראָדוצירט עלעקטריע.

ווי נאָר ס'איז געוואָרן ליכטיק האָבן זיי דערזען אַז זיי געפינען זיך אין אַ גרויסן טונעל, וואָס ציט זיך אַוועק אויף מיילן און מיילן אין דער לענג. (און זיי האָבן נאָך אַלץ ניט געוואוסט, אַז זיי געפינען זיך ביי אַ ריזיקער שלאַנג אין בויך.) רופט זיך אָן דער פּראָפעסאָר:

— איידער מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט, לאָמיר צוערשט אויסגעפינען ווי ווייט דער טונעל ציט זיך.

האָבן זיי זיך אויפגעזעצט אויף איינעם פון די אויטאָמאָבילן, וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

זיינען זיי געפאָרן און געפאָרן, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ און דער טונעל האָט זיך געצויגן אַלץ ווייטער און ווייטער, אָן אַן אויפהער און אָן אַ סוף.

נאָר מיטאַמאָל האָבן זיי געגעבן אַ שטעל אָפּ דעם אויטאָמאָביל, ווייל זיי זיינען שיר ניט אַרויפגעפאָרן אויף אַ מחנה מענטשן וואָס זיינען געזעסן אין אַ גרויסן קרייז אַרום אַ פייער און האָבן געשפּילט, געטאַנצט, און געזונגען; און מיט די גרויסע העק, וואָס זיי האָבן אין שפּיל אָנגעקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע, האָבן זיי אויסגעקלונגען פאַרשידענע שיינע מעלאָדיעס, נאָך שענער ווי אויף אַ קסילאָפאָן. און יעדן מאָל האָט זיך אַן אַנדערער אויפגעהויבן פון קרייז און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ.

און ביים זייט פון דעם קרייז, דערזעט דער פּראָפעסאָר, איז דאָ נאָך אַ קרייז. אַרום אַ באַזונדער פייער זיצן אויסגעזעצט הונדערט אייזלען און זינגען אַ הי־אָ־האָ ליד. אויבנאָן שטייט אַ העלפאַנט און טרומייטערט מיט זיין נאָז און אַ היפּאָפּאָטאַמוס מיט אַן אָפענעם מויל שפּילט אים צו ווי אַ באַס. און אַ לייב מיט אַן אייזל טאַנצן אין מיטן קרייז אַ בריקע־בראַקע טאַנץ און אַלע אייזלען אַרום פּליעסקען צו צום טאַקט.

שטייט דער פּראָפעסאָר מיט די סטודענטן, גלאָצן מיט די אויגן און וואונדערן זיך: זיי האָבן נאָך אַזוינס ניט געהערט און ניט געזען! זיי פילן ווי די פיס הייבן זיך ביי זיי צום טאַנץ — זיי האָבן אָבער מורא: ווער ווייסט וואָס פאַר אַ חברה דאָס זיינען? ס'איז דאָ עפּעס ניט גלאַטיק: אייזלען זינגען; אַ העלפאַנט טרומייטערט; אַ היפּאָ־פּאָטאַמוס רעוועט; אַ לייב טאַנצט; און די חברה מיט די גרויסע גלאַנצנדיקע העק — בר־ר־ר! ס'גייט דורך אַ פראָסט איבערן לייב ווען מ'טוט אַ קוק אויף אָט די גרויסע גלאַנצנדיקע העק! צולעצט מאַכט זיך דער פּראָפעסאָר האַרץ און שרייט אויס:

— העי! ———

איך זאָג: העי!! ———

העי, חברה! —

ווער זענט איר?!

קוקן זיך אום די מענטשן און זאָגן:

— דו פרעגסט אונדז? מיר זיינען האָלצהעקער.

גלאָצט אויס דער פּראָפעסאָר אַ פּאָר אויגן אויף די סטודענטן און רופט זיך אָן:

— איר האָט געהערט? — „האָלצהעקער!"

און די סטודענטן גלאָצן אויס זייערע אויגן איינע צו די אַנדערע:

— איר האָט געהערט? — „האָלצהעקער!"

מאַכט זיך דער פּראָפעסאָר קוראַזש און פרעגט נאָך אַמאָל:

— און וואָס האַקט איר, האָלצהעקער?

ענטפערן די האָלצהעקער:

— וואָס מיר האַקן ? — וואָס סע מאַכט זיך. מיר האַקן וועלדער ; און ווען ס'איז ניטאָ קיין וועלדער, האַקן מירביימער ; און ווען ס'איז ניטאָ קיין ביימער, האַקן מיר האָלץ.

פרעגט ווידער דער פּראָפעסאָר :

— און וואָס טוט איר, ווען איר האָט ניט וואָס צו האַקן ?

ענטפערן די האָלצהעקער :

— ווען מיר האָבן ניט וואָס צו האַקן, זיצן מיר אין געהאַקטע וואונדן — ווייל דעמאָלט האָבן מיר ניט וואָס צו עסן.

— אויב אַזוי, רופט זיך אָן דער פּראָפעסאָר, איז וואָס זשע טוט איר דאָ ?

דערציילן אים די האָלצהעקער, ווי דער רייכער מאַן האָט זיי געדונגען אויסצוהאַקן זיין וואַלד, און ווען זיי זיינען צוגעקומען צום וואַלד, האָט זיי דער באַרג איינגעשלונגען (וואָרים די האָלצהעקער האָבן נאָך אַלץ ניט געוואוסט, אַז דער באַוועגלעכער באַרג איז אין דער אמתן אַזאַ ריזיקע שלאַנג).

— אויב אַזוי, רופט זיך אָן דער פּראָפעסאָר, געפינען מיר זיך דאָ אַלע אין דעמזעלביקן אויוון ; און ס'קאָן דאָ פון אונדז ווערן אָדער אַ מאָלצייט, אָדער אַ יאָרצייט — אָדער מיר וועלן דאָ פאַרלאָרן ווערן און סע וועט זיין שאַ, שטיל, אַז אפילו אַ האָן וועט ניט אַ קריי טאָן ; אָדער מיר וועלן דאָ אויפטאָן אַזוי פיל וואונדער, אַז מע וועט פון אונדז ריידן און דערציילן אויף דור־דורות. טאָ קומט מיט מיר צוריק צום אָרט, וואו איך האָב איבערגעלאָזן מיינע לאַסט־וועגענער און די מאַשינעריע. און איר וועט מיר העלפן אין דער אַרבעט — וואָרים מיר האָבן זייער פיל אַרבעט צו טאָן. אָבער, וואַרט אַ ווײַלע. איידער מיר גייען, זאָגט מיר נאָר, וואו האָט איר גענומען האָלץ אויף פאַנאַנדערצולייגן אָט די פייערן ?

רופן זיך אָן די האָלצהעקער:

— וואָס הייסט, וואו? פון די ביימער, וואָס דער בּאַרג האָט אײַנגעשלונגען.

—אויב אַזוי, איז גוט, רופט זיך אָן דער פּראָפעסאָר מיט פרייד, נעמט די ביימער מיט זיך און קומט.

האָט מען אָנגעלאָדן די ביימער אויף די אייזלען און אויפן אָטאָמאָביל און מען האָט זיך אַלע געלאָזן גיין צוריק. מיט אַמאָל דערהערט מען ווי דער העלפאַנט טרומייטערט. קוקט מען זיך אום און מע דערזעט ווי דער העלפאַנט גייט הינטער די אייזלען און טראָגט צוויי גרויסע ביימער מיט זיין לאַנגער נאָז. און הינטערן העלפאַנט גייט דער היפּאָפּאָטאַמוס און טראָגט אַ בוים אין זיין גרויסן מויל. נאָר דער לייב, זעט אויס, האָט ניט וואָס צו טאָן און לויפט אַרום און פּלאָנטערט זיך אַלעמען אונטער די פיס אַזוי ווי אַ קאַץ. מיטאַמאָל דערזעט מען ווי דער לייב לויפט צו צום פּראָפעסאָר — כאַפּט אים אַרויף צו זיך אויפן פּלייצע, און לאָזט זיך מיט אים גיין אין פאָראויס פון דער פּראָצעסיע.

* * *

איז מען אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, בּאַרג אַרויף און בּאַרג אַראָפּ ביז מע איז אָנגעקומען צום אָרט וואו די מאַשינערי געפינט זיך. ווען די האָלצהעקער האָבן דערזען ווי ליכטיק ס'איז דאָרט — ווייל די מאַשין וואָס פּראָדוצירט עלעקטריע האָט געאַרבעט — האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט און זיך אַוועקגעשטעלט באַטראַכטן די עלעקטרישע מאַשין. אָבער דער פּראָפעסאָר האָט גלייך אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— חברה, מיר מוזן זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט! די ערשטע זאַך דאַרפן מיר אונטערשפּאַרן די סטעליע און די ווענט מיט

אייזערנע שטאַנגען, אַז זיי זאָלן אויף אונדז ניט אַיינפאַלן. נאָכדעם מוזן מיר גלייך דורכבויערן אַן עפענונג פאַר לופט — וואָרים די לופט איז דאָ זייער שלעכט. און נאָכדעם וועלן מיר זיך נעמען בויען די פאַרשידענע צימערן און אַנדערע זאַכן, וואָס מיר וועלן דאַרפן פאַר אונדזער געברויך.

האָבן זיך אַלע גלייך גענומען צו דער אַרבעט: די האָלצהעקער האָבן געהאַקט; די אייזלען האָבן געשלעפּט; דער העלפאַנט האָט געטראָגן; דער היפּאָפּאָטאַמוס האָט געשטופּט; און דער פּראָפעסאָר מיט די סטודענטן האָבן געבויערט מיט לאַנגע אויטאָמאַטישע בויערס. נאָר איינער — דער לייב — האָט זיך אַרומגעדרייט אַלעמען אונטער די פיס אַזוי ווי אַ קאַץ.

האָט מען אַזוי לאַנג געהאַקט און געבויערט, ביז מע האָט דורכגעבויערט אַ גרויס קיילעכדיק לאָך ווי אַ פענצטער די גרויס. אָבער ווי נאָר די עפענונג איז דורכגעבויערט געוואָרן, אַזוי האָט פון דאָרט אַ שפּאַר געטאָן אַ שטאַרקער שטראָם גרינע געזאַלצענע וואַסער און האָט אַלעמען אומגעוואָרפן. און ווער ווייסט וואָס מיט זיי אַלעמען וואָלט דאָרטן געשען, ווען ניט דער היפּאָפּאָטאַמוס: ווי נאָר דער היפּאָפּאָטאַמוס האָט דערזען וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, איז ער גלייך צוגעלאָפן צו דער עפענונג, האָט אַהין אַריינגעשטופּט זיין קאָפּ און פאַרשטאָפּט די עפענונג. האָט דער שטראָם אויפ־געהערט. אָבער ניט אויף לאַנג. ווי נאָר מע האָט זיך צוריק געשטעלט אויף די פיס און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, אַזוי האָט דער שטראָם נאָכאַמאָל אַ שאָס געטאָן און ווידעראַמאָל אומגעוואָרפן אַלעמען. ווייל דער היפּאָפּאָטאַמוס האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרויסגליטשן פון דער עפענונג, און דאָס וואַסער האָט געהאַלטן אין איין אַריינשטראָמען; דאָ איז דער העלפאַנט געקומען

צו הילף און האָט אונטערגעהאַלטן דעם היפּאָפּאָטאַמוס אַז ער זאָל זיך מער ניט אַרויסגליטשן.

ווען דאָס וואַסער האָט אויפגעהערט אַריינשיסן, האָט דער פּראָפעסאָר גלייך געכאַפּט אַ גרויס קיילעכדיק פענצטער, וואָס איז געווען געמאַכט פון דיקן שטאַרקן גלאָז, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— חברה, העלפט מיר אַריינשטעלן אָט דאָס פענצטער אין דער עפענונג, וועלן מיר פאַר זיך דערזען אַ נייע וועלט.

האָבן זיך אַלע גענומען צו דער אַרבעט. און איך מוז אַייך זאָגן, אַז ס'איז זיי ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. ווייל ווי נאָר דער היפּאָפּאָטאַמוס האָט אַרויסגעצויגן זיין קאָפּ, אַזוי האָט דאָס וואַסער ווידער גענומען אַריינשטראָמען און אוועקשטויסן דאָס פענצטער מיט אַלע וואָס האָבן דאָס פענצטער געשטופּט אין דער עפענונג אַריין. אָבער דאָ איז ווידעראַמאָל דער העלפאַנט געקומען צו הילף און דאָס פענצטער איז אַריינגעשטעלט געוואָרן, און דער שטראָם וואַסער האָט אויפגעהערט אַריינשיסן.

* * *

פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, זיינען זיי אַלע געבליבן שטיין פאַרגאַפט ביי דעם פענצטער. ווייל זיי האָבן דורך דעם גלאָז דערזען דעם גרונט פון אַ טיפן וואַסער מיט פאַרשידענע מינים פיש, ים־חיות און געוויקסן.

ווען דער פּראָפעסאָר האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— לויט אַלע סימאָנים וואָס איך זע דאָ, דאַכט זיך מיר אַז איך ווייס וואו מיר געפינען זיך. אָבער, איך קאָן נאָך ניט אָנרופן דאָס אָרט מיט אַ נאָמען, ווייל — ערשטנס, לאָזט עס זיך ניט גלויבן; און צווייטנס, רוף איך ניט אָן קיין זאַך מיט אַ נאָמען ביז איך אונטערזוך ניט און געפין ניט אויס צי מיין פאַרדאַכט איז ריכטיק. דעריבער וועל

איך זיך גלייך נעמען אונטערזוכן די זאַך. און פאַר דער צייט וואָס איך וועל זיין פאַרנומען, וויל איך, אַז איר זאָלט זיך נעמען צו דער אַרבעט און דורכבויערן נאָך אַ פענצטער אין דער אַנט־קעגנדיקער זייט, און נאָכדעם זאָלט איר פאַר מיר דורכהאַקן אַ טויער אין באָדן, טאַקע דאָ, אונטער אונדזערע פיס.

האָבן זיך אַלע גענומען צו דער אַרבעט: די האָלצהעקער האָבן געהאַקט; די סטודענטן האָבן געבויערט; און דער העלפאַנט מיטן היפּאָפּאָטאַמוס האָבן אויך צוגעהאָלפן. און דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעשטעלט ביים פענצטער פאַרשידענע מאַשינעריע, עלעקטרישע לאָמפּן און פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן און האָט זיך פאַרטיפט אין זיין שטודיום.

איז דער פּראָפעסאָר געווען אַזוי שטאַרק פאַרטאָן אין זיין אַרבעט, אַז ער האָט ניט געזען און האָט ניט געהערט וואָס אַרום אים טוט זיך אָפּ. און ער האָט אפילו ניט געפילט וואָס מיט אים אַליין טוט זיך. אַ שטייגער, ווען מע האָט דורכגעבויערט די צווייטע עפענונג פאַרן פענצטער, און ביז מע האָט דאָס צווייטע פענצטער אַהין אַריינגעשטעלט, האָט דערווייל ווידער אַריינגעשאָסן אַ שטראָם וואַסער און אַלעמען אומגעוואָרפן — אפילו דעם פּראָפעסאָר מיט זיין מאַשינעריע אויך. האָט ער זיך אויפגעהויבן, אויפגעשטעלט זיין מאַשינעריע און זיך ווידער געטאָן זיין אַרבעט גלייך ווי גאָרנישט איז געשען. ערשט, ווען מע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן טויער, וואָס מע האָט דורכגעהאַקט אין באָדן, האָט זיך דער פּראָפעסאָר אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די מענטשן און האָט זיך אָנגערופן:

— יאָ, ס'איז טאַקע אַזוי ווי איך האָב פריער געוואָלט זאָגן. איצט אָבער קאָן איך עס זאָגן מיט זיכערקייט, אַז מיר געפינען זיך אויפן גרונט פונעם פּאַסיפישן אָקעאַן. איצט בלייבט מיר נאָר איין

זאַך פעסטצושטעלן, און דאָס איז: ווי אַזוי קומען מיר אַהער? אָבער, כדי דאָס פעסטצושטעלן, וועל איך זיך מוזן אַראָפּלאָזן דורכן טויער צום גרונט פון ים.

* * *

ווען די הונדערט האַלצהעקער האָבן דערהערט, אַז זיי געפינען זיך אויפן אָפּגרונט פונעם פאַסיפישן אָקעאַן, האָבן זיי איבערגעלאָזן דעם פּראָפעסאָר מיט זיינע סטודענטן, געכאַפּט די גרויסע העק, זיך אויפגעזעצט אויף די אייזלען און זיך געלאָזט לויפן זוכן אַן אַרויסגאנג.

ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזן דעם פּראָפעסאָר און זיך אַראָפּגעלאָזן דעם ערשטן באַרג, אַזוי האָט אָנגעהויבן ווערן פינצטערער און פינצטערער, ביז די פינצטערניש איז געוואָרן אַזוי געדיכט, אַז מע האָט גאָרנישט ניט געקאָנט זען אַרום זיך. אָבער דאָ איז געשען אַ שיינע זאַך: ווי נאָר ס'איז געוואָרן אזא פינצטערניש, אַזוי האָבן די אייזלען אָנגעהויבן אַרויסלאָזן שטראָמען ליכט פון זייערע אויגן — אַזוי ווי פון אויטאָמאָביל־לאַמטערנעס — און האָבן באַלויכטן דעם וועג.

זיינען זיי אַזוי געפאָרן און געפאָרן, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו איין הויכן באַרג אַרויף, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן אויף מיילן און מיילן אין דער הויך און אין דער ווייט אַריין. און ביים סוף פון דעם באַרג־אַרויף, האָט זיך זיי געדאַכט, זעען זיי אַן אַרויסגאַנג. האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט און זיך געלאָזט אין הויכן און לאַנגן וועג אַריין מיט געזאַנג.

ווען זיי האָבן דערגרייכט די העכסטע הויך פונעם באַרג־אַרויף האָט זיך דער וועג אויסגעגלייכט. און דאָ האָבן זיי מיטאַמאָל דערזען, אַז זיי זיינען שוין צוגעקומען צום סוף פון טונעל און קיין

אַרויסגאַנג איז ניטאָ. און איר ווייסט דאָך וואָס סע מיינט „דער סוף פון טונעל״? דאָס מיינט אַז זיי זיינען צוגעקומען צום עק פון דער שלאַנג. וואָס זשע זאָלן זיי דאָ טאָן? האָבן זיי באַשלאָסן דורכצוהאַקן אַן אַרויסגאַנג. האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, זיך פאַרמאָסטן מיט די גרויסע העק און געגעבן אַ האַק מיט אַלע כוחות. זיינען די העק אַיינגעזונקען אין באָדן אַזוי טיף, אַז די האָלצהעקער האָבן געשלעפּט און געשלעפּט און ניט געקאָנט אַרויסשלעפּן. און אַ האָלצהאַקער אָן אַ האַק איז ווי אַ פּאַסטוך אָן אַ פייפל. איז וואָס זשע זאָלן זיי דאָ טאָן? האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן באַרג־אַראָפּ צוריק צום פּראָפעסאָר — אפשר האָט ער שוין געפונען אַן עצה ווי אַזוי מע קאָן פון דאַנען אַרויס.

* * *

זיינען זיי געלאָפן און געלאָפן, באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַראָפּ און נאָכדעם ווידער אַ בערגל אַרויף און אַראָפּ, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום אָרט, וואו זיי האָבן איבערגעלאָזן דעם פּראָפעסאָר מיט זיינע סטודענטן.

אָבער פאַר דער צייט וואָס די האָלצהעקער זיינען דאָ ניט געווען האָט דער פּראָפעסאָר מיט זיינע סטודענטן אויפגעטאָן אַזוי פיל זאַכן, אַז ס'האָט זיך קוים געלאָזט גלויבן. זיי האָבן דאָ אויפגעבויט אַ גאַנץ הויז מיט אַ סך זאַלן און צימערן, מיט אַ גאָר גרויסן אַקוואַריום. און דער פּראָפעסאָר האָט דורך דער צייט שוין אַ שפּאָר ביסל מאָל זיך אַראָפּגעלאָזן צום גרונט פון ים און האָט שוין אַרויפגעבראַכט אַ שיין ביסל זאַכן. דאָס האָט מען קלאָר געקאָנט זען, ווען מע האָט אַריינגעקוקט אין די גרויסע וואַסער טאַנקען, וואָס דער פּראָפעסאָר מיט זיינע סטודענטן האָבן אויפגעבויט. אין איין טאַנק זיינען אַרומגעשוואומען אַ פּאָר זעלטענע וואַלפישן; אין אַ

צווייטן טאַנק האָבן זיך געפונען פאַרשידענע קליינע פישן און דזשעלי־פישן; אין אַ דריטן טאַנק זיינען אַרומגעקראָכן עטלעכע גרעסערע און קלענערע טשערעפּאַכעס; ביים זייט זיינען געשטאַנען קאַסטנס אָנגעפילט מיט פאַרשידענע קאָראַלן און שטיינער, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אַרויפגעבראַכט פון אָפּגרונט פון ים.

אויך איצט האָט מען דעם פּראָפעסאָר ניט געזען. און ווען די האָלצהעקער האָבן געפרעגט — וואו איז דער פּראָפעסאָר? האָבן די סטודענטן געענטפערט:

— וואו זאָל ער זיין? — וואו ער איז אַלעמאָל: וואַנדערט אַרום איבערן אָפּגרונט פון ים.

אין דעם דערהערן זיי דריי קלעפּ אין דעם אונטערשטן טויער. און טאַקע באַלד דערזעען זיי ווי דער טויער עפנט זיך און ברענגט אַרויף דעם פּראָפעסאָר אין אַן עלעקטרישן הייב־מאַשין. און דער פּראָפעסאָר איז אָנגעטאָן אין אַ טויכער־אַנצוג און זיינע הענט זיינען פול מיט זאַכן, וואָס ער האָט מיט זיך אַרויפגעבראַכט פון גרונט פון ים: אין זיין רעכטער האַנט האַלט ער אַ געבונדענעם שוואַרצן אָקטאָפּוס; און אויף דער לינקער האַנט טראָגט ער אַ צוגעמאַכטן קויש. נאָכדעם ווי ער האָט דעם אָקטאָפּוס אַריינגעלאָזן אין אַ באַזונדערן וואַסער טאַנק, רופט ער זיך אָן:

— און איצט קומט אַלע אַהער און קוקט אָן דעם וואונדער וואָס איך האָב געפונען אויפן דעק פון ים — סאיז אַן אמתער אוצר! — צוויי שוואָמען־מענטשעלעך. האָט איר שוין אַמאָל געהערט פון שוואָמען־מענטשעלעך? ניין. איך ווייס אַז ניין. זיי זיינען אָבער דאָ אין אַ גרויסער צאָל. און ניט יעדער איינער קאָן זיי דערקאָנען. קוקט זיי אָן.

זיינען אַלע געשטאַנען מיט אויפגעריסענע אויגן און האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דעם, וואָס זיי האָבן געזען. די שוואָמען מענטשעלעך האָבן אויסגעזען ווי אמתע מענטשן — מיט אַ נאָז, מיט אַ מויל, מיט אויגן, מיט אויערן, מיט אַ קערפּער, מיט הענט און מיט פיס — נאָר, אַנשטאָט זיין פון פלייש אוןביין און בלוט, אַזוי ווי אַלע מענטשן, זיינען די גאָר פון שוואָמען.

* * *

ווען מע האָט די שוואָמען־מענטשעלעך אַריינגעלאָזן אין אַ וואַסער־טאַנק, האָבן זיי דאָרטן ניט געוואָלט בלייבן: זיי זיינען אַרויסגעקראָכן און זיך געלאָזט לויפן איבער אַלע צימערן, און גענומען נאָכטאָן אַלצדינג, וואָס די אמתע מענטשן האָבן געטאָן. האָט מען זיי געכאַפּט און געוואָלט פאַרשפּאַרן אין אַ צוגעמאַכטן וואַסער־טאַנק. האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט: — „לאָזט זיי". האָט מען זיי געלאָזן. אָבער אַלע האָבן זיי פיינט געהאַט. אפילו דער העלפאַנט, דער היפּאָפּאָטאַמוס און דער לייב האָבן זיי אויך פיינט געהאַט. ווען דער העלפאַנט פלעגט זיי דערזען, פלעגט ער מיט פאַראַכטונג אַ פינטל טאָן מיט די אויגן; דער היפּאָפּאָטאַמוס פלעגט אַוועקקערן זיין קאָפּ פון זיי; און דער לייב פלעגט נעמען ברילן מיט צאָרן, ווען ער פלעגט דערזען די שוואָמען־מענטשעלעך.

און די שוואָמען־מענטשעלעך האָבן טאַקע אָנגעטאָן אַ סך שאָדן אויך. אַ שטייגער: מע האָט באַשלאָסן אויספאַרבן די צימערן. האָט מען פאַרמישט דריי גרויסע צעבערס מיט פאַרב — אַ צעבער רויט, אַ צעבער בלוי און אַ צעבער געלע פאַרב — און מע וויל זיך שוין נעמען פאַרבן. ערשט, מ'טוט אַ קוק, סע שטייען ליידיקע צעבערס. וואָס איז דאָ געשען? וואו זיינען די פאַרבן אַהינגעקומען? אָט וואו: די שוואָמען־מענטשעלעך זיינען צוגעקומען און אַריינגעשטעקט

אַ האַנט אין איין צעבער, און אַ פוס אין אַנדער צעבער, און האָבן אין זיך אַריינגעצויגן די גאַנצע פאַרבן. האָבן זיי אָבער פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, זיינען זיי פאַרקראָכן אין אַ ווינקל, האָבן צוגעמאַכט די אויגן און גענומען כראָפּען, כדי מע זאָל מיינען אַז זיי שלאָפן. איז מען נאָכגעגאַנגען נאָך די פוס־טריט וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן און מע האָט זיי געפונען. ווי נאָר מע האָט זיי דערזען, אַזוי האָט אויסגעבראָכן אַ גרויס געלעכטער — אַזוי קאָמיש האָבן די צוויי אויסגעזען. איינער איז געווען האַלב־רויט און האַלב־בלוי, און דער צווייטער איז געווען האַלב־בלוי און האַלב־געל. וואָס זשע זאָל מען דאָ טאָן ? מע דאַרף דאָך האָבן די פאַרבן אויף אויספאַרבן די צימערן ? האָט מען באשלאָסן אויסקוועטשן די שוואָמען־מענטשעלעך. האָט מען געבראַכט צוויי גרויסע צעבערס און מען האָט זיך גענומען קוועטשן די שוואָמען־מענטשעלעך. איז פון דעם, וואָס האָט אין זיך אַריינגעצויגן די רויטע און בלויע פאַרבן, אַרויסגעקומען אַ פורפור פאַרב ; און פון דעם, וואָס האָט אין זיך אַריינגעצויגן די בלויע און געלע פאַרבן, אַרויסגעקומען אַ גרינע פאַרב. האָט מען שוין געמוזט אויספאַרבן די צימערן מיט די גרינע און פורפור פאַרבן. דערפאַר, אָבער, שפּעטער, ווען מע האָט געדאַרפט האָבן אָראַנדזש פאַרב אויף אויספאַרבן דעם טעאַטער, וואָס זיי האָבן דאָרט אויסגעבויט, האָט מען מער קיין פאַרבן ניט געמישט. נאָר אַנשטאָט דעם, האָט מען גענומען די שוואָמען־מענטשעלעך און זיי איינגעטונקט — איינעם אין רויטע פאַרב און דעם אַנדערן אין געלע פאַרב — און זיי נאָכדעם אויסגעקוועטשט, האָט מען געהאַט אַ פולן צעבער מיט אָראַנדזש פאַרב.

איינמאָל רופט זיך אָן דער פּראָפעסאָר:

— איר ווייסט, חברה, ס׳איז מיר עפּעס פאַרגאַנגען אין נאָז וועגן דעם טונעל וואו מיר געפינען זיך. איך האָב אַ פאַרדאַכט. אָבער, איר ווייסט דאָך, אַז איך זאָג גאָר נישט, און רוף קיין זאַך ניט אָן מיט אַ נאָמען, ביז וואַנען איך געפין אויס, צי איז מיין פאַרדאַכט ריכטיק. דעריבער האָב איך באַשלאָסן אַראָפּלאָזן זיך צום גרונט פון ים און מאַכן אייניקע אויסמעסטונגען. אָבער, פאַר דער צייט וואָס איך וועל זיך געפינען אויפן גרונט פון ים, וויל איך, אַז איר זאָלט דאָ דערווייל אויפטאָן אַ פּאָר נוצלעכע זאַכן.

רופן זיך אָן אַלע:

— זאָג אונדז וואָס — און מיר וועלן טאָן.

זאָגט דער פּראָפעסאָר:

— איך וויל איר זאָלט אויפבויען צוויי גרויסע אײַזערנע טויערן. איין טויער זאָל קאָנען צומאַכן איין זייט טונעל, און דער אַנדערער טויער זאָל קאָנען צומאַכן די אַנדערע זייט טונעל, אַזוי, אַז אונדזערע צימערן זאָלן זיך געפינען אַזוי ווי אין אַן אייזערנעם קאַסטן. זעט נאָר, אַז די טויערן זאָלן זיין אַזוי געמאַכט, אַז זיי זאָלן ניט דורכלאָזן קיין וואַסער.

פאַרענדיקט זיינע באַפעלן, האָט דער פּראָפעסאָר זיך אָנגעטאָן זיין טויכער־אָנצוג, האָט מיטגענומען פאַרשידענע מעסט־אינסטרו־מענטן און זיך אַראָפּגעלאָזן צום גרונט פון ים.

ווי נאָר דער אונטערשטער טויער האָט זיך צוגעמאַכט נאָכן פּראָפעסאָר, אַזוי האָבן זיך אַלע גענומען צו דער אַרבעט. און די אייזלען און דער העלפאַנט און דער היפּאָפּאָטאַמוס האָבן אויך געהאָלפן. נאָר דער לייב און די שוואָמען־מענטשעלעך זיינען אַרומגעלאָפן פון דאַנען אַהין און פון דאָרטן אַהער, געשטאַנען

אַלעמען אונטער דער האַנט און זיך געפּלאָנטערט אַלעמען אונטער די פיס.

* * *

ווען די צוויי גרויסע טויערן זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן אין גרויסן זאַל צו באַגעגענען דעם פּראָפעסאָר. ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז ער דאַרף שוין באַלד זיין צוריק. האָבן זיי טאַקע גלייך דערהערט דריי קלעפּ אין אונטערשטן טויער, און טאַקע באַלד האָט זיך דער טויער געעפנט און האָט אַרויפגעבראַכט דעם פּראָפעסאָר. האָט ער פון זיך אויסגעטאָן דעם טויכער־אָנצוג און האָט זיך אָנגערופן:

— טרעפט, חברה, וואָס איך האָב ערשט אויסגעפונען?

רופן זיך אָן אַלע:

— דערציילן אונדז, וועלן מיר טרעפן.

— איך האָב ערשט אויסגעפונען, זאָגט דער פּראָפעסאָר, דאָס ריכטיקע אָרט, וואו מיר געפינען זיך.

— וואָס הייסט, ערשט אויסגעפונען? רופן זיך אָן אַלע. דו האָסט דאָך אונדז פריער געזאָגט, אַז מיר געפינען זיך אויפן גרונט פונעם פּאַסיפישן אָקעאַן?

— יאָ, זאָגט דער פּראָפעסאָר, דאָס איז ריכטיק, אָבער, ווי אַזוי קומען מיר צום אָפּגרונט פונעם פּאַסיפישן אָקעאַן? האַ? ווער קאָן זאָגן?

קנייטשן אַלע מיט די אַקסלען:

— פון וואַנען זאָלן מיר וויסן?

— אויב אַזוי, טאַ הערט: איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט אַ פאַרדאַכט און די גאַנצע צייט געקליבן באַווייזן, אָבער ערשט איצט האָב איך אויסגעפונען, אַז מיר געפינען זיך אין בויך פון אַ ריזיקער

שלאַנג. און דער שלאַנג איז — ווי עס ווייזט אויס — שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן דאָס האַקן און בויערן וואָס מיר האָבן געטאָן אין איר בויך, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזן איבערן אָפּגרונט פון ים כדי איינצושטילן די ווייטאָקן.

און אַזוי זיינען מיר דאָ — אין מיטן פון פּאַסיפישן אָקעאַן.

דערהערט אַזאַ דערקלערונג, זיינען די האַלצהעקער געוואָרן ווייס ווי קאַלך און זיי האָבן אָנגעהויבן וויינען:

— וויי, וויי! מיר זיינען פאַרלאָרענע! ניט גענוג וואָס מיר געפינען זיך אויפן גרונט פונעם פּאַסיפישן אָקעאַן, זיינען מיר נאָך דערצו ביי אַ שלאַנג אין בויך — וויי, וויי!

— שאַט! וויינט ניט! רופט זיך אָן דער פּראָפעסאָר. מיר זיינען טאַקע ביי אַ שלאַנג אין בויך, און די שלאַנג ליגט אויפן גרונט פונעם פּאַסיפישן אָקעאַן, אָבער מיר זיינען ניט קיין פאַרלאָרענע. דערפאַר האָב איך אייך דאָך געהייסן אויפבויען צוויי גרויסע טויערן וואָס זאָלן קאָנען פאַרשפּאַרן דעם טונעל אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך געפינען ווי אין אַן אייזערנעם קאַסטן. אַלץ וואָס מיר דאַרפן טאָן איצט, איז אויפבויען אַ פּאָר רודערס און עס פאַראייניקן מיט די מאָטאָרן פון אונדזערע אויטאָמאָבילן און לאַסטוועגענער, וועלן מיר האָבן אַ גוטע און באַקוועמע שיף צו פאָרן אַהיים צו אונדזערע ווייבער און קינדער.

האָבן זיך אַלע מיט פרייד גענומען צו דער אַרבעט און אויפ־געבויט אַ פּאָר רודערס און זיי גענומען פאַראייניקן מיט די מאָטאָרן פון די אויטאָמאָבילן און לאַסטוועגענער. אַרבעטן זיי אַזוי מיט חשק און דערפילן מיטאַמאָל ווי אַ שטראָם פרישע לופט האָט זיך גענומען טראָגן איבערן טונעל. מיינען זיי אַלע, אַז עס דאַכט זיך זיי אויס. באַלד אָבער דערהערן זיי ווי אַ קול טראָגט זיך פון איין עק טונעל

צונג אַנדערן, אַזוי ווי מע וואָלט עפּעס געפּרעגט. און טאַקע באַלד טראָגט זיך צוריק אַן ענטפער פון אַנדער עק צום ערשטן.

וואָס איז דאָ געשען?

לאָמיר דאָ איבערלאָזן דעם פּראָפעסאָר, מיט די סטודענטן, מיט די האַלצהעקער, מיט די אייזלען, מיט די חיות, ביי דער שלאַנג אין בויך, און לאָמיר אַרויסגיין און אויסגעפינען וואָס ס'איז געשען מיט דער שלאַנג פאַר דער גאַנצער צייט וואָס מיר זיינען געווען אינעווייניק.

* * *

די יאַפּאַנעזער דערציילן: ווען זיי האָבן דערזען ווי די ריזיקע שלאַנג לאָזט זיך אין ים אַריין, זיינען זיי מיט פרייד נאָכגעגאַנגען פון הינטן צו זען ווי די שלאַנג וועט דערטרונקען ווערן. אָבער פּונקט דעמאָלט ווען דער עק פון דער שלאַנג איז שוין געווען ביים ברעג ים, האָבן זיך מיטאַמאָל הונדערט העק געגעבן אַ האַק אין דער ערד אַריין דורך דער שלאַנגס עק און האָבן פאַראַנקערט די שלאַנג ווי ס'וואָלט זיך פאַראַנקערט אַ שיף. זיינען די יאַפּאַנעזער געבליבן שטיין ביים ברעג ים און געוואַרט צו זען, וואָס דאָ וועט זיין דער סוף פון דער שלאַנג.

לאָמיר איצט איבערלאָזן די יאַפּאַנעזער ביים ברעג ים, און לאָמיר אַריבערלויפן דעם פּאַסיפישן אָקעאַן איבערן רוקן פון דער שלאַנג, און זען וואָס ס'איז געשען מיט איר קאָפּ.

פּונקט ווען דער עק פון דער שלאַנג איז פאַראַנקערט געוואָרן אין יאַפּאַן, האָט די שלאַנג מיט איר קאָפּ דערגרייכט דעם אַמעריקאַנעם ברעג, האָט אַרויסגעלייגט איר קאָפּ אויף אַ וואַלדיקן ים־ברעג אין קאַליפאָרניע, און גענומען אַריינציען אין זיך פרישע לופט. דאַרף זיך מאַכן, אַז פּונקט דעמאָלט האָט אַ כינעזער

געשפּאַצירט מיט זיין פריינט איבער דעם וואַלדיקן ים־ברעג אין קאַליפאָרניע, און האָט מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט גענומען בילדער פון די ריזיקע ביימער פון וואַלד. אַזוי שפּאַצירנדיק דערזעט דער כינעזער דאָס ריזיקע אָפענע מויל פון דער שלאַנג, רופט ער זיך אָן צו זיין פריינט:

— זע נאָר, סאַראַ גרויסער טונעל! און ווי שיין ס'איז אָפּגע־אַרבעט — פּונקט ווי דער קאָפּ פון אַ ריזיקער שלאַנג! לאָמיר צוגיין נעענטער, וועל איך עס פאָטאָגראַפירן.

זיינען זיי צוגעגאַנגען. רופט זיך אָן דער פריינט:

— אַז מיר זיינען שוין נאָענט, טאָ לאָמיר אַריינשרייען. אין אַ טונעל אַז מ'שרייט אַריין, קלינגט אָפּ אויף צוריק פּונקט ווי אַן ענטפער.

האָבן זיי גענומען אַריינשרייען אַזוי:

— קוואַנגאַ קווינגי קוואַנג? (אויף דעם דאַמאָלסדיקן כינעזיש האָט עס געהייסן: וואָס הערט זיך אין דער אַלטער היים?)

האָבן די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג ים אין יאַפּאַן, דערהערט ווי פון דער שלאַנגס עק טראָגט זיך אַ קול און פרעגט אויף כינעזיש — קוואַנגאַ קווינגי קוואַנג? און יאַפּאַנעזער קאָנען דאָך ריידן כינעזיש, האָבן זיי צוריק אַריינגעשריען אויף כינעזיש דורך דער שלאַנגס עק:

— קווינג קוואַנג קוואַנג? (אויף דעם דאַמאָלסדיקן כינעזיש האָט עס געהייסן: וואָס הערט זיך אין נייעם לאַנד?)

ווער ווייסט וואָס נאָך זיי וואָלטן דאָרטן געזאָגט. דאָ אָבער האָט די שלאַנג דערשמעקט די צוויי כינעזער. האָט זי גענומען דרייען מיט די אויגן, קלאַפּן מיט די ציין, און געוואָלט זייביידן איינשלינגען (ווייל די שלאַנג האָט זייער ליב געהאַט צו שלינגען כינעזער). האָבן

זיך די כינעזער דערשראָקן און זיך געלאָזט לויפן דורך די קאַלי־פאָרניער וועלדער. האָט זיך די שלאַנג גענומען רייסן מיט צאָרן, האָט אַרויסגעריסן איר עק פונעם יאַפּאַנעזישן באָדן און זיך גענומען יאָגן איבער די קאַליפאָרניער וועלדער נאָך די צוויי כינעזער. און אַזוי ווי די הונדערט העק זיינען געבליבן שטעקן אין איר עק, האָט זי פון גרויס צאָרן גענומען האַקן דעם וואַלד. מיט יעדן האַק וואָס זי האָט געטאָן מיט איר עק האָט זי אויסגעהאַקט הונדערטביימער. אַ האַק — און הונדערט ביימער פאַלן! און נאָכאַמאָל אַ האַק און נאָך הונדערט ביימער פאַלן! און אַזוי האָט זי געהאַקט, און געהאַקט, און האָט שיר אויסגעהאַקט דעם גאַנצן וואַלד, ביז זי האָט אָנגעטראָפן אויף איינעם פון די ריזן־ביימער, וואָס געפינען זיך אין די קאַליפאָרניער וועלדער. דעם ריזן־בוים האָט זי מיט איין האַק מיטן עק ניט געקאָנט אויסהאַקן. איז זי נאָך מער אַריין אין צאָרן, אַרומגעכאַפּט דעם ריזן־בוים מיט איר קאָפּ, צעוויגט איר עק מיט די הונדערט העק און געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויפן בוים — אָבער, אַנשטאָט צו טרעפן אין בוים, האָבן די הונדערט העק איר געטראָפן אין קאָפּ און אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. איז זי געבליבן ליגן אַ טויטע.

און דאָס איז געווען דער סוף פון מיין שלאַנג.

אָ, יע, איר ווילט דאָך געוויס וויסן, וואָס ס'איז געוואָרן מיטן פּראָפעסאָר, מיט זיינע סטודענטן, מיט די הונדערט האָלצהעקער, מיט די אייזלען, מיט די חיות און מיט די ים־באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער שלאַנג אין בויך? — הערט זשע:

ווען די שלאַנג איז געבליבן ליגן אַ טויטע, זיינען אָנגעלאָפן מענטשן פון גאַנצן לאַנד צו באַטראַכטן די ריזיקע שלאַנג. איז ווי די מענטשן שטייען און קוקן, דערזעען זיי ווי ביי דער שלאַנג עפנט

זיך אַ טויער אין בויך און ס׳הויבן אָן פון דאָרט אַרויספאָרן אויטאָ־מאָבילן מיט מענטשן און לאַסטווּעגענער אָנגעלאָדענע מיט פאַר־שידענע מאַשינעריע; און הינטער דעם פאָרן די הונדערט האָלצהעקער אויף זייערע אייזלען און זינגען זייער העקער־ליד; הינטער די האָלצהעקער פאָרט דער פּראָפעסאָר אויפן העלפאַנט און האַלט דעם לייב אויף די הענט ווי מ׳האַלט אַ קעצל; הינטער דעם העלפאַנט גייט דער היפּאָפּאָטאַמוס און שלעפּט אַ גרויסע פּלאַטפאָרמע אויף רעדער, און אויף דער פּלאַטפאָרמע שטייען די גרויסע וואַסער טאַנקען מיט די פאַרשידענע ים־חיות; נאָך דעם היפּאָפּאָטאַמוס קריכן די גרויסע טשערעפּאַכעס, און אויף די טשערעפּאַכעס זיצן די שוואָמען־מענטשעלעך און גאָר צולעצט קריכן נאָך די קלענערע טשערעפּאַכעס.

ווען זיי זיינען אַלע אַרויס, איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד און אַלע האָבן געהוליעט און געטאַנצט. און דער טאָג ווען זיי זיינען אַלע אַרויס לעבעדיקע פון דער שלאַנגס בויך איז פאַרבליבן אַ יום־טוב ביז היינטיקן טאָג.



קאַטאַלאָג פון פאַרלאַג „מתנות״

פאַרבלאָנדזשעט, פון יעקב קרעפּליאַק,
אילוסטרירט פון אהרן גודלמאַן — — — — — — — — — — .25
מוראַשקעס, פון חיים גאָלדבלום,
אילוסטרירט פון אהרן גודלמאַן — — — — — — — — — — .20
די מעשה מיט אַ בער, פון פּרץ הירשביין,
אילוסטרירט פון ברוך אראָנסאָן — — — — — — — — — — .15
דער קאַמיליאָן, פון פּרץ הירשביין,
אילוסטרירט פון אהרן גודלמאַן — — — — — — — — — — .10
50 לידער פון אברהם רייזען,
גערדרוקט אין פאַרשידענע קאָלירן, אילוסטרירט פון 6 קינסטלער—.75
כאַוועך פאַוועך מעשהלעך, געבונדן אין איין באַלד
אילוסטרירט פון אהרן גודלמאַן — — — — — — — — — — 1.00
ייִנגעלע רינגעלע, פון לעאָן עלבע,
אילוסטרירט פון אהרן גודלמאַן (צווייטע אויפלאַגע) — — — — 1.25
גוט מאָרגן, (קינדער לידער) פון י. גויכבערג,
אילוסטרירט פון נאָטע קאָזלאָווסקי — — — — — — — — — .75
שפּילערייען, פון שלמה שניידער,
אַ בוך פון פאַרשידענע קונצן און רעטענישן — — — — — — — .50
טויבן, (דערציילונג) פון יעקב קרעפּליאַק — — — — — — — .20
קמצא און בר קמצא, פון י. גויכבערג,
אילוסטרירט פון נאָטע קאָזלאָווסקי — — — — — — — — — .75
אַמאָליקע יאָרן, פון י. קאָפּעלאָוו,
אילוסטרירט פון טאָדרעס געלער — — — — — — — — — .80
שמערל נאַר, פון ש. סיימאָן,
אילוסטרירט פון אהרן גודלמאַן — — — — — — — — — — .75
וואָרט און בילד, כרעסטאָמאַטיע פאַר אָנפאַנגער,
פון שרה ל. ליבערט, אילוסט. פון נאָטע קאָזלאָווסקי — — — — .45
דאָס קלוגע שניידערל, פון ש. סיימאָן,
אילוסטרירט פון י. פרידלענדער — — — — — — — — — .80

דאָס טעלערל פון הימל, פון אַלעף כּץ,
אילוסטראַציעס — יאָסל קאָטלער — — — — — — — — — — — .25
אַדאַם לידערבוך, פון אפרים אויערבאַך,
אילוסטרירט פון העניריך גליצענשטיין — — — — — — — — — .85
יונגוואַרג, פון יעקב קרעפּליאַק,
אילוסטראַציעס — נאָטע קאָזלאָווסקי — — — — — — — — — — 1.00
קינדער יאָרן פון יידישע שרייבער, פון שלמה סיימאָן — — 1.25
טאָלי און טאָבי, פון י. מעצקער,
אילוסטרירט פון י. פרידלענדער — — — — — — — — — — — 1.00
ראָבערטס ווענטורעס, פון שלמה סיימאָן,
אילוסטרירט פון נאָטע קאָזלאָווסקי — — — — — — — — — — 1.25
די דרייַ באַרימער, פון דוד ראָדין,
אילוסטרירט פון יצחק ליכטענשטיין — — — — — — — — — 1.50
יידיש העפטן, פאַר זמן 2, פון י. גוויכבערג און י. טאַלפין
(צווייטע העלפט פונעם ערשטן לערניאָר) — — — — — — — — .10
יידיש העפטן, פאַר זמן 3
(ערשטע העלפט פונעם צווייטן לערניאָר) — — — — — — — .10
מיר שרייבן,
אילוסטרירט העפט פאַר אָנפאַנגער — — — — — — — — — — .10
געבונדענע יאָרגענג קינדער זשורנאַל, שיין און שטאַרק געבונדן
2טער, 8טער, 9טער, 10טער, 11טער, 12טער, 13טער, 14טער,
15טער, 16טער, 17טער, 18טער, 19טער, 20טער יאָר, פּער באַנד— 1.50
אַזוי זייַנען מענטשן, פון לייבוש לעהרער — — — — — — — — 1.25
פסיכאָלאָגיע און דערציאונג, פון לייבוש לעהרער — — — — — 2.50
די מאָדערנע יידישע שול, פון לייבוש לעהרער — — — — — — .75
יידישקייט און אַנדערע פּראָבלעמען, פון לייבוש לעהרער — — 1.50

●

באַשטעלונגען ווערן פּינקטלעך און שנעל ארויסגעשיקט — אדרעסירט

FARLAG MATONES

22 EAST 17th ST., NEW YORK

Room 1235 **Tel. GRamercy 5-9044**